STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01115

# KINDER YORN FUN YIDISHE SHRAYBER

Solomon Simon

*Permanent preservation of this book was made possible in memory of Sally Radner Miller*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# קינדער יאָרן

## פון יידישע שרייבער

פון

שלמה סיימאָן

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

# CHILDHOOD YEARS OF JEWISH WRITERS

BY

SOLOMON SIMON

ערשטע אויפלאַגע, 1945
צווייטע אויפלאַגע, 1953

Copyrght, 1945,
by SOLOMON SIMON
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

גערדרוקט ביי „פיוטורא" פרעס
476 בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

200

# אינהאַלט

מענדעלע מוכר ספרים ........................ 9
י. ל. פּרץ ................................ 41
שמעון דובנאָוו ........................... 67
מאָריס ראָזענפעלד ....................... 101
דר. חיים זשיטלאָווסקי .................... 117
שלום אַש ................................ 133
ז. ליבין ................................ 149
ה. לייוויק .............................. 167
י. י. זינגער ............................ 195

די קינדער יאָרן, הײַב איך אָן צו גלויבן, זיינען דער אור קוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט די אַנט־ וויקלונג פון אַ מענטשן. זיכער דערקלערן זיי אַ סך מער איידער מיר שטעלן זיך פֿאָר. זיי ליגן אַוועק דעם פֿונדאַמענט, אויב ניט פֿאַר דעם גאַנצן כאַראַקטער, איז פֿאַר אַ סך שטריכן אין אים, פֿאַר אַ סך סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, וואָס באַשטימען איינעמס גאַנג אין לעבן.

**דר. חיים זשיטלאָווסקי**

# מענדעלע מוכר ספרים

לויט מענדעלעס שלמה ר׳ חיימס און אַנדערע ווערק; שטריכן צו
מיין ביאָגראַפיע; ניגערס מענדעלע מוכר ספרים; ראַוואָניצקים
ביאָגראַפיע און די געזאַמלטע ווערק פון מענדעלע מוכר
ספרים; שלום עליכם: פיר זענען מיר געזעסן;
מענדעלעס טורעם אין געזאַמלטע ווערק.

# מענדעלע מוכר ספרים

מענדעלע מוכר ספרים, אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, איז געבאָרן געוואָרן דעם 20טן דעצעמבער, 1830, אין קאַפּוליע, אַ שטעטל אין מינסקער גובערניע, און איז געשטאָרבן אין אָדעס דעם 8טן דעצעמבער, 1917.

זיין פאָטער חיים משה איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע באַלע־באַטים פון שטעטל. ער האָט געגעבן זיין געראָטענעם זון אַ גוטע יידישע דערציאונג. ער האָט אים געלאָזט לערנען תנ"ך און אפילו דיקדוק, וואָס זענען דעמאָלט פאַררעכנט געוואָרן פאַר אפיקורסישע לימודים.

ווען שלום יעקב איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר איז זיין פאָטער גע־שטאָרבן און די קרובים האָבן אים אָוועקגעשיקט לערנען אין דעם נאָענטן שטעטל טינקעוויטש. אַ האַלב יאָר שפּעטער איז ער אָוועקגעפאָרן לערנען אין דער סלוצקער ישיבה. ער האָט דאָרט געלערנט צוויי יאָר. ער איז דערנאָך אָוועקגעפאָרן קיין ווילנע און געלערנט אַ קורצע צייט אין ראמיילעס ישיבה און אין גאונס קלויז.

אין 1856 איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ לערער אין דער קאַ־מענעצער יידישער רעגירונגס שול. אַ יאָר שפּעטער איז געדרוקט געוואָרן אין „המגיד" זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט — אַ בריוו אין העברעאיש וועגן יידישער דערציאונג.

אין 1858 האָט זיך אַבראַמאָוויטש אַריבערגעקליבן קיין בערדיטשעוו. דאָרט האָט ער געשריבן אַ סך ערנסטע ביכער, וואָס האָבן אים געמאַכט באַוואוסט איבער דער יידישער וועלט. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש אונטער דעם פּסעוודאָנים „מענדעלע מוכר ספרים". ער איז גאָר גיך באַרימט און באַליבט געוואָרן ביים פאָלק.

אין 1881 האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס. ער ווערט דאָרט דער פאַרוואַלטער פון דער תלמוד תורה. די שטעלע האָט ער געהאַלטן ביז זיין טויט.

אַבראַמאָוויטש האָט געשריבן איןביידע שפּראַכן: יידיש און העברע־איש. אין ביידע שפּראַכן ווערט ער פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן יידישן שרייבער. מען רופט אים „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור".

זיין קבר געפינט זיך אויפן בית עולם פון אָדעס, סאָוויעט רוסלאַנד.



מענדעלע מוכר ספרים

## די שטוב

דאָס יאָר אַכצן הונדערט זעקס און דרייסיק.

אַ שטעטל אויף אַ הויכן באַרג, אַרום און אַרום פעלדער, וועלדער פון ניס, גערטנער, אויך זומפּן באַוואַקסן מיט גרינעם פּלושניק (זשאַווער) און הושענות. צווישן ווערבעס און פּלושניק קוואַלן וואַסער. עס שווימלט און גריבלט מיט אַלערליי מינים פייגל. אויף יענער זייט טאָלן ציען זיך בערג, און דערנאָך ווייטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער.

די הייזער פונעם שטעטעלע זענען געבויט פון ברעווענעס, פּראָסט, איין שניט פאַר אַלע גלייך. אַ הויז באַשטייט פון איין צימער. ווי מען עפנט די טיר, קומט מען גלייך אַריין אין אַ חדר, אַ גרויסן, אַ לאַנגן. דאָס איז די הייפּט דירה, וואָס מען רופט שטוב. אָט די שטוב האָט געדינט פאַר אַן עס צימער, אויך פאַר אַ שלאָף צימער, וואו מען שלאָפט אויף צונויפגעריקטע בענק, ביי די ווענט און ביי די אויוונס.

אויף מעבל האָט מען זיך שטאַרק ניט אויסגעבראַכט. אין אַ שטוב זיינען געווען לאַנגע הילצערנע בענק אויסגעשטעלט ביי די ווענט. אויבנאָן איז געשטאַנען אַ לאַנגער פירפיסיקער, רויט געפאַרבטער טיש. אינמיטן טיש זיינען געווען אָפּגעמאָלט ווייסע און שוואַרצע קעסטלעך צו שפּילן אין דאַמקעס. אין אַ ווינקל — פון מיטן וואַנט ביז צו דער סטעליע — איז געשטאַנען פעסט איינגעפּאַסט אַ ווינקל־שאַפעלע מיט גלעזערנע טירלעך. אין דעם שאַפעלע זיינען געשטאַנען קידוש גלעזלעך, אַ הדסל, פון דראָט אַרבעט, אַ חנוכה לעמפּל, אַ פושקעלע פאַר דעם אתרוג, אַ טאַץ מיט שעלעכלעך אויף איינגעמאַכטס, וואַרשעווער זילבערנע לעפל. גאַנץ הויך אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ שפּיגל. פוןביידע זייטן פּאָרטרעטן.

פון סופיט אַראָפּ איז געהאַנגען אויף צוויי דראָטענע קייטלעך אַ קוימנדל ווי עפּעס אַ מין גלאָק. אונטן ביים ראַנד איז געווען צוגעטיילט אַן אייזערנע סקאָוואָראָדע, אויף וועלכער מען האָט ביינאַכט צעלייגט אַ פייער פון דאַרע שפּענדלעך, צו באַלייכטן די שטוב. פרייטיק צונאַכט איז דאָס הויז באַלויכטן געוואָרן פון חלבנע בענטשליכט אין מעשענע לייכטער אויפן טיש.

## מענדעלע מוכר ספרים

אין דער הינטערשטער וואַנט פון שטוב, אינעווייניק אַנטקעגן אַריינ־גאַנג, פירט אַ טיר אין אַ פינצטער הויז אָן פענצטער, אָן אַ באַלקן. דאָרט האָט מען געהאַלטן האָלץ, מולטערס, ליידיקע פעסלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַמאָל האָט דער פינצטערער חדר געדינט אויך ווי אַ שטאַל פאַר דער בהמה, בשעת גרויסע פרעסט ווינטער.

ביי דער זייט פון אָט דער הינטער טיר, לינקס, איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון געמאַכט פון ציגל, צו קאָכן און צו באַקן. אונטערן פריפעטשאָק איז געווען אָן אָרט פאַר הענער, הינער — אַ קאָטוך האָט מען עס גערופן. די עופות האָבן דאָרטן גענעכטיקט. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פריי איבערן שטוב.

האָרט ביים אויוון איז געשטאַנען אַ הרובע פון גרינע קאַפּליעס. די הרובע האָט מען געהייצט נאָר ווינטער, ווען עס איז געווען שווער אָנצו־וואַרעמען די שטוב בלויז מיט דעם אויוון. לעבן דער הרובע זיינען גע־שטאַנען צוויי לאַנגע בענק — די פליישיקע באַנק און די מילכיקע באַנק. איבער די בענק זיינען געהאַנגען אויסגעשניצטע פּאָליצעס פאַר געפעס — גראַטקעס האָט מען זיי גערופן.

אויבן אויף דער שאַפע זיינען געווײנטלעך געלעגן די ספרים, וואָס יעדער ייד האָט גענוצט: אַ סידור, אַ גאַנג חומשים, אַ גאַנג מחזורים, תחינות פאַר די ווייבער און אַנדערע הייליקע ספרים.

אין אָט אַזאַ שטוב איז געבאָרן געוואָרן שלום יעקב ברוידי, וואָס האָט זיך שפּעטער גערופן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און וואָס איז באַוואוסט אין דער גאַנצער יידישער וועלט מיט זיין פען־נאָמען: מענדעלע מוכר ספרים, „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור".

## דאָס שטעטל

קאַפּוליע, דאָס שטעטל וואו מענדעלע מוכר ספרים איז געבאָרן גע־וואָרן, איז געווען אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין מינסקער גובערניע, רוסלאַנד, ווייט פון טראַקט, מען זעט ניט קיין פּאָטשט, מען הערט ניט קיין גלעקער".

דאָס שטעטל איז געווען קליין און אָרעם. עס האָט געהערט צו אַ פריץ. אָבער ס'איז געווען אָן איינגעפונדעוועטע יידישע קהילה מיט אָן אַלטן בית עולם און מיט אַ פנקס, וואו מען האָט פאַרשריבן אַלע וויכטיקע געשעענישן . ס'איז געווען אויך אין שטאָט אַ תלמוד תורה, אַ הקדש, אַ

שטוב וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די פאַרבייפאָרנדיקע אָרעמעלייט, אַ קהל שטיבל און אַ באָד.

ס'איז געווען אַ פאַרצייטיק שטעטל פול מיט אַמאָליקע יידישע פירעכצן און מנהגים.

דער דלות איז געווען גרויס. אַ ייד האָט געקאָנט אָפּקומען אַ טאָג מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל און ברויט. קיין שיך האָט מען ניט געטראָגן. אין בית המדרש זיינען כמעט אַלע געגאַנגען אין הילצערנע פּאַנטאָפל. דער שטאָט גביר אַליין האָט מער ניט פאַרמאָגט ווי פינף הונדערט רובל. אַ ייד וואָס האָט פאַרדינט צען קאָפּיקעס אַ טאָג, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בעל פרנסה. אַ קרופּניק, אַזאַ מין געקעכטס פון וואַסער מיט אַ ביסל גרויפּן, פאַרווייסט מיט אַ פּאָר טראָפּנס מילך, האָט מען געהאַלטן פאַר אַ געהויבענעם מאכל.

קאָפּוליע איז געווען אָרעם אין סחורה, אָבער רייך אין תורה. די איינוואוינער זיינען אַלע געווען לומדים, וואויל-קענער: דער בית המדרש און די קלויז זיינען געווען פול מיט באַלעבאַטים יונג און אַלט, וואָס זיינען געזעסן און געלערנט. אויך ישיבת בחורים זיינען געווען אין שטעטל, און אין בית המדרש האָבן זיך שטענדיק געפונען אַ פּאָר פּרושים — יונגעלייט פון דער פרעמד, וואָס האָבן פאַרלאָזן ווייב און קינדער און זיינען געקומען קיין קאָפּוליע לערנען תורה און עסן טעג, ד. ה. עסן יעדן טאָג אין אַן אַנדער שטוב. אַלע פאַרנאַכט צווישן מנחה און מעריב האָבן זיך די באַלמעלאָכעס פון שטאָט פאַרקליבן אַרום באַזונדערע טישן צו הערן פון פיר־זאָגער — ביי איין טיש מדרש, ביים צווייטן — עין יעקב, ביים דריטן — אַ שטיקל חומש מיט רש"י, ביים פערטן — שטראָף רייד פון אַ מוסר ספר. אין אַזאַ שטעטל אַז עמעצער איז געווען אַ פרנס, איז עס געווען ניט אומזיסט. מסתמא איז ער גוט, פרום און געלערנט: אַ ייד מיט אַלע מעלות. אַזאַ ייד איז געווען מענדעלעס פאָטער.

## דער טאַטע

ר' חיים משה, מענדעלע מוכר ספרימס פאָטער, איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט אי צו לייט. זיין צייט האָט ער אָפּגעגעבן צו פרנסה, צו תורה און אויך צו שטאָטישע זאַכן. יאָרן לאַנג איז ער געווען קרויגישער רב, אָפיציעלער רעגירונגס רב, ביז באַלוינט צו ווערן דערפאַר. אויך פלעגט ער אומזיסט זאָגן אַ שיעור גמרא פאַר יונגעלייט. זיין הויז איז אַלעמאָל

געווען פול — דער אַריין, דער אַרויס. אין שטאָט האָט מען קיין זאַך ניט געטאָן אָן אים. וואו ערגעץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש, איז ער געווען דער פאַרמיטלער.

ר׳ חיים משה האָט געצויגן זיין חיונה פון דעם וואָס ער האָט געהאַלטן די קאָראָבקע אין שטעטל. אין אַמאַליקן צאַרישן רוסלאַנד איז געווען אַ טאַקסע אויף כשר פליש. ר׳ חיים משה האָט געדונגען די טאַקסע פון דער רעגירונג און האָט דערפאַר געהאַט דאָס רעכט אויפצומאָנען די ציגזן אויף כשרע פליישן.

אין הויז פלעגן אָפט פאָרקומען אסיפות. די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט פלעגן זיך צונויפקומען ביי ר׳ חיים משהן אין הויז צו באַטראַכטן קהלשע זאַכן. דורך דער שטוב זיינען דורכגעגאַנגען אַלע פון שטעטל: באַלעבאַטים און קבצנים, לומדים און פּראָסטע מענטשן. אַ קינד מיט אַן אויג צו זען און אַן אויער צו הערן, האָט זיך געקאָנט גענוג אָנהערן און אָנזען אין אַזאַ שטוב. עס האָט געהערט רייד, ווערטלעך, המצאות, קרעכצן און זיפצן און זיך צוגעקוקט צו תנועות, העוויות, מינעס פון אַלערליי פאַרשוינען.

צו חיים משהן פלעגט מען קומען ניט נאָר האַלטן זיך אַן עצה און שמועסן וועגן געשעפט און קהלשע זאַכן, מען פלעגט צו אים אויך קומען ווען עמעצער איז שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. קיין דאָקטאָר איז אין שטעטל ניט געווען, פלעגט מען קומען צו ר׳ חיים משהן אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און גיין באַטראַכטן דעם חולה. ר׳ חיים משה איז געגאַנגען און באַטראַכט דעם חולה און געזאָגט וואָס צו טאָן. אין שטעטל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מעטער, אַ גרויסן קענער אין דאָקטאָריע. ער אַליין האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן דאָקטאָר. פון וואַנען האָט זיך אַזוינס צו אים גענומען? דערויף איז דאָ אַ טעם. פון נאַטור איז ער געווען אַ שלאָפער מענטש. עס האָט אים ניט אויסגעלאָזט קיין קראַנקהייט, איז ער געפאָרן זיך דאָקטאָרן. איינמאָל, ווען ער איז שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן, האָט מען צו אים געבראַכט דעם גרויסן שלאָס דאָקטאָר. מען האָט דעמאָלט געזאָגט אַז דער דאָקטאָר, וואָס היילט דעם פּריץ, האָט ר׳ חיים משהן גע־מאַכט פון טויט לעבעדיק. אָט דאָס האָט ר׳ חיים משהן געמאַכט פאַר אַ שטיק דאָקטאָר.

מענדעלעס מאַמע, שרה נעסי, איז געווען אַן איידעלע, שוואַכע פרוי,

מיט קליינע ווייסע הענט מיט דינע בלויע אָדערלעך, אַ פּאָרטראַכט בלייך פּנים מיט דינע ליפּן. אַז זי גייט דוכט זיך אַז זי שוועבט. זי איז געווען אַ וואוילקענעוודיקע, געקאָנט אַלע תחינות, געווען געניט אין „צאינה וראינה״, „מנורת המאור״ און נאָך אַזעלכע ספרים. אין שול איז זי געווען די פיר־זאָגערין פאַר די ווייבער וואָס האָבן ניט געקענט דאַווענען. איר לייענען איז געווען פול מיט געפיל, איר ניגונדל האָט גערירט, געצופּט ביי דער נשמה. אַ שטיין וואָלט פון אירע טרערן צעגאָסן געוואָרן.

אין די לאַנגע ווינטער נעכט פלעגן ווייבער אָפט קומען צו זיצן ביי שרה נעסין אין הויז מיט עפּעס אַן אַרבעט, מייסטנס מיט אַ זאָק אין האַנט, אַרבעטן און ריידן. דערביי האָט מען דערציילט משונהדיקע מעשות, וואָס זיינען פאַרלאָפן אין דער וועלט.

## שלומקע, דאָס זעקסטע קינד

שלום יעקב, אָדער ווי ער איז איצטער באַוואוסט, מענדעלע מוכר ספרים, איז געווען דאָס זעקסטע קינד ביי ר׳ חיים משה און שרה נעסין.

ווען דאָס יינגל איז נאָך גאַר יונג געווען, האָט דער טאַטע דערקענט אַז ער איז אַ כלי, אַ געראָטן קינד, אַנדערש פון אַלע איבעריקע קינדער זיינע. אמת טאַקע, שלומקע איז אַ גרויסער שטיפער און נאַכקרימער, ער האָט אָבער אַ שאַרף קעפּל און אַ וואונדערבאַרן זכרון.

אין חדר האָט מען אים אָפּגעגעבן גאַר יונג, ווי עס האָט זיך געפירט, ביי יידן, מיט הונדערט יאָר צוריק. זיין ערשטער רבי איז געווען משה פלאַקעס. געוויינטלעך פלעגט אַ קינד אָפּזיצן ביי משה פלאַקעס אין חדר צוויי יאָר. אין די צוויי, דריי יאָר פלעגט זיך דאָס יינגל אויסלערנען זאָגן גוט עברי און אָנהייבן חומש. אָבער שלום האָט אין איין יאָר אויסגעלערנט דעם רבינס גאַנצע תורה. ער האָט געזאָגט עברי „גיך ווי אַ וואַסער״ און אָנגעהויבן חומש.

דאָס יינגל איז ביי אַלעמען געווען באַליבט פאַר זיין לעבעדיקייט, פאַר זיינע קלאָץ קשיות און נאָך מער פאַר זיינע אָנשטעלן. גלייך ביים ערשטן בליק פלעגט ער אויפכאַפּן ביי יענעם אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס איז אַנדערש ווי ביי אַנדערע, און באַלד אויפן אָרט קאָנען נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע קנייטשעלעך: אָט ווי יענער רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער שטיפער. שלומקע אין חדר און שלומקע אין דרויסן זיינען עפּעס גאָר אַנדערע, פאַרשיידענע יינגלעך. לערנט ער, איז געלערנט. ער איז מיטן גאַנצן קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען. קוים האָט ער אָבער צוגעמאַכט זיין ספר און איז אַרויס אין דרויסן, איז ער ווי איבערגעביטן געוואָרן. ער האָט געברענט, געשטיפּט, געשטורעמט — אַ יינגל מיט די ביינער.

אָפט האָט ער אָפּגעטאָן זאַכן וואָס האָבן גוט איבערגעשראָקן די עלטערע מענטשן אַרום אים. דערציילט מענדעלע:

— ס'איז געווען פרילינג צייט. פּלוצים ווערט אַ כמאַרע. צווישן גערטנער אויף פריש גרין גראָז לויף איך באָרוועס אין איין העמדל, מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ. איך לויף געשווינד אָפּשטעלנדיק זיך אָפט. די אייגעלעך וואַרפן זיך אין אַלע זייטן, די אויערלעך הערן זיך צו, אויפגע־שטעלט ווי ביי אַ העזעלע. דאָס מאָל עפענען מיר זיך צום ערשטן מאָל אויף די אויגן מיינע. איך בלייב פאַרגאַפט פון דעם בילד וואָס איך זע. איינער אַליין געפין איך מיך דאָ, קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אַרום ניטאָ, נאָר הימל און ערד. אַ פלויט פון איין זייט און אַ פלויט פון דער אַנדערער זייט. אָט גיט אַ זעץ, אַ קלאַפּ אויבן אין דער הויך. דאָס קול קייקלט זיך אין סוף וועלט, צעפאַלט זיך אויף אַ סך שטאַרקע קולות דאָרט. און פייערדיקע שלאַנגען פליען מיט אַ צוק אין הימל. אָט דאָס קלאַפּן די רעדער פון גאָטס רייטוואָגן, טראַכט איך ביי מיר, גאָט פאָרט עס דאָרט אין הימל ,קלאַפּט מיט דער בייטש, אַזש פונקען פליען. אַ זייל שטויב הייבט זיך אויף פון דער ערד, עס יאָגט זיך, עס דרייט זיך ווי אַ דריידל. נאָר באַלד גיט אַ גאָס אַ רעגן, אַ ליבער וואַרעמער רעגן גאָר אַ דערקווי־קעניש. גרויסע טראָפּנס פּויקן אויף גרינוואַרג פון גערטנער. רעטעך, ציבעלע, קנאָבל יונגעטשקע בייגן איין די קעפּלעך, ווי קינדער ביי דער מאַמען אין שויס, און צוואָגן זיך מיט פאַרגעניגן. אין דרויסן יאָגן פון הונדערטער ערטער קליינע רינקעלעך, נעמען זיך אויפן וועג צונויף פליסנדיק ווייטער, ווייטער, זשומענדיק אין די אויערן. און אָט טוט זיך אַ ווייז דאָס ראָד פון רייטוואָגן, אַ ראָד אַ גרויס דאָרט אין הימל, נאָר אַ האַלבער רעגנבויגן זעט זיך אַרויס, וואונדער־שיין געפאַרבט, אַ פאַרגעניגן צו קוקן.

אָט דאָס וואונדערלעכע בילד, דערציילט מענדעלע, האָט זיך מיר

איינגעשניטן אין האַרצן. דאָס לשון פון דער נאַטור אַרום מיר האָב איך דעמאָלט פאַרשטאַנען. איך האָב פאַרשטאַנען דאָס לשון פון די קרייטעכצער און געוויקסן פון גאָרטן, דאָס ליד וואָס די רינקעלעך וואַסער זינגען און וואָס אַ פראָש קוואַקעט ליגנדיק אין בלאָטע ביזן האַלדז. איך האָב איר אָפּגעענטפערט קוואַקנדיק הויך אויף אַ קול ווי זי. און אַז איך בין געקומען אין הויף פון אונדזער הויז, איז אַרויס דאָס קעלבל פון שטאַל, אויסגעגלייכט די ביינער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אויפגעהויבן דעם עק און זיך געלאָזן אין געלאַף. ס'איז אויך אַרויס די הון מיט אירע הינדעלעך און געפּיקט אין מיסט. און דער האָן איז אַרויס פּאַראויס האָפּערדיק און געקרייט מיט שטאָלץ זיין קוקעריקו. און אַ קאַץ איז אַראָפּ פון דאַך, געדראַפּעט זיך אויף דער וואַנט און געמיאוקעט. איך האָב געוואוסט וואָס זיי ווילן. איך האָב איטלעכן אָפּגעענטפערט אויף זיין לשון: געקוואַקעט ווי אַ זשאַבע, געמעקעט ווי אַ קאַלב, געפּישטשעט ווי די הינדעלעך, געקרייט ווי דער האָן און געמיאוקעט ווי די קאַץ.

די שטוביקע זיינען אַרויסגעלאָפן פון הויז און דער טאַטע האָט דער־לאַנגט אַ פּאַטש. די מאַמע האָט געשריען און זיך געבייזערט און דער רבי האָט דערנאָך זיינס צוגעגעבן — וואָס מיינט זיך אַ יינגל אַ שטיפער פאַרפאַלן צו ווערן אין אַזאַ גאַס רעגן?

דאָס יינגל האָט ניט פאַרשטאַנען די שרעק פון טאַטע־מאַמע און האָט ניט באַנומען וואָס דער רבי וויל פון אים.

אָבער דער טאַטע איז געווען אַ מבין אויף זיין גרויסן שטיפער. ער האָט גוט פאַרשטאַנען אַז ביי דעם געהעריקן סדר לערנען און ביים ריכטיקן מלמד אין די הענט קאָן פון אַזאַ קינד מיט דער צייט ווערן אַ לייט.

## יאָשע ראובנס

לערנען האָט אין יענע צייטן ניט געהייסן לערנען וויסנשאַפטן, שפּראַכן אָדער אַ פּראָפעסיע. לערנען האָט דעמאָלט געמיינט נאָר לערנען איין זאַך — גמרא. פון לערנען תנ"ך האָט מען ניט געהאַלטן. ר' חיים משהן האָט זיך אָבער געגלוסט לערנען מיטן יינגל דווקא תנ"ך און מיט תרגום, אַראַמעאישער איבערזעצונג, די שפּראַך אויף וועלכער די גמרא איז געשריבן. ר' חיים משה אַליין איז אויך געווען אַ תנ"ך קענער, אַ בעל

לשון. פון זיינע שיינע בריוולעך האָט מען געלעקט די פינגער. און אַזוי האָט ער געוואָלט אַז זיין זון זאָל אויך קאָנען תנ"ך און דיקדוק (העברעאישע גראַמאַטיק). אָבער קיין ריכטיקער מלמד וואָס זאָל גוט קאָנען דיקדוק און תנ"ך איז ניט געווען אין שטעטל. איז ר׳ חיים משה געפאַלן אויפן געדאַנק איינצורעדן יאָשע ראובנס ער זאָל ווערן אַ מלמד.

ר׳ חיים משה האָט געהאַלטן, אַז יאָשע ראובנס האָט אַלע נייטיקע קענטענישן און פעאיקייטן צו ווערן אַ גוטער מלמד. ער איז געווען איינער פון יענע מענטשן, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלייגט אַלע גוטע מתנות: גייסט, האַרץ גוטסקייט, אַ האַנט צו שניצן און מאָלן, צו קריצן אויף קופּער און שטיין. גאָט האָט נאָר פאַרגעסן אים צו געבן איין קלייניקייט — מזל. און יאָשע ראובנס איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס.

יאָשע ראובנס האָט זיך געלאָזן איבעררײדן, און אָנגעהויבן קנעלן מיט שלומקען און נאָך עטלעכע ייִנגלעך.

דער רבי און דער תלמיד האָבן זיך איינער צום אַנדערן זייער גוט געפּאַסט. דער מלמד האָט געקנעלט געטריי און דער תלמיד האָט געלערנט געשמאַק. דער שטייגער איז געוויינטלעך געווען, אַז אין דער צייט פון לערנען, ביים טיש, פלעגט דער רבי זיצן אויף זיין אָרט מיט עפּעס אַן אַרבעט: מאָלן אָדער שניצן. דאָס האָט ניט געשאַדט צום גאַנג פון לער־נען. דער רבי האָט זיך צוגעהערט וואָס דער תלמיד זאָגט. פאַרקערט דאָס לערנען איז נאָך געגאַנגען פיל בעסער. די אַרבעט פאַרן רבין איז געווען דאָס אייגענע וואָס פאַר אַ פראָסטן באַלמעלאָכע אַ גוטער טרונק בראַנפן. זי האָט אים באַגייסטערט, באַלעבט, געמאַכט באַריידעוודיק. ער האָט דער־קלערט אַלצדינג שאַרף, קלאָר. פון זיין מויל האָבן זיך געשאָטן פּערל. אין די אויגן האָט געפינקלט אַ הייליק פייערל. ער האָט געקוקט מיט ליב־שאַפט אויפן תלמיד, און דער תלמיד שלומקע האָט געשלונגען איטלעכס וואָרט. דאָס לערנען איז ניט געווען אַ שווערע משא, אַן אָפּקומעניש, ווי ביי אַנדערע תלמידים. ניין. ס׳איז געווען אַ שמועס צווישן צוויי פריינט אין וועלכן איין האַרץ פילט דאָס אַנדערע.

שלומקע האָט געהאַט אַ פּעולה. דער רבי האָט מיט אים פריער גע־לערנט חומש, דערנאָך נביאים, דערנאָך כתובים. אַ פּסוק תנ"ך פאַר־טייטשט אין יידיש, דערנאָך דעמזעלביקן פּסוק אין תרגום לשון, אַראַמע־איש, און ווידער פאַרטייטשט אין יידיש. אַזוי האָט דער תלמיד געלערנט ביידע שפּראַכן העברעאיש און אַראַמעאיש.

דאָס ייִנגל מיט דער פלאַמענדיקער פאַנטאַזיע האָט איבערגעלעבט דאָס וואָס ער האָט געלערנט. וואוינען האָט ער געוואוינט אין קאַפּוליע, אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד. אין שטעטל וואוינען יידן אין הייז־לעך געבויט פון ברעוונעס און געדעקט מיט שטרוי. גלייך לעבן שטעטל זיינען פעלדער מיט תבואה, קאָרן, רעטשקע און קאַרטאָפל. אין די אַרומיקע וועלדער וואַקסן סאָסנע־ביימער, בערעזעס און דעמבעס. די יידן אַרום ריידן יידיש. די גויים וואָס קומען אין שטעטל ריידן ווייסרוסיש. אָבער דאָס ייִנגל געפינט זיך גאָר אין זיינע געדאַנקען אין ווייטע מקומות. ער איז געווען מיט אברהם אָבינו אין אָרם נהרים, געוואַנדערט מיט אים אין כנען. ער איז געווען מיט די וואַנדערנדיקע יידן אין מידבר און זיך אָנגעהערט און אָנגעזען וואונדערלעכע זאַכן. ער איז פאַרוואָגלט אין מצרים און אין לאַנד פון סיחון; דער קאָפּ ליגט אים אין ים־סוף, אין ים־המלח, אין טייך פרת, אין דעם ירדן. פאַר אים געפינען זיך מענטשן וואָס רעדן לשון־קודש, תרגום־לשון. מען זיצט אין געצעלטן, מען רייט אויף מויל־אייזלען און אויף קעמלען, מען טרינקט פון לאָגלען און מען טראָגט נאָזבאַנדן. די נאַטור איז אויך אַן אַנדערע: וויינגערטנער, טייטלען, פייגן, מילגרוימען און אייל־בירטן, פימסנהאָלץ און באָקסביימער. חיות זיינען פּיפּערנאָטערס, לעמ־פּערטן און אינדן. שלומקע וואוינט אין קאַפּוליע און איז אַ געבירטיקער ערגעץ דאָרט, דאָרט, העט ווייט. זיין צייט איז פאַרצייטן און זיין וועלט איז יענע ווי אַמאָל גאָר. דאָ איז ער אַ פרעמדער און דאָרטן אַן אַלטגעזע־סענער. ער קומט אַהיים נאָר אויף אַ ווײַלע, ער עסט אָפּ, נעכטיקט איבער — און מאַרש אַהין, ווייטער טאַקע אַהין.

דערנאָך, אַז ער האָט אָנגעהויבן לערנען די נביאים, האָט זיך זיין פאַנטאַזיע נאָך מער צעשפּילט. איך האָב געזען גאָט, זאָגט דער נביא ישעיה, ווי ער זיצט אויף זיין הויכן שטול, די פאָלעס צעשפּרייט פאַרנעמען דעם הייליקן פּלאַץ. ברענענדיקע מלאכים שטייען איבער אים, איטלעכער מיט זעקס פליגל. און איינער צום אַנדערן רופט און זאָגט: הייליק, הייליק איז גאָט. פול איז די וועלט מיט זיין כבוד. און עס וויגן זיך, עס ציטערן די זיילען דאָרט פון שרייענדיקן קול און דאָס הויז ווערט פול מיט רויך. און דער נביא זאָגט: אוי, ווי איז מיר, איך בין פאַרביי, איך בין דאָך אַ מענטש מיט אַן אומריין מויל, און צווישן אַ פאָלק מיט אַ בייז אומריין מויל געפין איך מיך.

שלומקען זיינען אָט די ווערטער שטאַרק אין קאָפּ אַריין. ער הייבט

אַן טראַכטן וועגן גאָט, זיך פאַרצושטעלן מלאכים מיט פליגל און ער וויל אַלץ וויסן, ער פאָדערט אַ דערקלערונג. פרעגן דעם רבין שעמט ער זיך. איינמאָל האָט ער אים יאָ געפרעגט און איז דערביי רויט געוואָרן ווי פייער. דער רבי האָט אים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. אויף זיינע פראַגעס ביי יידן מיט בערד האָט ער באַקומען נאָר איין ענטפער: שאַ, שקאָץ, אַ יינגעלע טאָר ניט פרעגן קיין קשיות. אַ יינגעלע מוז נאָר פאָלגן, טאָן וואָס גאָט הייסט, לערנען און דאַוונען, אַז ניט וועט דער אייבערשטער שטראָפן, שמייסן מיט אייזערנע ריטער.

און פאַר ריטער האָט שלום מורא. ניט אַזוי פאַר דעם וויטיק ציטערט ער, נאָר אַז מען שמייסט איז אַ שאַנד, מיאוס, פע, אַ חרפה. שלומען דוכט זיך אַז גאָט איז אַ בייזער פריץ מיט אַ קאַנטשיק אין האַנט. פאַר דער מינדסטער קלייניקייט ווערט ער אַנגעצונדן און שמייסט. פע, עס איז ניט שיין.

און ווער שמועסט נאָך ימים־נוראים, וואָס ווי יידן זאָגן, אַז אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט, דעמאָלסט איז שלום געווען אין איין שרעק. די גוטע מאכלים זיינען אים ניט איינגעגאַנגען. ער האָט נאָר געזען ווי דער אייבערשטער זיצט מיט צעשפרייטע פאָלעס און ברענענדיקע מלאכים פליען אַרום ברענגען רייסטערס, פאַרשרייבן, רעכענען מיט רעש און געפילדער איטלעכנס זינד. עס וויגט זיך די וועלט. און ער טראַכט: אוי ווי איז מיר, איך בין פאַרביי!

שלומקע איז מיט דער צייט געוואָקסן, געוואָקסן און איז געוואָרן אַלץ פאַרשטענדיקער. צו ניין יאָר איז ער געווען קלאָר אין תנ"ך מיט תרגום. נאָכדעם ווי ער האָט שוין געקאָנט תנ"ך אויף קלאָר, האָט דער רבי מיט אים אָנגעהויבן לערנען גמרא.

דאָס יינגל האָט מיט זיין גרויסער פאַנטאַזיע צוגעגעבן געשטאַלט צו אַלע זאַכן, און אַ צורה צו אַלע די וואָס האָבן זיך באַוויזן אין תלמוד. אים האָט זיך אויסגעדוכט ווי ער וואָלט אָנגעקומען צום ערשטן מאָל אויף אַ גרויסן יאַריד. קויפער און פאַרקויפערס, מעקלערס און סוחרים איילן זיך מיט גרויס רעש און טומל. אַט האַלטן צוויי אַ קלייד. דער זאָגט אַז ער האָט עס געפונען און דער אַנדערער טענהט אַז ער האָט עס געפונען. און אַט איז דער אָקס, וואָס האָט געשטויסן די קו; אַט זעט ער די סוחרים פון לוד — אַלע זיינען געשטאַנען ווי לעבעדיק אין זיין פאַנטאַזיע, יעדער איינער מיט זיין געשטאַלט און קאָליר. זייער

שפּראַך האָט ער טאַקע באַלד פאַרשטאַנען, וואָרום נאָך גאָר יונג האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט צו פאַרשטיין תרגום־לשון (אַראַמעאישע שפּראַך). אָבער אַ סך פון די רייד פון תלמוד זיינען פאַר אים געווען פאַרהוילן. דאָס אַלץ איז אָבער געווען פון אַנהייב. מיט דער צייט האָט ער זיך צו דעם צוגעוואוינט און האָט דעם תלמוד ליב באַקומען.

שלום האָט ליב געהאַט שלייפן זיין קאָפּ אין הלכה (דער טייל פון תלמוד וואָס פאַרנעמט זיך מיט געזעץ און רעליגיעזע פאַרשריפטן). מער אָבער האָט ער ליב געהאַט אַגדה — דעם טייל פון תלמוד וואָס באַשטייט פון לעגענדעס. דאָרטן גייט די פאַנטאַזיע אַרום פראַנק און פריי און באַוויזט וואונדער. אַמאָל נייגט זי דעם הימל צו דער ערד און ברענגט אַראָפּ גאָטס רייטוואָגן, און אַמאָל הייבט זי אויף די ערד ביז צום הימל און מענטשן מיט מלאָכים קושן זיך. דעם יינגל האָט זיך אויסגעדוכט אַז דער טייל אַגדה פון תלמוד איז געגליכן צו אַ גרויס ברייט פעלד פון וואַלד און תבואות, וואָס האָט ניט קיין סוף און איז ניט אַרומגעצאַמט מיט קיין פּלויט. דאָרטן זיינען פאַראַן בלומען אָן אַ צאָל, פאַרשידענע פלאַנצן וואַקסן און טויזנטער מיליאָנען גראָזן. אַ ים מיט פאַרבן זיינען צוזאַמענגעוועבט און אויסגעמישט. דאָס יינגל האָט ליב געהאַט אַרומשפּאַצירן אין דעם פּרעכטיקן פעלד פון אַגדה.

## שלומקע פאַרלאָזט דאָס חדר

אַז שלומקע איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט זיך די תורה פאַר אים ביי יאָשע ראובנס אויסגעלאָזן און דאָס יינגל איז איבערגעגאַנגען אויף דעם טאַטנס הענט, לערנען אונטער זיין השגחה. ר' חיים משה האָט זיך אַזוי טאַקע אויפגעפירט מיט אַלע זיינע קינדער. מיט איטלעכן באַזונדער פון די צוויי עלטערע זין האָט ער אַליין געלערנט נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויס פון חדר. ווי באַשעפטיקט ער איז ניט געווען, האָט ער אָפּגעריסן אַ שעה אָדער צוויי אין טאָג צו לערנען אַ בלעטל גמרא מיט זיי און זייערע חברים. און אַזוי איז געקומען שלומקעס צייט צו לערנען תורה ביים טאַטן.

דער שטייגער לערנען איז געווען אַזוי: אַלע פרימאָרגן, באַלד נאָכן דאַווענען, פלעגט דער טאַטע זיצנדיק אויף זיין שטאָט אויבנאָן, אין קלויז, לערנען מיט אים אַ פּרק אָדער צוויי משניות. נאָכן אָנבייסן פלעגט דאָס יינגל בלייבן אינדערהיים, צוגרייטן דאָס לייענען, וואָס דער טאַטע האָט אים

אין דער גמרא פֿאַרגעבן. שלום האָט עס באַדאַרפֿט דערנאָך איבערזאָגן טאַקע אינדערהיים, אַמאָל בייטאָג, אַמאָל ביינאַכט, ווי דעם טאַטן איז אויסגעקומען.

גאַנץ אָפֿט פֿלעגט דער טאַטע אויפֿוועקן שלומען פֿאַרטאָג און אַוועקגיין מיט אים לערנען אין קלויז.

אמת טאַקע, דאָס אויפֿשטיין פֿאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזוי געשמאַק, איז שלומען אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג. איז ער שוין אָבער אויפֿגעשטאַנען, אַראָפּ פֿון געלעגער, האָט עס אים הנאה געטאָן. דאָס אויף־זיין, דאָס גיין אין קלויז, און דאָס לערנען האָט אים גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט, און דאָס גיין אין קלויז האָט געהאַט אַ באַזונדער טעם.

שלום גייט פֿאַרטאָג איבערן גאַס. דאָס שטעטל שלאָפֿט, לבנה און שטערן שטייען אין הימל אויף דער וואַך. אים דוכט זיך אַז דאָרט, אויבן, טוט זיך אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק. עס דוכט זיך אים, אַז עס בלאָזט פֿון ערגעץ אַ צפֿון־ווינטעלע. אַ צפֿון־ווינטעלע וואָס ווייט אונטער די פֿליגל פֿון מלאָכים, דאָס ווינטעלע וואָס האָט אַלעמאָל געבלאָזן אויף דוד המלכס פֿידעלע. עס רוישן ערגעץ ביימער אין אַ גאָרטן, דאָס רוישן דאָרט די ביימער אין גן־עדן. קרייט ערגעץ אַ האָן — זאָגט ער שירה. די אויגן און די האָר ווערן פֿייכט ביי שלומען, פֿייכט פֿון טוי־טראָפּנס — דאָס זיינען גאָטס טרערן,דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פֿאַרוואָגלטע קינדער — די יידן. עס שלאָפֿט ניט, עס דערמלט ניט דער היטער פֿון ישראל. שלום טראָגט זיך אין אַנדערע וועלטן, זיין פֿאַנטאַזיע איז פֿלאַם פֿייער, דאָס האַרץ צעגייט אים פֿאַר גרויס בענקשאַפֿט — און ער נעמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאַק מיט אַ ניגון, אויף אַ קול.

מיש שלומקעס פֿאַרלאָזן דאָס חדר קומט ביסלעכווייז פֿאָר אַ פֿאַרענדערונג אין זיין לעבן. פֿריער האָט ער געמיינט, ווי דאָס יונגע הינדעלע אין איי, אַז די גאַנצע וועלט איז דאָ. ווייטער פֿון קאַפּוליע איז אַ וויסטער מדבר. דאָרט ווייטער געפֿינען זיך שוין די הרי חושך, דער סמבטיון מיט מאָדנע משונהדיקע באַשעפֿענישן. די קליינע הייזלעך אין שטעטל זיינען געוועזן אין זיינע אויגן ווי טייערע פּאַלאַצן. די שול מיטן קלויז האָבן ניט זייער גלייכן אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר דאָ רוט די חכמה. ביסלעכווייז הייבט ער אָן זיך אַרומצוקוקן און דערזעט עפּעס אַזוינס, וואָס פֿריער, דאַכט זיך, האָט ער עס אויך געזען, נאָר עס האָט זיך אים אויסגעוויזן גאָר אַנדערש. ער הייבט זיך אָן אַרומצוקוקן ווי איינער וואָס שטייט אויף פֿון שלאָף.

אין די אויגן גייט אויף אַ ליכט, און אַלצדינג קומט אים פּאַר עפּעס גאָר ניי. עס שטייט אַ שטעטל אויפן הויכן באַרג — אָבער אַחוץ דעם שול־הויף זיינען דאָ נאָך גאַסן, וואו ס'איז אויך פאַראַן אַ לעבן. עס געפינען זיך נאָך געסלעך, און דווקא ניט קיין יידישע, וואָס זיינען נאָך שענער פון די יידישע — געסלעך, מיט גרינסן, ביימער אין גערטנער.

שלומקע הייבט אָן זיך צוקוקן צו די מענטשן אַרום און ער זעט — אַ וואָ! אַ חידוש, עס זיינען דאָ יידן, וואָס גיבן זיך ניט אַזוי אָפּ מיט דער גמרא, האָבן אין זינען אַנדערע זאַכן און לעבן אויך. ער האָט ביז דאַן גע־מיינט, אַז אַלע יידן ווייסן ניט מער ווי לערנען — לסוף זעט ער אַז עס איז גאָר ניט אַזוי די מעשה. אין אָנהייב איז אים די זאַך אַביסל פריקרע. וואָס הייסט? נאָר דערנאָך טראַכט ער ביי זיך: מסתמא באַדאַרף גאָט אויף זיין וועלטל אַזעלכע יידן אויך.

שלומקע איז פון דער נאַטור אַ הייסבלוטיקער. אין אים איז שוין פון גאָר יונג אָן געלעגן פאַרבאָרגן אַ פּאָעטישער פּונק. און דער יצר־הרע, דער שלעכטער מלאך, האָט זיך געקליגט אויפצובלאָזן דעמדאָזיקן פונק. איינגעבן אים שכל, געפּיל, ליבשאַפט צו דער שיינער נאַטור. אַ גוט מיטל אָנעקצורייסן אים פון דער גמרא. שלומקע איז געגאַנגען אויף די פרייע גרינע פעלדער און אין די געדיכטע פאַרצווייגטע וועלדער. און ער האָט זיך געלאָזט איינריידן. ער פלעגט זיך אויסציען אויף גרינע מיט קוויטן־בלומען געשטיקטע טעפּיכער פון דער נאַטור, ליגן שטיל און זיך צוהערן צום זינגען פון נאַכטיגאַלן, מעקען פון ציגן, הירזשען פון פערד. פייגעלעך זינגען, שפּרינגען אויבן אויף די ביימער, זומער־פייגעלעך געפּוצט, געצירט, דרייען זיך, טראָגן זיך אין דער לופט. גרילן, היישעריקן שמוצערן, טאַנצן, הייבן פיסלעך אויף דער ערד אונטן.

שלומקען טוט אינעווייניק אַ ברי, ער ווערט אַזש צעשמאָלצן פון הייסע, זיסע געפילן. וואָלט ער געוואוסט וואָס עס מיינט שרייבן, אויסגיסן זיין האַרץ אויף פּאַפּיר, וואָלט ער מסתמא געשריבן לידער. אָבער ער ווייסט ניט וואָס דאָס איז. ער האָט אַזוינס קיינמאָל ניט געהערט. פלעגט ער אין דער הייסע שעה צעגיסן זיך אין אַ זינגען, זינגען זמירות, אָדער אַ וויי־נענדיקן ניגון, וואָס מען שפּילט ווען מען באַדעקט אַ כלה. ער האָט געזאָגט ברכי נפשי, דאָס קאַפּיטל תהילים וואָס דערציילט וועגן דער שיינקייט פון נאַטור, און האָט דערביי געפילט אַ באַזונדערן טעם.

אַמאָל פלעגט ער בלייבן זיצן שוויגנדיק. עס האָט געברומט און גע־

שטורעמט אין אים. זיין האַרץ האָט געוויינט אויף דעם, וואָרום ער האָט געוואוסט אַז דער יצר־הרע גיט אין אים אַריין די זינדיקע טראַכטונגען און ער רייסט אים אָפּ פון לערנען. און כדי זיך אַרויסצורייסן פון יצר־הרעס הענט, האָט ער געדאַוונט, געבעטן גאָט ער זאָל אים ראַטעווען.

## אייזיק דער שמיד און הערצל קיילעם דער סטאָליער

דער חשק צו לערנען ווערט ביי אים נאָך שוואַכער ווען ער באַקאַנט זיך מיט אייזיק דעם שמיד און הערצל קיילעם דעם סטאָליער. דער קאָפּ זיינער ליגט שוין ניט אין דער גמרא ווי אַמאָל. דאָס שטיקל „לייענען" פאַר דעם טאַטן מאַכט ער נאָך ווי עס איז. ער זופט אָפּ דאָס בלעטל גמרא אין כאַפּעניש און אין איילעניש און כאַפּט זיך אַרויס אין דרויסן. ער הייבט אָן אָפּטער אַריינצוכאַפּן זיך צו אייזיק מאיר דעם שמיד אין קוזניע. דערהויפּט האָט ער ליב געהאַט צו זיצן אין קוזניע אין אומעטיקע קאַלטע טעג.

אין דרויסן איז נאַס און קאַלט און שלומקען איז אומעטיק אויפן האַרצן. ער זיצט אין אַ ווינקל און קוקט פאַרטראַכט. אין קוזניע איז טונקל. אַנטקעגן אים פּאַכעט הייזירעקלעך אַ לעדערנער, געלאַטעטער בלאָזזאַק. עס טוט אַ בלאָז און זיילן פונקען שפּרינגען, טאַנצן ווי רוחות. פּלוצים כאַפּט אייזיק שמיד, פון העלישן פייער אַרויס, מיט צוואַנגען אַ גליענדיק שטיק אייזן און האַלטנדיק עס אויף דער „קאָוואַדלע" מיט איין האַנט, קלאַפּט ער עס מיט אַ האַמער אין דער אַנדערער האַנט. אַ געזונטער, ברייטביינערדיקער בחור באַוואָפנט מיט אַ גרויסן האַמער שטייט אַנטקעגן און קלאַפּט אויך. אין קלאַפּ — אייזיק, איין קלאַפּ — דער בחור; אייזיק — אַ דריי דאָס אייזן אַהער, דער בחור — אַ קלאַפּ, אייזיק — אַ דריי אַהין און דער בחור קלאַפּט, קלאַפּט אַזש פונקען פליען. ס'איז דאָ פאַר שלומען וואָס צו זען. גאַנץ אָפט איז דאָ פאַר אים וואָס צו הערן. אַ סך מענטשן קומען אין קוזניע און זייריידן, דערציילן זייערע צרות און פריידן. אייזיק אַליין איז פון נאַטור אַ צוגעלאָזטער. מיט יעדן איינעם לאָזט ער זיך אַריין אין אַ שמועס. באַזונדערס האָט ער ליב זיך אַריינצולאָזן אין חקירות — פאַרשן. ער וויל יעדן איינעם געבן צו פאַרשטיין דעם שפּיץ פון אַ זאַך, און דערקלערן פאַרוואָס איז עס אַזוי און ניט אַזוי. ער איז אויך געווען אַ וויצלינג און אָפט געפרעגט אַזאַ מין קלאָץ קשיה: פאַרוואָס זיינען נאָזלעכער אין נאָז פון אונטן, ניט פון אויבן וואו די לופט איז בעסער? ער האָט באַלד געמאַכט

אַן ערנסטע מינע און פאַרענטפערט מיט אַ שמייכעלע אַזוי: דאָס איז, פאַרשטייט איר מיר, מיט אַ שכל, כדי דער רעגן זאָל אַהין ניט אַריינרעגענען. און נאָך און נאָך אַזעלכע קשיות פלעגט ער פרעגן, וואונדערנדיק זיך אויף די ווערק פון גאָט און זיין פירונג אין דער וועלט. אַלץ פאַרוואָס? און פאַרוואָס? און דערנאָך האָט ער דערקלערט אַז אַלץ איז מסתמא גאַנץ גוט. גאָט איז גערעכט. ער האָט געגעבן דער קאַץ שאַרפע נעגל כדי זי זאָל זיך קענען דראַפּען אויף גלייכע ווענט. דאָס פערד האָט אַ וויידל כדי אַראָפּ־צושמייסן פליגן פון דער פעל, און די פליגן האָבן פליגל כדי גיך, געשווינט אַוועקצופליען.

שלום האָט ליב געהאַט אייזיק דעם שמיד. דער ייד איז שוין אַ זיידע. ער האָט שוין דערלעבט אייניקלעך פון זיין עלטערער טאָכטער, דאָך איז ער עפּעס נאָך גאָר אַ יינגל, אַן אַלט יינגל, וואָס איז אַ חידוש צווישן יידן. דערוואַקסענע יידן מיט בערד וואַרפן אָן אַן אומעט מיט זייערע ערנסטע פּנימער, מיט זייערע זאָרגן און זייער מוסר זאָגן און אייזיקס פריילעך פּנים איז געווען שלומען טייער, גוט צום האַרצן.

און נאָך אַ ייד אין שטעטל, הערצל קיילעס, האָט געווירקט אויף שלומס גייסט, דערהאַלטן אין אים דאָס יונגע פייער.

הערצל קיילעס איז געווען, ווי אייזיק, שוין אין די יאָרן. אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער ווי ער, נאָר מיט דעם אונטער־שייד: אייזיק איז געווען אַ הויכער און הערצל קיילעס אַ קליינטשיקער. אייזיק איז אַלעמאָל רואיק, געלאַסן, גערעדט אויף איין שטים גלייך, אַלעמאָל שטיל. הערצל אַ ברען, רעדט מיט משונהדיקע קולות. אַמאָל אויך מיט אַ קוויטש. דער שמועס זיינער איז געווען געבראָכן. איז עפּעס ניט אַזוי ווי ער וויל, קאָכט ער זיך, זידט און צאַפּלט מיט אַלע גלידער. אין אים האָט שטענדיק געיוירן, זיך געריסן מיט אַלע קרעפטן אַרויס. די סטאָלעריי איז ביי אים געווען ניט אַזוי וועגן דער פּרנסה ווי צוליב פאַרגעניגן, וואָס ער האָט דערינען געהאַט צו מאַכן אַ כלי. הערצל האָט געמאָלן, געשפּילט פידל, ניט אויף חתונות חלילה, דערויף זיינען געווען יידישע קלעזמער, נאָר גלאַט אַזוי האָט ער געשפּילט. ער האָט ליב געהאַט אָפּצוגעבן זיך מיט זייען און פלאַנצן ביי זיך אין גאָרטן. ער האָט אויך געהאַט אין שטאַל אַ פּאָר אָקסן, אַ פערד און עטלעכע קי. ער האָט געהאַלטן ביי זיך אַ פּויער אויף שכירות צו אַקערן און צו באַאַרבעטן די פעלדער, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן. אויך אַ הונט האָט ער געהאַט, דער איינציקער

יידישער הונט אין שטעטל. אין שול איז ער זעלטן געגאַנגען און די יידן האָבן אים ניט געמוסרט, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ יינגל, אַ צעטראָגענע בריאה.

אָט די צוויי אַלטע יינגלעך זיינען ביידע געווען פאַר שלומען ווי גע־וואונטשן. שלומס האַרץ האָט זיך געצויגן ניט אַזוי צו איזיק דעם שמיד ווי צו איזיקס קוזניע. די קוזניע האָט עפּעס גערעדט צו זיין האַרץ, אַ סך מער ווי איזיקס קלוגע רייד. פאַרקערט זשע הערצל קיילעס איז ער אַליין טאַקע ווי ער שטייט און גייט מיט זיינע קאַפּריזן, ווי ביי קיינעם ניט אין שטעטל, האָט שלומס האַרץ צו זיך צוגעצויגן.

די פרייע צייט זיינע פונעם לערנען טיילט שלום אין לויט דעם וועטער פון פאַרשיידענע צייטן פון יאָר. אין האַרבסט אַשטייגער, אין די בלאָטעס, אָדער גלאָט אין אַ מיאוסן וועטער, דעמאָלט טרייבט עס שלומען אין קוזניע אַריין. ער פאַרזעצט זיך אין אַ ווינקעלע, בלייבט זיצן שטיל, פאַרטראַכט און קוקט. עס הודיעט דער בלאָזזאַק, עס פלאַמען די קוילן, אייזנס גליען, פונקען פליען — שלום איז פאַרגאַפט, פאַרכישופט.

איז אָבער גאָטס וועלטל מילד און שיין, דער הימל לויטער, די זון שיינט, דעמאָלט טרייבט עס אים צו הערצל קיילעס.

שלום ווערט ביי הערצל קיילעסן אין הויז אַ היימישער. מיט זיין זון בן־ציון, ר׳ חיים משהס אַמאָליקער תלמיד, ווערט ער אַ נאָענטער חבר. ביידע האָבן זיך ליב דאָס לעבן.

בן־ציון, הערצלס יינגל, האָט אין זיך געהאַט דאָס וואָס אַ שטאָט יינגל און אַ דאָרפס יינגל האָט אינאיינעם. ער האָט געקאָנט אָפּלערנען אַ בלעטל גמרא און אויך אָפּגעבן זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט אין הויז און אין פעלד. שלומקע האָט אים געקאָנט פאַרשטיין אויפן וואונק און אָפּט זיך געלאָזן מיט אים אַרויס פון שטעטל ווייט אויף אַ שפּאַציר.

שלום איז מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן אין פעלד און אין וואַלד, זיך צוגעקוקט צו בן־ציונס דאַרפישער באַלעבאַטישקייט און איז געוואָרן אַליין אַ באַלעבאָס ביי זיך. ער האָט געאַרבעט אין גאָרטן, וואָס הינטערן שטוב, געמאַכט פון שטרוי נעסטן אויפן בוידעם; געהאַלטן פייגעלעך אין שטייג־לעך און געזעצט הינער אויף אַ קאָרב אונטערן בעט אויסצובריען הינדעלעך.

ער האָט געוואָלט נאָכמאַכן הערצל קיילעס אין שיינער האַנט אַרבעט אויך. אָבער עס איז אים ניט געגאַנגען, ניט געווען קיין געצייג. צו שניצן דאַרף מען אַ מעסערל. און וואו נעמט מען אַ מעסערל? האָט ער

געקנייטשט פון פּאַפּיר לאַמטערנעס, אויסגעשניצט פון אַ שטיקל האָלץ אַ לעפל און געשריבן מיט אַ צוק, אַ דריי אַזוי אַז פון אַן אות, אַ בוכשטאַב, ווערט אַ פֿויגל.

## שלום ווערט אַ יתום

ווען שלום איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָט זיך פּלוצים די לאַגע אין שטוב אינגאַנצן געביטן. ר׳ חיים משהס געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין זייער שלעכט.

איינע פון די הויפּט פּרנסות, וואָס דערמיט האָט דאָס שטעטל קאַפּוליע זיך אויסגעצייכנט פון אַנדערע שטעטלעך איז געווען דאָס וועבן פון צוויי־ערליי סאָרטן לייוונטן. איין סאָרט לייוונט האָט זיך גערופן אַסטראַכאַנקע — אַ פּראָסטע לייוונט, געפאַרבט טונקל גרין, וואָס פלעגט גענוצט ווערן מערסטנס אויף אונטערשלאַק. אויך פלעגט מען פון דער לייוונט נייען רעקלעך פאַר אָרעמעלייט.

דער צווייטער סאָרט לייוונט וואָס מען האָט געוועבט אין שטעטל, האָט געהייסן שלייער — אַ לייוונט וואָס איז געווען זייער דין און פיין געבלייכט, לאַנג און שמאָל ווי אַ האַנטוך. מיט אָט דער פיינער לייוונט פלעגן יידישע פרויען אַרומוויקלען דעם קאָפּ, אויסקנייטשן אַזוי, אַז הינטן אויף דער פּאָטיליניצע זיינען אַראָפּגעהאַנגען צוויי לאַנגע עקן, און ביי די זייטן צוויי קלענערע עקן.

מיט די צוויי סאָרטן לייוונטן האָט געהאַנדלט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. ר׳ חיים משהס אויסגעגעבענע קינדער האָבן דערמיט אויך גע־האַנדלט. די דאָזיקע סחורה פלעגט דערנאָך דורך גרעסערע סוחרים אויפ־קויפער צעפירט ווערן אין אַלע ליטווישע שטעט, וואו זי האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּגאַנג.

מיט אַמאָל איז אַרויס אַ גזירה, אַז יידן זאָלן זיך אָנטאָן דייטש — אין קורצע קליידער און יידישע פרויען טאָרן ניט גאָלן דעם קאָפּ און טאָרן ניט טראָגן זייערע שלייערס. יידישע מענער האָבן געביטן זייערע קליידער און יידישע פרויען האָבן אויפגעהערט אַרומוויקלען זייערע קעפּ מיט אָט דער לייוונט. אין קאַפּוליע איז געוואָרן אויס האַנדל, אויס פּרנסה.

אויף ר׳ חיים משהן האָט דער געפאַלענער האַנדל זיך שלעכט אָפּגע־רופן. די אויסגעגעבענע קינדער זיינען געבליבן ווי דערוואָרגן — אָן פּרנסה. אַ שוואָגער זיינער וואָס האָט געהאַנדלט מיט טאַלקעס — בינטלעך

## מענדעלע מוכר ספרים

פאַדעם וואָס מען האָט גענוצט צו וועבן — האָט אָנגעזעצט און איז אַנט־לאָפן. ער האָט איבערגעלאָזט ווי אויף וואַסער אַ ווייב מיט אַ קליין קינד און זיי זיינען געפאַלן אויף ר׳ חיים משהס קאָפּ.

ר׳ חיים משה האָט געהאַלטן די טאַקסע פון פלייש אין שטעטל. דער עולם האָט אָבער אין די שלעכטע צייטן וויניק פלייש געגעסן, זיינען די געשעפטן גאָר געפאַלן און אין שטוב איז ניט געווען פריילעך.

און טאָמער האָבן געפעלט צרות, איז פלוצים אין אַ שיינעם זומער טאָג אויסגעבראָכן אַ שרפה און מער ווי אַ העלפט הייזער פון שטעטל איז אַוועק מיטן פייער. די אָרעמקייט אַרום האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט.

דער ווינטער נאָך יענעם זומער איז געווען זייער אַ שווערער פאַר ר׳ חיים משהן. ער האָט זיך צוליב דער נויט אינגאַנצן פאַרענדערט. ער איז געוואָרן גרוי, געעלטערט געוואָרן פאַר דער צייט. אינגאַנצן איז ער דאַן אַלט געווען אַ יאָר צווי און פערציק.

ער האָט ווי עס איז איבערגעשטופּט דעם ווינטער . פאַר פּסח איז ער פון ערגערניש פאַרשלאָפט געוואָרן. ער איז געבליבן ליגן אָן כוחות, ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. מען האָט אַראָפּגעבראַכט צו אים אַ גרויסן דאָקטאָר. ער האָט דער קראַנקהייט אַ נאָמען געגעבן, פאַרשריבן רעצעפּטן, געקראָגן באַצאָלט — אָבער דאָס אַלצדינג האָט ניט געהאָלפן. אַכט טאָג פאַר פּסח איז ר׳ חיים משה געשטאָרבן.

שלום איז געבליבן אַ יתום, ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר.

## טינקעוויטש

שלום איז געוואָרן אַ יתום. די מוטער זיינע, שרה, איז געבליבן אָן מיטלען צו לעבן. זי, נעבעך, האָט זיך געמאַכט האַרץ און אַוועקגע־שיקט דאָס ליבסטע קינד אירס אין דעם נאָענטסטן שטעטל לערנען און עסן טעג.

דאָס שטעטל איז געווען ניט ווייט פון קאַפּוליע, זיין געבורטס אָרט. קיין ישיבה איז דאָרטן ניט געווען, און דאָס פרעמדע בחורל איז נעבעך אַליין געזעסן אין דעם ליידיקן בית המדרש און געשאָקלט זיך איבער דער גמרא.

ווי אַ פינצטערער וואָלקן ליגט דער יתום אויף שלומען. אים איז אָפּגעשטאָרבן אי דער פאָטער, אי די וועלט מיט אים אינאיינעם. אינגאַנצן

די נאַטור, מיט איר ערד און הימל, מיט פעלדער און וועלדער, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט — איז פאַר אים געוואָרן טויט. און ער אַליין איז אָפּט געבליבן זיצן אויף דער האַרטער באַנק פון בית המדרש האַלב טויט — פאַרגליווערט, אויסשטעלדינק אַ פאַר אויגן, קיין ריר זיך ניט צו טאָן.

נאָך גוט וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט דאַווענען מיט התלהבות אויפן חסידישן שטייגער. דאָס איז געווען פאַר אים אַ נייע איבערלעבונג. דאַ־ווענען, דאָס איז געווען אַ ליכטיקער שטראַל וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די וואָלקנס מרה שחורה, אַ שיין געטאָן אין זיין פאַרפינצטערטער, פאַר־יתומטער נשמה. דאָס איז געווען אַ חסידיש דאַווענען מיט אַ ברען. אין טינקעוויטש האָט ער צום ערשטן מאָל געזען חסידים. אין קאַפּוליע איז פון זיי קיין זכר ניט געווען. די חסידים זיינען אים געפעלן געוואָרן. די יידן אין זיין שטעטל זיינען טאַקע אויך געווען פרום, אָבער זיי האָבן געדאַוונט, ווייל אַזוי שטייט געשריבן. אַזוי דאַרף אַ ייד טאָן. גאָט איז אַ בייזער, ווי נאָר עפּעס ווערט ער ברוגז, אַזוי טראַכטן מתנגדים. אין אַ מתנגד שטעקט אַ פאַרפרוירענע נשמה. אַקעגן זשע דער חסיד, ווי שלום האָט עס איצט געזען, האָט אַ הייסע נשמה.

אָבער מען דאַוונט דאָך ניט אַ גאַנצן טאָג. אָפּגעדאַוונט איז שלום געווען דערשלאָגן, פאַרשלאָפן, עפּעס גאָר אַ גולם.

אָפּט פלעגט אים באַפאַלן אַ בענקעניש נאָך דער היים, נאָך דעם שטעטל, נאָך אַלצדינג פון די אַמאָליקע גוטע יאָרן. עס קריכן אים אין קאָפּ די קוזניע און הערצל קיילעס הויף און עס ציט אים אַהין, אין די שיינע ערטער פון שטעטל.

ער פלעגט זיך אַ כאַפּ טאָן און לאָזן זיך געשווינד מיט דעם וועג אַהיים. אָבער אינמיטן וועג קומט אים אַרויף אויפן געדאַנק די צרות אין דער היים. ער שטעלט זיך אָפּ, באַוואַשט זיך מיט טרערן און קערט זיך אום פאַמעלעך צוריק אין בית מדרש אַריין.

נאָר איינמאָל פאַר ראש השנה האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט, זייער שטאַרק זיך פאַרבענקט. איז ער אַ צעקאָכטער אַרויסגעשפּרונגען פון בית המדרש, וואו עס האָט געהערשט אַן אומעטיקע שטילקייט ווי אין אַ ליידיק ניט באַוואוינט הויז, און ער האָט זיך געלאָזן לויפן מיט אימפּעט אויפן וועג וואָס פירט אַהיים. דאָס מאָל האָט ער זיך ניט אומגעקערט צוריק. ער איז אָנגעקומען אַהיים, צו דער מאַמען, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרסאָפּעטער, אָן אָטעם.

די מאַמע מיט דעם קינד האָבן ביי דער באַגעגעניש זיך באַוואַשן מיט טרערן.

אָבער לאַנג איז ער אין דער היים ניט געבליבן. ער האָט זיך איצט אין קאַפּוליע געפילט אַזוי עלנט, ווי ווען ער איז געווען אין דער פרעמד. באַלד נאָך יום־טוב פאַרלאָזט ער ווידער זיין היימיש שטעטל און האַלב צופוס, האַלב אונטערפאָרנדיק, קומט ער אָן קיין סלוצק, וואו עס איז געווען אַ גרויסע ישיבה.

## די ישיבה אין סלוצק

ווען שלום איז אָנגעקומען אין דער סלוצקער ישיבה האָט ער מיט זיך געהאַט ניט מער ווי די תפילין, אַ שטיק ברויט, צוויי אַלטע אויסגע־לאַטעטע העמדער, אַ פּאָר צעריסענע זאָקן און אַ קאַפּאָטע.

אין דער שטאָט סלוצק זיינען געווען אַ סך יידן וואָס האָבן גוט געקענט און געשעצט זיין פאָטער ר׳ חיים משה. האָט דאָס יינגל שנעל געקראָגן „טעג״ און אויך אָן אכסניה וואו צו שלאָפן.

אין אָנהויב האָט ער זיך געפילט פרעמדלעך אין דער ישיבה. ביס־לעכווייז האָט ער זיך איינגעלעבט מיט די ישיבה בחורים. ער האָט זיך מער ניט געפילט עלנט צווישן זיינע נייע חברים און ער ווערט אַן עכטער ישיבה בחור.

אין סלוצקער ישיבה האָט ער געלערנט צוויי יאָר. ער איז אָנגעקומען אין דער ערשטער מחלקה. פון דאָרטן איז ער אַריבער אין דער עלטסטער מחלקה. דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען לערנען אין בית מדרש פון דעם שטאָט גביר ר׳ יונה.

ער וואָלט אפשר געבליבן אין סלוצק גאָר אַ לענגערע צייט. אָבער דעמאָלט ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען אין בית המדרש פון דעם שטאָט גביר האָט געטראָפן זייער אַ קאָמישע מעשה — און שלום פאַרלאָזט סלוצק.

## אַ כלה מיט קליינע אייגעלעך

די מעשה איז אַזוי געווען: אַז שלום איז אָנגעקומען צו ר׳ יונה סלוצ־קער אין בית המדרש צו לערנען פאַר זיך, איז אין אָנהויב דעם יינגלס פרייד געווען זייער גרויס. אויס אָפּגעלאָזענע ישיבה, וואָס באַשטייט פון איין גרויסן צימער אָנגעשטעלט מיט טישן און בענק. אויס טעג עסן,

אויס אָרעמע מאָלצייטן, וואָס אָפט באַשטייען זיי פון אַ שטיק טרוקן ברויט, אָדער ברויט מיט אַ געבאַקטער קאַרטאָפל. אין גבירס בית המדרש איז געווען וואַרעם און ליכטיק. די בענק זיינען געווען גלאַט אָפּגעהובלעוועט. די שטענדערס גוט פּאָלירטע. באַלד נאָכן דאַוונען פלעגט מען דערלאַנגען די לערנער טיי מיט זודיקער מילך, מיט פרישע געבעקס נאָר פון אויוון אַרויס. פרייטיק איז שלום געגאַנגען אין אַ פיינער רייכער באָד מיט שטיינערנע בענק און גוטע שפריצערס. ס׳איז אָבער אים לאַנג ניט באַ־שערט געווען צו זיין אין גן עדן.

דער גביר יונה סלוצקער האָט געהאַט אַ טאָכטער, זי האָט געהייסן פייגל, גערופען האָט מען זי אָבער „די קליינע אייגעלעך", ווייל זי האָט געהאַט זייער קליינע אויגן און אַזוי איז זי אויך ניט געווען קיין גרויסער פּאַרשוין. ר׳ יונה איז אָבער געווען אַ גרויסער גביר און וויבאַלד אַז די טאָכטער איז ניט געווען קיין שיינע, האָט ער פאַר איר געזוכט אַן אָרעמען בחור, עפּעס אַ צאַצקע, אַזעלכער וואָס זאָל זיין איינער ביי גאָט און דער אַנדערער ביי אים. און גאָט האָט אים געבראַכט די מציאה גלייך אין אייגענעם בית המדרש אַריין.

אין איין שיינעם פרייטיק האָט דער גביר געגעבן אַ באַפעל, אַז אויף שבת זאָל מען אים ברענגען שלומען.

מען האָט דאָס יינגל געבראַכט און מען האָט אים אַוועקגעזעצט ביים עק טיש אַנטקעגן דעם גביר און אַנטקעגן דעם גבירס טאָכטער מיט די קליינע אייגעלעך. דער גביר האָט אַלעמאָל געוואָרפן אויף אים אַ פּאָר שוואַרצע, שאַרפע אויגן. די „קליינע אייגעלעך" האָבן געקוקט צו זיך אין טעלער אַריין.

די סעודה האָט דעם אָרעמען בחור צעטומלט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערזען אַזויפיל טעלער און טעלערלעך און אַלע אַזעלכע גלאַנציקע. מיט גאָפּל־מעסער איז ער אין יענער צייט אויך ניט געווען אַזוי שטאַרק באַקאַנט. דאָ האָט מען נאָך אים דערלאַנגט אַ געבראָטן פערטל עוף, גוט געפּרעגלט אין שמאַלץ מיט אַ געשמאַקן צימעס פאַר אַ צוגאָב. אודאי איז עס אַ גוטער מאכל. אָבער ווען איז עס גערעדט געוואָרן, אַז מען זאָל דאָס נעמען אין האַנט אַריין. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז מען דאַרף נאָכקוקן וואָס אַנדערע טוען?

ער קוקט זיך צו און ער זעט, אַז אַלע קליגן זיך און בריהן (בעריען) זיך מיט גאָפּל־מעסער. נו, קליגט ער זיך אויך און בריהט (בעריעט) זיך

אויף מיטן גאָפּל און מיטן מעסער. דער גביר קוקט אים נאָך מיט זיינע שאַרפע, שטרענגע אויגן, וואָס דרינגען גלייך אין דער נשמה אַריין. ווי הונגעריק שלום איז ניט געווען האָט ער גלייך פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט. ער וואָלט געוואָלט אַוועקלייגן דעם גאָפּל מיטן מעסער. אָבער ער שעמט זיך. פאַרעסט ער זיך ווייטער. פּלוצים — האָט זיך דאָס פּערטל הון אויפגעהויבן פון טעלער, גלייך ווי עס וואָלט ביי דעם אויסגעוואַקסן פליגל, און אַ פלי געטאָן איבערן גאַנצן טיש און טוץ — דעם גביר אין פּנים אַריין, און פונעם פּנים גלייך אויף זיינע שבתדיקע קליידער.

צו קיין שידוך איז שוין ניט געקומען.

שלום האָט פאַרלאָזן סלוצק און איז אַוועק קיין ווילנע. דאָרטן האָט ער געלערנט געשמאַק. אָבער ער האָט אין ווילנע פאַרבראַכט נאָר עטלעכע חדשים. ס'איז אים נמאס געוואָרן דאָס זיין אין דער פרעמד. נאָך צוויי יאָר וואַנדערן האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

## אין דאָרף מעלניקי

זיין מוטער די אלמנה האָט חתונה געהאַט מיט איינעם אַ מילנער אין דאָרף מעלניקי, אַ דאָרף ניט ווייט פון קאַפּוליע. זי איז, מיט אירע יונגע קינדער, אַוועק אין דאָרף צו איר צווייטן מאַן, און שלום איז געבליבן אין שטעטל עלנט און אַליין. אַ טרויעריקער איז ער אַרומגעגאַנגען און ס'איז אים מיאוס געוואָרן דאָס לעבן. דער שטיף־פאָטער האָט אויף אים רחמנות געקראָגן און אים צוגענומען צו זיך. און כדי שלום זאָל ניט עסן אומזיסט האָט ער געלערנט אַ פּאָר שעה אַ טאָג מיט דעם מילנערס קינדער.

נאָך צוויי יאָר אַרומשלעפּן זיך אין ישיבות. נאָך אַ לעבן פון גרויס אָרעמקייט און עלנט האָט ער זיך גוט געפילט אין קליינעם דערפל.

דאָס דערפל איז געווען אָפּגעריסן פון דער וועלט, ווייט פון מענטשן און פונעם טראַקט. נאָר קליינע שמאָלע וועגעלעך האָבן זיך געשלענגלט דורכן וואַלד, דורך טאָלן און בערגלעך און געפירט צו דערפער, וואָס ליגן צעזייט אַרום און אַרום. מענטשן זיינען געקומען אין דערפל זעלטן. עס רוישט ניט, עס קאָכט ניט ווי אין די שטעט, דערפאַר אָבער שוויבלט און גריבלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּן, אין די פעלדער, מיט אַלערליי באַשעפענישן, חיות און פייגל, אַ קראָקען, אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצן.

דאָס שטיבל פון זיין שטיף־פאָטער איז געשטאַנען האַרט ביים וואַלד.

ווינטער האָט מען אָפט געקאָנט הערן דאָס וואָיען פון הונגעריקע וועלף און אַ ברומען פון אַ בער וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט נאָענט צום דאָרף.

אין אָט דעם שטילן אָרט, אָפּגעזונדערט פון מענטשן און נאָענט צו דער נאַטור, האָט זיך אין דעם יונגן שלום יעקב אויפגעוועקט דאָס פּאָעטישע געפיל און ער האָט אָנגעהויבן אויסצוגיסן אויפן פּאַפּיר וואָס ער האָט געפילט טיף אין האַרצן. ער האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ מין דראַמע אויפן שניט פון אַן אַלטן העברעאישן פּאַרפאַסער. אויך האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער נאָכמאַכנדיק קאַפּיטלעך תהילים.

זיינע ערשטע פּרוואוון אין פּאָעזיע האָט מענדעלע אָפּגעהיט ביי זיך ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער האָט עס קיינמאָל ניט געדרוקט, ווייל דאָס איז נאָך ניט געווען קיין צייטיקע פּרוכט און ס'האָט געהאַט דעם טעם פון וואַלד עפּעלעך. אָבער באַלד ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו שרייבן, האָט ער שוין געהאַט אין זיך עפּעס פון שפּעטערדיקן מענדעלען. אָנגעהויבן האָט ער אָפּצולאַכן פון מענטשן און אַראָפּרייסן די מאַסקע פון זיי. אויך האָט ער אַרויסגעוויזן, שוין באַלד אין אָנהייב, אַ גרויסע ליבשאַפט צו דער נאַטור. צוויי שטריכן וואָס זיינען געבליבן אין זיין גאַנצן שפּעטערדיקן שאַפן.

דאָס דאָרפישע לעבן ביים שטיף פאָטער האָט אים שנעל דערעסן. אים האָט געצויגן צוריק אין שטעטל, אין קלויז, וואו עס זיינען געווען אַזויפיל ספרים, ניט בלויז גמרות, נאָר אויך נייע ספרים. ער האָט זיך אומגעקערט קיין קאַפּוליע און זיך ווייטער געזעצט לערנען ווי פריער, אין בית המדרש.

דערווייל איז ער שוין אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, און ער האָט שוין אָנגעהויבן שטאַרק צו טראַכטן וואָס וועט זיין דער תכלית.

## אברהמל דער קרומער

אין יענער צייט האָט זיך געמאַכט אַז אין קאַפּוליע איז אָנגעקומען אַ ייד מיטן נאָמען אברהמל דער קרומער. ער איז געווען פריער אַ שטעטל־דיקער, — אַ קאַפּוליער, דערנאָך האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן אין דער ווייטער וועלט אַריין. איצט איז ער געקומען צוריק און דערציילט ניסים און נפלאות, פון וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אויף זיין רייזע אין וואַליין. וואָלין איז אַ געבענטשט אָרט מיט אַלעם גוטן. קוילעטשן עסט מען דאָרט אינמיטן דער וואָך, ווייַן טרינקט מען דאָרט ווי וואַסער. נאָר די מענטשן, די דאָרטיקע,

זיינען גראָב, פאַרשטאָפּטע קעפּ. יידן פון היגן ווינקל קאָנען זיי אין זאַק אַריינגאַרן און מאַכן גוטע געשעפטן.

דער הינקענדיקער רייזנדער האָט דערציילט און דער קאַפּוליער עולם האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן, און אַנדערע האָבן לאַנג ניט געטראַכט און באַלד זיך אַוועקגעלאָזן אַהין, אין יענעם גליקלעכן קאַנט.

אברהמל דער הינקענדיקער האָט גענומען צוריידן שלום יעקבס מומע, וואָס איז געבליבן מיט אַ קליין קינד, נאָכדעם ווי דער מאַן אירער איז פון איר אַנטלאָפן, אַז זי זאָל זיך לאָזן אין יענע געגנטן זוכן איר מאַן. ער האָט אים דאָרטן געזען. ער האָט אויך אָנגעהויבן צוריידן שלום יעקבן אַז ער זאָל מיטפאָרן. דאָרטן אין יענע ערטער זיינען לויטער עמי הארצים און אַז זיי דערטאַפּן אַ וואויל קענעוודיקן ליטווישן בחור כאַפּן זיי אים אויס. ער וועט געוויס דאָרטן קריגן די בעסטע שטעל.

שלום יעקב האָט זיך געלאָזט צוריידן און אָן קיין שום צוגרייטונג, אַט ווי ער שטייט און גייט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין „עק וועלט״, ווי עס האָט דעמאָלט געהייסן אַ רייזע פון ליטע קיין וואָלין.

## וואָגלעניש

אין וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אברהמל איז אַ שווינדלער און אַ שנאָרער דערצו. דער „מאַרשרוט״ האָט געדאַרפט זיין גלייך קיין אַרשייעוו, אַ שטאָט אין בעסאַראַביע, וואו אברהמל זאָל האָבן באַגעגענט דעם מאַן פון שלום יעקבס מומע, אָבער אברהמל האָט זיך ניט געאיילט. אין יעטוועדן שטעטל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקליבן געלט פאַר דער עגונה מיט איר קינד. שלום יעקב און די פאַרלאָזענע פרוי האָבן ניט געוווּסט פון קיין זאַך. פאַר דער עגונה האָט דער פאַרזאָרגער אירער געמאַכט „אַ היים״. ער האָט באַדעקט זיין וועגל מיט אַ שטיקל לייוונט און דאָרטן האָט זי געוואוינט מיטן קינד. ווי נאָר מען איז אָנגעקומען אין אַ שטאָט, פלעגט אברהמל דער הינקענדיקער גלייך אַוועקשיקן דעם יונגן שלום יעקבן אין בית־המדרש אַריין. ער אַליין, דער שנאָרער, האָט ניט גערוט. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און צונויפגענומען געלט פון וועמען עס האָט זיך געלאָזט.

אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט אַ היפּש ביסל צייט ביז זיי זיינען גע־קומען ערב שבועות קיין לוצק. אין שול האָבן די ישיבה בחורים גראַד

געהאַלטן אין גרינדן אַ חברה, האָבן זיי דעם נייעם אורח, שלום יעקבן, איינגעלאַדן אָנצושרייבן די תקנות (סטאַטוטן) פון דער נייער חברה. שלום יעקב האָט באַלד קונציק אָנגעשריבן מיט אַ שיינעם כתב און מיט אַ פיינעם לשון. אַלע האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּחידושן פון דער שיינער מליצה. אברהמל דער שנאָרער האָט באַלד דערשמעקט אַז ער קאָן כאַפּן אַ שיין פּאַרדינסטל — שדכנות־געלט. ער איז געווען זיכער, אַז אים וועט געלינגען אויסצופירן אַ שידוך צווישן דעם יונגן שלום יעקבן און דער טאָכטער פון לוצקער נגיד. אין עטלעכע טעג אַרום איז אברהמל דער הינקענדיקער אַריינגעלאָפן אין קלויז מיט אַ שמחה און אָנגעזאָגט דעם בחור, אַז ער איז געוואָרן אַ חתן פאַר אַ כלה מיט אַלע מעלות, מען וואַרט נאָר ער זאָל קומען אַהין צום גביר אין הויז. אָבער שלום יעקב, דער געבראָטענער ליטוואַק, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל ניט אָנקוקן די כלה, ער וויל ניט חתונה האָבן. ס'איז געוואָרן אויס שידוך און אברהמל דער הינקענדיקער האָט געמוזט איינשפּאַנען דאָס פערדל און פאָרן ווייטער.

מען איז געפאָרן טעג, וואָכן, חדשים. אויף דער רייזע האָט שלום יעקב באַגעגנט אַנדערע אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויף די וועגן. ניט איינעם פון זיי האָט ער דערנאָך באַשריבן.

די פאָרערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין שטעט, אין שטעטלעך, גענעכטיקט אין הקדשים, געוואַלגערט זיך אין קרעטשמעס און בתי־מדרשים. דער צוקונפטיקער מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך אָנגעקוקט מיט אַלערליי יידן, מיט אַלערליי מאָדנע פּאַרשוינען, פאַרשידענע נפשות; מענטשן פון אַלטן און נייעם שניט. ער האָט שפּעטער געהאַט וואָס צו דערציילן.

## אַ מזלדיקע פערדישע פּאַדקאָווע

נאָך היפּשע עטלעכע חדשים האָבן זיי זיך דערשלאָגן קיין קאַמענעץ פּאָדאָלקס. שפּעט ביינאַכט האָט אברהמל מיט זיינע פּאַסאַזשירן זיך פאַרשלעפּט אין אַ פּוסטער קרעטשמע ווייט פון שטאָט, אַ מין חורבה, אָן טיר און פענצטער. דאָרטן האָבן זיי זיך אָפּגערוט. פאַרטאָג איז אברהמל שנאָרער אַוועק אין שטאָט וועגן זיינע געשעפטן. ער איז געקומען צוריק אַ צעקאָכטער. עפּעס איז ניט געגאַנגען גלאַט אין זיינע שנאָרער געשעפטן. ער האָט געזאָגט,

— ס'איז ניט קיין יידישע שטאָט. ס'איז אַ שטאָט נאָך ערגער פון סדום. ער וויל זי ניט קענען. פאַרטאָג פאָרט ער קיין כאָטין. דאָס וועט אָבער זיין די לעצטע סטאַנציע. אויב דער שיינער בחור וועט ניט וועלן ווערן קיין חתן, לאָזט ער אים דאָרטן איבער אויף גאָטס באַראַט. נאָר דעם פאַספּאָרט זיינעם וועט ער פאַרהאַלטן ביז ער וועט אים אָפּצאָלן פאַר־געלט פאַר דער גאַנצער צייט.

אַ שווערע, ביטערע נאַכט האָט שלום יעקב איבערגעלעבט. אָן אַ פאַספּאָרט וועט ער זיך ניט קאָנען רירן פון אָרט. וואָס טוט מען? פּלוצ־לונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָ אין שטאָט טאָקע דאַרף זיך געפינען אַ חבר זיינער פון קאַפּולייער קלויז. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן פון דער היים און איז געוואָרן, ווי מען האָט אין דער היים דערציילט, אַ משורר — אַ זינגער ביים קאַמענעצער חזן.

ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט ער זיך אַליין אַוועקגעלאָזט אין שטאָט זוכן דעם חבר. אין שטאָט האָט ער זיך אָבער דערוואוסט, אַז דער חזן און זיינע משוררים זיינען אין וועג און וועלן ערשט קומען אַהיים אויף ראש־השנה. אַ פאַרלאָרענער, מיט אַ ביטער האַרץ, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין דער קרעטשמע. אברהמל איז אויף אים אָנגעפאַלן מיט זידלע־רייען הלמאַי ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. מען האָט געשפּאַנט פערד און וואָגן און זיך געלאָזן פאָרן קיין כאָטין.

פאָרנדיק קיין כאָטין האָט זיך אַברהמל אַרומגעקוקט אַז די קליאַטשע זיינע האָט פאַרלאָרן אַ פּאַדקאָווע און ער האָט געהייסן דעם בחור זיך צוריקקערן אויפן וועג, אויף וועלכן זיי זיינען געפאָרן און אויפזוכן די פּאַדקאָווע. אָט דער צופאַל האָט אַרויסגעראַטעוועט שלום יעקבן פון דעם זומפּ אין וועלכן ער איז שיר ניט געזונקען.

שלום יעקב איז געלאָפן צוריק און געזוכט אין דער בלאָטע. ער האָט געהאָפט צו געפינען די פאַרלאָרענע פּאַדקאָווע און דערמיט כאָטש אַביסל איינשטילן דעם בייזן אַברהמלען. פּלוצלונג דערזעט שלום יעקב אַקעגן פאָרט אַ פּוילישע קאַרעטע מיט פיר פערד פול אָנגעפּאַקט מיט אַ פריילעכער חברה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צו קוקן אויף די גליקלעכע בחורים. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַן אויסרוף:

— שלום יעקב, שלום יעקב קאַפּולייער, וואָס טוסטו דאָ?

באַלד האָט זיך די בריטשקע אָפּגעשטעלט און פון דאָרטן איז אַרויס־

געקראָכן דער חבר זײַנער פון קאַפּוליער קלויז. דער חזן און די משוררים האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פריער ווי זיי האָבן גערעכנט.

שלום יעקב האָט אין קורצן דערציילט דעם חבר זיינעם זיין שוועך האַרץ און יענער האָט איבערגערעדט דעם חזן ער זאָל אויסלייזן דעם בחור פון אברהמל שנאָרערס הענט. דער חזן האָט באַצאָלט שלום יעקבס פור־געלט און אים מיטגענומען קיין קאַמענעץ.

## אַ נײַ לעבן

דער חזן איז געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ. ער האָט געזען אַז דער בחור זאָל ווייטער ניט ליידן קיין נויט. ער אַליין האָט אים אָוועק־געפירט אין „באָשע דער רויטערס קלויז", וואָס איז געווען דער גרעסטער בית־המדרש אין שטאָט; די קלויז איז געווען רייך מיט ספרים און דאָרטן האָבן געדאַוונט די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. דער ליטווישער בחור האָט דאָרט שטאַרק אויסגענומען. יונגעלייט לומדים האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו אים מיט שווערע פראַגעס אין לערנען. מיט דער צייט האָבן עטלעכע גבירים אים געבעטן אַז ער זאָל לערנען מיט זייערע דערוואַקסענע קינדער. שלום יעקב האָט געקראָגן גוט באַצאָלט דערפאַר.

ער האָט מער ניט געהונגערט. ער איז געווען פאַרזאָרגט מיט די טאָג טעגלעכע באַדערפעניש. אָבער ער איז ניט געווען צופרידן. ער האָט אַלץ מער אָנגעהויבן פילן אַ גייסטיקן הונגער. ער האָט זיך שוין ניט באַנוגנט מיט דער טרוקענער גמרא. ער האָט געוואָלט לערנען מער. דער־הויפט האָט ער געדורשט נאָך די נייע ביכלעך. אָבער וואו נעמט זיי?

שלום יעקב איז געווען אַ מזלדיקער בחור. ס'האָט זיך ווידער אַריינ־געמישט אַ צופאַל.

אין דעם בית מדרש וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן איז געזעסן און געלערנט אַן אַלטער ייד, ר' אַברהמצי, זייער אַ פרומער און געהויבענער ייד. ער איז געווען ווי מען רופט עס היינט אַ פּאָעט. אים האָט געצויגן צו די מעשיות פון די אַגדתות, צו די וואונדערלעכע שיינע זאַכן אין דעם זוהר. און ווי פון זיך אַליין איז פאַרגעקומען אַ דערנענטערונג צווישן אים און דעם יונגן ליטוואַק.

ווען דער ייד האָט אויסגעפונען, אַז דער בחור איז אַ גרויסער קענער פון תנ"ך און דקדוק, האָט ער אים איינגערוימט אַ סוד:

## מענדעלע מוכר ספרים

— הערסטו, שלומקע שקאָץ, וואָלסט זיך געמעגט דורכגיין אַ מאָל, אַז קיינער זאָל ניט זען, צו יענעם אַפּיקורוס, וואָס קען דיר נוצן אין די זאַכן. אמת, פרומע לייט וויכן פון אָט דעם געגאָלטן יידן, אָבער דו מעגסט זיך מיט אים באַקאַנען. ער וועט דיך פון יידישן וועג ניט אַראָפּפירן. דו וועסט וויסן וואָס צו ענטפערן אים.

דער ייד, דער אַפּיקורס, פון וועמען אַברהמצי האָט גערעדט, איז געווען דער יידישער פּאָעט א. גאָטלאָבער. ער איז אין יענער צייט געווען אַ לערער אין קאַמענעצער רעגירונגס שול.

פאָרשטייט זיך, אַז באַלד אויף צו מאָרגן אין דער יונגער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש שוין געווען ביי גאָטלאָבערן. מיט האַרץ קלאַפּעניש, האָט דער בחור אים געוויזן זיינע „שריפטן" — די דראַמע וואָס ער האָט אָנ־געשריבן נאָך זייענדיק אין דאָרף מעלניקי און אויך זיינע שירים, די לידער וואָס ער האָט פאָרפאַסט.

מיט אַ שמייכל האָט גאָטלאָבער איבערגעלייענט די קינדיש געשרי־בענע זאַכן און געזאָגט אים, אַז ס'איז נאָך דערווייל ניט קיין צייטיקע פּרוכט, נאָר געגעבן האָפענונג אויף שפּעטער. דערווייל האָט ער אים געזאָגט אַז אַ יונגערמאַן דאַרף זיך בילדן, לערנען, ער וועט אים אַרויס־העלפן.

אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן אַ היימישער מענטש ביי גאָטלאָבערן אין שטוב. ער האָט געליען ביכער פון גאָטלאָבערס גרויסער ביבליאָטעק. זיין טאָכטער האָט אים אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש און דייטש און חשבון. אין קלויז האָט ער נאָך אַלץ געלערנט ווי פריער.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש חתונה געהאַט מיט אַ דאָרטיקן גבירס טאָכטער און איז געוואָרן אַ לערער אין דער אָר־טיקער רעגירונגס שול. ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר.

# י. ל. פרץ

לויט זיינע ווערק, און „מיינע זכרונות״; נ. מייזל: י. ל. פרץ;
שמואל ניגער: „עסעיען איבער פרצן.״

# י. ל. פרץ

יצחק לייבוש פרץ איז געבאָרן געוואָרן אין זאַמאָשטש, פוילן, דעם אַכצנטן מאַי, 1852 און איז געשטאָרבן, אין וואַרשע, דעם דריטן אַפּריל, 1915.

יצחק לייבוש איז געווען דאָס עלטסטע קינד ביי זיינע עלטערן. זיין פאָטער יהודה איז געווען זייער אַ פרומער אָבער אַ היינטוועלטיקער. ער האָט געגעבן זיין געראָטן יינגל אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג און אויך אים געלערנט העברעאיש, דייטש און רוסיש.

ער האָט געלערנט ביי פאַרשידענע מלמדים. גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך. ער האָט זיך דעמאָלט פאַרטיפט אין דער העברעאישער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער און יידישער פילאָזאָפיע. דורך אַ צופאַל האָט ער געקראָגן אַ צוטריט צו אַ רייכער ביבליאָטעק און ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער וועלט ליטעראַטור.

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט. ער האָט זיך באַזעצט אין צוויזמיר און האָט אַ פּאָר יאָר געפירט אַ ברויז. ער איז אָבער ניט געווען קיין גוטער געשעפטסמאַן. זיין קאָפּ איז אים געווען פאַרנומען מיט שרייבן לידער. האָט ער פאַרלאָרן זיין געלט און אויפגעגעבן דאָס געשעפט.

ער איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, דאָרט האָט ער פאַרבראַכט צוויי יאָר און זיך פאַרנומען מיט געבן שטונדן אין העברעאיש.

ער קערט זיך אום קיין זאַמאָשטש. ער האָט געוואָלט גרינדן דאָרט אַ העברעאישע שול, אָבער די פרומע האָבן ניט דערלאָזן. האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ יוריסט; ער האַלט אויס דעם עקזאַמען און אין משך פון צען יאָר פּראַקטיצירט ער אַדוואָקאַטור.

אין 1889 האָט ער צוליב אַ מסירה פאַרלוירן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַדוואָקאַטור. ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין וואַרשע. ער נעמט אָנטייל אין אַ סטאַטיסטישער עקספּעדיציע אויסצופאָרשן יידישע פּרנסות. ער האָט דעם מאַטעריאַל גענוצט אין זיין באַרימט געוואָרן בוך „בילדער פון אַ פּראָווינץ רייזע”. נאָך דער אַרבעט פון דער עקספּעדיציע האָט ער געקראָגן אַ שטעלע אין דער וואַרשעווער קהילה. די שטעלע האָט ער אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט.

פּרץ האָט אָנגעהויבן אין העברעאיש. ביסלעכווייז איז ער אַריבער אויף יידיש. ער האָט געשריבן פעליטאָנען, וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, לידער, דראַמעס און דערציילונגען. אין יידיש זיינען זיינע שריפטן אָפּגעדרוקט אין אַכצן בענד.

זיין קבר געפינט זיך אויפן וואַרשעווער בית עולם.



י. ל. פרץ

# זאַמאָשטש

„ווער וועט נאָכקומען און צושרייבן, וואו מען דאַרף דעם יום — זייער גוט".

י. ל. פרץ — „מיינע זכרונות".

זאַמאָשטש, פוילן. די שטאָט איז געלעגן האַרט ביי דער עסטרייכישער גרענעץ. דעם מאַרק האָבן איבערגעשניטן צוויי ברוקירטע גאַסן. אינמיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ זייגער־טורעם. ער איז געווען אַזוי הויך, אַז די יינגלעך האָבן געמיינט אַז זיין שפּיץ קראַצט די וואָלקנס. אין שטעטל זיינען געווען נאָך צוויי שמאָלע געסלעך. הינטערן מאַרק צוויי טויערן: דער לובלינער טויער און דער לעמבערגער טויער. ווייטער אַוועק שטייען קאַזאַרמעס פאַר סאָלדאַטן. ביז דאָ ניט לאַנג איז אין זאַמאָשטש געווען אַ פעסטונג אַרומגעצאַמט מיט גריבער וואַסער, ערד וואַלן און הויכע מויערן. אויף די מויערן זיינען געשטאַנען האַרמאַטן, זעלנער מיט ביקסן האָבן זיי געהיט. קוים איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבן די אייזערנע בריק איבערן וואַסער, פאַרשלאָסן אַלע טויערן און אָפּגעריסן דאָס שטעטל פון דער רעשט פון דער וועלט ביז אינדערפרי. ביי יעדן פאַרמאַכטן טייער איז געשטאַנען אַ וואַך באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס.

הינטער דער פעסטונג האָבן זיך געצויגן גרינע פעלדער און דיקע וועלדער. די שטאָט איז געווען ניט אָרעם.

— זאַמאָשטש איז אַ לייטישע שטאָט — האָבן יידן געזאָגט, פון אייביק אָן איז זי געווען אַ שטאָט פון תורה, און וואו תורה דאָרט איז חכמה.

מאָדנע, אויסטערלישע מענטשן האָט די שטאָט געהאַט. מעשות איבער מעשות קאָן מען וועגן זיי דערציילן. אָט איז די מעשה פונעם זעלנער קאַנטאָניסט. מען האָט אים צוגענומען אין סאָלדאַטן ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יינגל. אַ יידיש קינד בלייבט אָבער אַ ייד. אַ קוק טאָן אויף אים — איז ער אַ סאָלדאַט ווי אַלע סאָלדאַטן. אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אין דרויסן. אָבער די אויערן זיינען אָנגעשפּיצט צו די בית המדרש פענצטער. פון שול טראָגט זיך דער ניגון פון לערנען. און אַז די וואָך גייט אָפּ, פאַרגנבעט זיך דער קאַנטאָניסט אין בית המדרש אַריין און זעצט זיך לערנען.

נו, האָט מען אים געכאַפּט. מען האָט אים „סקוואָ־סטראָי" — צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן געטריבן. די סאָלדאַטן האָבן געהאַלטן דינע ריטער און געשמיסן. בלוט האָט געשפּריצט, און ער האָט קיין קרעכץ ניט געטאָן. זיין איינגעשפּאַרט שווייגן האָט אַריינגעבראַכט דעם אָפיצער אין גרויס גרימצאָרן און ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

## י. ל. פּרץ

— לעבעדיקער חברה, דערלאַנגט!

ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שמייסעניש. און ער האָט געשוויגן.

אַכציק ריטער האָט ער באַקומען, דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן. ער־געץ פאַרשיקט געוואָרן. אפשר קיין סיביר.

אָט די פּאַסירונג האָט פּרץ באַנוצט אין זיין דערציילונג „דריי מתנות".

היינט דער זאַמאָשטשער אַלטער רב! מען האָט אים גערופן: „דער אייזערנער קאָפּ". ניט נאָר איז ער געווען דער גרויסער למדן, ער האָט אויך געקאָנט וויסנשאַפטן. עס זיינען געווען נאָך צוויי אַזעלכע יידן אין שטעטל: דער שמש און ישראל זאַמאָשטש.

דער שמש איז געווען אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער. ווי מען האָט דער־ציילט, האָט מען נאָך זיין טויט אויסגעפונען, אַז ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט דער פּאַריזער אַקאַדעמיע.

ישראל זאַמאָשטש איז אַ געוויסע צייט געווען אַ רבי פון מענדעלסאָנען.

דער שמש און ר' ישראל פלעגן זיך אָפט צונויפקומען ביים רב אין הויז און רעדן וועגן גאָר הויכע ענינים ביזן טאָג אַריין.

אין זאַמאָשטש האָט אויך געוואוינט דער באַרימטער יידישער שרייבער דר. שלמה עטינגער. אין יענע צייטן איז עס געווען גאָר אַ גרויסער חידוש וואָס אַ דאָקטאָר, אַ געלערנטער און שרייבט אין יידיש. אויך יוסף צעדער־בוים, דער פאָטער פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער אַרויסגעבער פון העברעאישע און יידישע צייטונגען, איז געווען אַ זאַמאָשטשער. „די לופט פון זאַמאָשטש מאַכט קלוג", האָט געזאָגט איינער אַ זאַמאָשטשער משכיל.

אויך אין פּרצעס צייטן איז די שטאָט געווען פול מיט קענער און למדנים. דער שענסטער ייד אין שטאָט איז געווען דער רב, ר' משה וואָהל, אַ יידעלע מיט ליכטיקע, בלויע אויגן; אַ קלייניגקער — אַזוי קליין אַז פונדערוויטנס האָט אים יעדער איינער אָנגענומען פאַר יינגל. געווען איז ער אַ גרויסן גבירס אַן איידעם. דערנאָך אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס געלט איז ער געוואָרן רב אין זאַמאָשטש.

די שטאָט האָט אים ליב געהאַט. אים געוואָלט העכערן די שכירות, אָבער ער האָט ניט געלאָזט. „מאַכט מיר ניט קיין רייכן האַלדז" — פלעגט ער זאָגן. פאַר פראַווען אַ חתונה נעמט ער ניט. אַז מען קומט צו אים אויף אַ דין־תורה, און ווי געוויינטלעך באַצאָלט מען אים דערפאַר, צעטיילט ער דאָס געלט צווישן אָרעמעלייט. ער עסט נאָר דאָס וואָס די רביצן אַליין קאָכט.

ער האָט געפירט די שטאָט מיט יושר, אָבער אויך שטרענג. ער האָט קיינעם ניט געשאָנעוועט. אויב די פישער, ערב שבת, ווילן רעכענען טייערער מיט אַ פּאָר גראָשן אַ פונט פיש, און ר' משה האָט מורא אַז די אָרעמעלייט וועלן ניט קאָנען קויפן קיין פיש, שיקט ער אַרויס דעם שמש מיט אַן אָנזאָג:

—קיינער זאָל ניט קויפן!

און מען קויפט ניט, ביז די פישער רעכענען דעם ריכטיקן מקח. אַז מען האָט אָנגעהויבן נעמען יידן אין מיליטער, איז איינגעפירט געוואָרן, אַז די וואָס גייען אַוועק זאָלן געשטיצט ווערן פון שטאָט. די יידן וואָס גייען אַוועק אין מיליטער זיינען דאָך אָרעמעלייט, זאָלן זיי האָבן עפּעס אויפן וועג און זאָל עפּעס בלייבן פאַר דער משפחה אין דער היים. ר' משה וואָהל שטעלט אַ פּושקע ביי זיך אין דער צווייטער שטוב און לאָזט אויסרופן, אַז ס'איז יושר אַז אַלע באַלעבאַטים זאָלן אַריינוואַרפן אַ צענטל פון זייערע פאַרדינסטן אין פּושקע.

די פּושקע איז געשטאַנען אין באַזונדער צימער און קיינער קאָן ניט זען צי מע וועט פעלשעווען צי ניט. אָבער קיינער וואָגט ניט אָפּצונאַרן דעם רב. יעדער וואַרפט אַריין וויפיל עס קומט פון אים. אין פּושקע האָט זיך אָנגעקליבן אַן אוצר מיט געלט.

עס האָט איינמאָל געטראָפן אַז אַ ייד האָט אויפגעפאָדערט דעם גביר פון שטעטל צו אַ דין־תורה. דער רב האָט געשיקט נאָכן גביר. טרעפט אַז פּונקט דעמאָלט זיינען געווען ביים גביר פון שטאָט גאָר געהויבענע געסט — דער מעיאָר פון שטאָט און דער הויפט פון דער פּאָליציי. ענטפערט דער גביר, אַז ער האָט קיין צייט ניט. ער וועט קומען אַן אַנדערשמאָל.

שיקט דער רב דעם שמש צוריק צום גביר מיט די ווערטער:

— עס שטייט אין תהילים: „גאָט איז צווישן די וואָס משפּטן" — און ווער עס האָט פאַר גאָט קיין צייט ניט, קען גאָט אַמאָל פאַר יענעם אויך קיין צייט ניט האָבן.

דער גביר איז גלייך געקומען צו דעם דין־תורה.

דער רב האָט געקענט ש"ס אויף אויסנווייניק. און אַז עס איז געקומען עפּעס צו אַ שאלה האָט ער אַלעמאָל כשר געמאַכט. און אַז אַמאָל האָט צו אים אַ למדן געזאָגט:

סטייטשט, דער און דער רב, פון די אַמאָליקע גרויסע רבנים, פּסקנט דאָך אַנדערש אין זיין ספר?

## י. ל. פרץ

האָט דאָס קליינע יידעלע געענטפערט:

— אין מיין שטאָט, אין מיין צייט בין איך דער, וואָס פסקנט וואָס עס איז כשר און וואָס עס איז טריף.

## די משפחה פרץ

פּרצעס זיידע, זיין מאַמעס טאַטע, האָט געהייסן שלמה הערש. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר, געפירט געשעפטן מיט דאַנציג. דערציילט מען, אַז ער איז איינמאָל געקומען אַהיים פון דאַנציג אָן אַ גראָשן געלט. ס'איז געווען פרייטיק. ער האָט גאָרנישט דערציילט די שטוביקע. ער איז אַוועק אין באָד, געקומען פון באָד האָט ער זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק אין שול. אַ גאַנצן שבת האָט ער זיך אויפגעפירט אַזוי ווי קיין שום זאַך וואָלט ניט געטראָפן. ער איז געזעסן ביים טיש ביי אַלע דריי מאָלצייטן רואיק און געלאַסן. געזונגען פריילעך זמירות ווי אַלעמאָל. ערשט, נאָך הבדלה, האָט ער צונויפגערופן אַלע בעלי־חובות און צו זיי געזאָגט:

יידן, איר זאָלט וויסן, אַז איך בין געקומען פון דאַנציג אָן אַ גראָשן געלט. נעמט וואָס איז דאָ אין שטוב.

און צו דער באָבען האָט ער געזאָגט:

— חנהלע, דערלאַנג אַהער אַלץ וואָס עס איז עפּעס ווערט.

די באָבע האָט אויסגעטאָן דאָס צירונג און אַנידערגעלייגט אויפן טיש. זי האָט געעפנט די שראַנק וואו עס זיינען די זילבערנע גאָפּל מעסער, די גאָלדענע בעכערלעך, אַריינגעבראַכט אַלע ווערטפולע שטוב זאַכן פון דעם אַנדערן שטיבל און אַוועקגעלייגט אַלץ פאַר די בעלי־חובות.

קיינער האָט אָבער גאָרנישט גענומען.

די באָבע האָט געהאַט איר קראָם, האָט מען פון דער קראָם געלעבט און ביסלעכוויז אויסגעצאָלט די חובות מיט פּראָצענט ביזן לעצטן גראָשן.

פון פּרצעס עלטער זיידן דערציילט מען אויך מעשות. געהייסן האָט ער לייבוש. אין שטעטל האָט מען אים גערופן ר' לייבוש סטאַראָסטע — ווייל ער האָט זיך געפירט ווי אַ סטאַראָסטע — אַ פּריץ, אַ שררה. שוין אין יענע יאָרן האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדערע שטוב, ניט נאָר אַן אַלקער. אין שטוב איז דאָס מעבל געווען געפאַרבט, אַזוינס איז דאַן נאָך ניט געהערט געוואָרן. ער האָט געטראָגן זיידענע זאָקן, גערעדט דייטש ווי וואַסער.

און די אָרומיקע פּריצים האָבן צו אים געהערט ווי צו זייער גלייכן — מיט גרויס דרך־ארץ.

די עלטער באָבע האָט געהאַט אַ געוועלב, אַ גרויס געשעפט פון קאָלאָניאַל סחורה, וואָס מען אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. אין קראָם איז געווען פון כל טוב. אין אַ באַזונדער ווינקל זיינען געווען צוויי שופלאָדן — איינער מיט ראָזשינקעס און איינער מיט מאַנדלען. אַלץ וואָס מען האָט אָפּגעלייזט פאַר דער סחורה אין די שופלאָדן, איז געגאַנגען פאַר אָרעמעלייט. טאָמער האָט אַן אייגן קינד געוואָלט אַ מאַנדל אָדער אַ ראָזשינקע, האָט עס געדאַרפט קויפן — אַריינוואַרפן אַ מטבע אין אַ באַזונדער שופלאָדל. אַניט האָט עס געקראָגן אַ פּאַטש איבער דער האַנט, ניט קיין ראָזשינקעס און מאַנדלען.

פּרצעס טאַטע האָט געהייסן יהודה. ער איז געווען באַוואוסט פאַר אַ למדן, אַ וואויל קענער און האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס. שלמה הערש האָט געגעבן פיר הונדערט טאַלער נדן און אים גענומען פאַר אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער ריוועלע. יהודה איז געווען פרום, אָבער ניט אַלט־פרענקיש. פון נאַטור איז ער געווען אַ גוטער, האָט ליב געהאַט מענטשן און אויסגעגעבן מער צייט פאַר כלל אַרבעט ווי אויף צו פאַרזאָרגן זיין פאַמיליע. ער האָט געהאַט דרייסטע געדאַנקען. אָט איז אַרויס אַ קלאַנג, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אמת, אַז מען וועט נעמען יידן פאַר סאָלדאַטן. דאָס איז געווען פאַר די פרומע יידן אַ שווערע גזירה. די גאַנצע שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע. יהודה פּרץ האָט גערעדט:

— שרעקט זיך ניט. פאָרכט ניט. זאָל קיינער ניט גיין און פּאַרטיק.

— נו, וועט מען דאָך שמייסן? — האָבן די יידן געזאָגט.

— עט, אַ וועלט שמייסט מען ניט.

— נו, וועט מען שמידן אין קייטן.

— ניטאָ אַזויפיל קייטן אויף דער וועלט.

— נו, וועט מען די ווידערשפּעניקע אַריינזעצן אין געפענקעניש, אין תפיסה.

— סיידן מען זאָל די וועלט מאַכן פאַר אַ תפיסה, האָט זיך דער טאַטע געהאַלטן ביי זיינס.

ריוועלע, פּרצעס מאַמע, איז געווען פרימער פאַר איר מאַן. אַ צדקת, האָט מען געזאָגט אויף איר, קאַרגט פאַר זיך און פאַר די קינדער און גיט צדקה אָרעמעלייט.

## י. ל. פרץ

# דאָס יינגל פּרץ

דאָס יונגע פּאַרל האָט געלעבט גליקלעך. יצחק לייבוש פּרץ איז געווען דאָס פערטע קינד ביי טאַטע מאַמע. אָבער די ערשטע דריי קינדער זיינען געשטאָרבן ווען זיי זיינען געווען עופהלעך, האָבן טאַטע מאַמע געציטערט איבער דעם יינגל.

טאַטע מאַמע האָבן געציטערט איבערן קינד און זיך געגרויסט מיט אים. שוין גאָר יונג האָט דאָס יינגל אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן.

צו דריי יאָר, ווען דאָס קינד האָט נאָך ניט געקענט אַרויסריידן קיין גימל אָדער קוף, האָט ער אָנגעהויבן לערנען חומש. שבת, ווי עס האָט זיך געפירט ביי יידן, האָט מען געמאַכט ביים זיידן אין שטוב אַ שמחה. אינמיטן דער שמחה האָט דער אַלטער זיידע גענומען דאָס ציטערדיקע אייניקל און אַרויפגעזעצט אויפן טיש, אַז אַלע זאָלן אים זען. אַרום טיש איז געזעסן די גאַנצע משפחה — אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידעמס און אַן עלטערמומע, אַן אַלמנה, אַחוץ דעם זיידן מיט דער באָבע. דאָס קינד זיצט אויפן טיש, קוקט אויפן עולם און שרעקט זיך ניט. אים ליגט אָבער ניט אין זינען צו האַלטן אַ דרשה. ער וויל זיך גאָר שפּילן. אויפן טיש שטייט אַ וואַזע, געפעלט דעם יינגל די וואַזע און ער וויל זי אַרומנעמען מיט די הענטלעך. די באָבע נעמט אַראָפּ די וואַזע און פרעגט:

— לייבושל, וועסט קאָנען זאָגן די דרשה?

— טענען, ענטפערט דאָס יינגל, וואָס קאָן נאָך נישט אַרויסריידן קיין קוף.

דער פעטער, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייד אַ משכיל, מיט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, שטייט און שמייכלט. ער וויל זיך אַ רייץ טאָן מיטן קינד. פרעגט דער פעטער:

— דו האָסט געלערנט ויטראַ (ויקרא)? — מאַכט נאָך דער פעטער לייבושן.

— דעלערנט, ענטפערט דאָס יינגל.

— נו, און אויסליידן ויטראַ, קאָנסטו?

קוקט אים אָן דאָס קינד —

— וואָס מיינט אויסליידן? (אויסלייגן)

פּאַרטייטשט אים דער פעטער:

— ווי אַזוי שרייבט מען ויקרא?

מיינט דאָס ייִנגל אַז דער פעטער לאַכט פון אים. און דאָס קינד ענט־פערט מיט פּאַרדרוס:

ויטראָ, שרייבט מען ניט. ס'איז אַ פּסוק אין דער הייליקער תורה. דערקלערט אים דער פעטער ווייטער:

— אַוודאי איז עס אַ פּסוק. אָבער אַ פּסוק באַשטייט פון ווערטער. יעדעס וואָרט ווערט צונויפגעשטעלט פון אותיות. אַז מען ווייס פון וועלכע אותיות דאָס וואָרט ווערט צונויפגעשטעלט, מיינט עס אַז מען ווייס ווי אויסצולייגן.

כאַפּט דאָס קינד וואָס דער פעטער מיינט. און פּרץ דערציילט, אַז ער געדענקט ווי ער האָט דערזען פאַר די אויגן ווי די ווערטער שוועבן אין דער לופטן, ניט נאָר דאָס וואָרט ויקרא נאָר די גאַנצע פּרשה און ער רופט אָן איין אות נאָכן אַנדערן.

ביי דער מאַמען ווערן די אויגן פייכט, און זי הייבט זיך אויף און גייט אַוועק אין אַ ווינקל. עפּעס פינטלט זי מיט אויגן. דאָס קינד וואָלט געשוואָרן אַז זי וויינט. ער פאַרשטייט ניט פאַרוואָס, ער האָט דאָך גוט אויסגעלייגט. אָבער דאָס ייִנגל באַרואיקט זיך. די באָבע קוקט אויף דער מאַמען און שמייכלט, און דער זיידע נעמט אים אַראָפּ פון טיש צו זיך אויפן שויס און גיט אים אַ קניפּ אין בעקל. דעם זיידנס קני זיינען האַרט, גייט דאָס ייִנגל אַראָפּ פון זיידנס שויס און גייט אַריבער צום טאַטן. דער טאַטע קושט אים מיט ליבשאַפט. לייבושלען איז גוט.

## מלמדים

צו זעקס יאָר הייבט פּרץ אָן לערנען גמרא. דער גמרא מלמד איז אַ קליין מאָגער יידעלע, זייער אַ בייז. אַז ער ווערט אין כעס הייבן אים אָן די הענט צו ציטערן. ער שלאָגט די ייִנגלעך אָן רחמנות; אָבער לייבושן רירט ער ניט אָן. די רביצן דערלאָזט ניט. זי סטראַשעט אַז זי וועט דער־ציילן ר' יודלען. ר' יודל האָט פיינט אַז אימעצער זאָל לייגן אַ האַנט אויף זיין ציטערדיקן זון.

ער אַליין האָט נאָר צוויי מאָל געפּאַטשט דאָס ייִנגל.

דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען ווען לייבוש איז געווען נאָך גאָר יונג. פון אַלעמאָל האָט פּרץ פיינט געהאַט זיסע זאַכן. די באָבע פלעגט באַקן אַלערליי גוטע זאַכן, ווייסן לעקעך, האָניק לעקעך, טייגלעך. אַלע אייניק־

לעך פלעגן ליב האָבן צו נאַשן; כאַפּן אַ שטיקל לעקעך, גנבענען אַ טייגל. לייבוש האָט זיך קיינמאָל ניט צוגערירט צו די זיסקייטן. ער האָט זיי פּראָסט פּיינט געהאַט.

איינמאָל אויף אַ שמחה ביים טאַטן האָט מען געמאַכט, ווי עס פּירט זיך, אַ לעקעך און בראָנפן פאַר די אָרעמעלייט. ס'איז אַ הו־האַ, אַ טומל אין שטוב. שטייט פּרץ אינמיטן שטוב און זעט ווי דער סאַרווער טראָגט אַ טאַץ מיט לעקעך פון דער מאַמעס שטוב אַרויס. הויך איבערן קאָפּ טראָגט ער די טאַץ, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט קענען דערלאַנגען. ער טראָגט דעם לעקעך צו די געהויבענע באַלעבאַטים, איבער דער מיטל שטוב, וואו די אָרעמעלייט געפינען זיך. באַמערקט לייבוש ווי אַ קראַנק מיידל, אַן אָפּ־געריסענע, אַן אָפּגעצערטע קוקט מיט הונגעריקע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק איז דאָס ייִנגל געווען, טוט ער אַ שפּרונג, כאַפּט אַ שטיק לעקעך און דערלאַנגט עס דעם בלאַסן מיידל. דער טאַטע איז געשטאַנען אין דער טיר. דעם שפּרונג אין דער הויך צו דער טאַץ לעקעך האָט ער געזען, וואָס דאָס ייִנגל האָט געטאָן מיטן לעקעך האָט ער ניט געזען. גייט צו דער טאַטע און דערלאַנגט דעם ייִנגל אין באַק. צומאָרגנס, ווען אַלע זיינען געזעסן אַרום טיש, פאַרקלאָגט ער לייבושן פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט כלומרשט ניט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקעך פון טאַץ.

קומט אַריין די דינסט מיט דער יויך. זי האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיך צוגעהערט הינטער דער טיר, און זי דערציילט וואָס לייבוש האָט געטאָן מיטן לעקעך. זי האָט עס געזען מיט אירע אויגן.

דער טאַטע איז בלייך געוואָרן און אַרויס אין צווייטן צימער. די מאַמע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ טרער איז אַראָפּגערונען אויף איר באַק. דאָס ייִנגל פילט זיך שולדיק, וואָס ער האָט עס באַלד ניט דערציילט. ער וואָלט געוואָלט נאָכגעבן דעם טאַטן און אים איבערבעטן. אָבער ער קאָן ניט. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט פּרץ קיינמאָל זיך ניט גע־קאָנט פאַרענטפערן, קיינעם ניט געקאָנט איבערבעטן.

דאָס צווייטע מאָל, וואָס דער טאַטע האָט דאָס ייִנגל געפּאַטשט איז געווען ווען לייבוש איז שוין געווען אַ בחורל פון אַ יאָר פערצן. ער האָט שוין דעמאָלט געלערנט דעם רמבמס „מורה נבוכים" — אַ טיף פילאָסאָפיש ווערק. און דאָס ייִנגל איז אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקער אַ פאַרמוחטער. ער האָט זיך געגריבלט אין פראַגעס וואָס גרעסערע פון אים האָבן ניט

געקאָנט פאַרענטפערן. דאָס פערצן יאָריק ייִנגל האָט געוואָלט וויסן: פאַר־וואָס ליידן מענטשן אויף דער וועלט? פאַרוואָס זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע מענטשן? וואָס איז דער תכלית פון לעבן?

טרעפט איינמאָל אַ פרייטיק אַז לייבוש ווערט פאַרפאַלן אויף אַ גאַנצן טאָג. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט אין פעלד און געטראַכט, געגריבלט זיך. ער האָט גאָר ניט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַוועק. ער קומט אָן אין בית־המדרש פונקט צו קבלת־שבת. ער איז געקומען אין שול אין דער וואָכע־דיקער קאַפּאָטע, אין וואָכעדיקן היטל און אין ניט אָפּגעפּוצטע שטיוול, פאַרשמירטע מיט ליים פון פעלד. דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעפלאַמט פון חרפּה. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן.

נאָך מעריב גייט דער טאַטע אַהיים. נאָך אים שלעפּט זיך נאָך דאָס פאַרטרויערטע ייִנגל. דער טאַטע מאַכט קידוש און דאָס בחורל זיצט פאַר־טראַכט, פאַרטרויערט מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. דער טאַטע קוקט און ברומט מיט כּעס, קוקט און ברומט. דאָס ייִנגל — ניט ער זעט און ניט ער הערט. פּלוצלונג טוט דער טאַטע אַ שטעל דעם כּוס מיט ווייַן אויפן טיש און מיט דער באַפרייטער האַנט דערלאַנגט ער דעם ייִנגל אין באַק.

דאָס ייִנגל שווייגט. ער קאָן זיך קיינמאָל ניט פאַרענטפערן און פאַר־טיידיקן ווען מען באַשולדיקט אים און ער איז ניט שולדיק. גיי דערצייל דעם טאַטן וועגן די אַלע פראַגעס, וואָס לאָזן ניט צורו דעם יונגן מוח.

דער טאַטע אַליין האָט אים צוויי מאָל געפּאַטשט. אַ פרעמדן אָבער אַרויפלייגן אַ האַנט אויפן ייִנגל וואָלט ער ניט געלאָזט. די מלמדים ווייסן עס. איינמאָל האָט לייבוש שיר ניט געכאַפּט פּעטש פון זיין גמרא מלמד. ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן צו גוטן. ס'איז געווען אַזאַ מעשה:

זיצט דער רבי און פאַרהערט די תלמידים אינעם גמרא לייענען. די רביצן זיצט לעבן אויוון און שטריקט אַ זאָק. דער גמרא ניגון, קאַנטיק, האָט איינגעוויגט די רביצן. זי דרעמלט איין און פאַרלירט דעם קנויל פאַ־דעם. די קאַץ, וואָס האָט דאַרויף געלאָקערט, האָט אַ שפּרונג געטאָן פון אויוון, געכאַפּט די קנויל פאָדעם און אָנגעהויבן זיך צו שפּילן מיט איר ווי מיט אַ מויז.

די ייִנגלעך האָבן אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. די רביצן האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער רבי איז געוואָרן בייז. די ייִנגלעך האָבן זיך דערשראָקן און אויפגעהערט צו לאַכן. אין לייבוש קאָן זיך ניט איינהאַלטן. דער רבי איז שוין געוואָרן גוט אין כּעס, די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן — אָט

טוט ער זיך אַ לאָז צו לייבושן. דאָס יינגל האָט זיך באַדעקט מיט אַ שווייס. פונקט דעמאָלט איז אַריינגעקומען דער טאַטע. די סצענע האָט זיך באַלד געביטן.

— א, ר' יודל, וואָס מאַכט איר? זועצט זיך, ר' יודל, האָט דער רבי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע.

די רביצן פרעגט וואָס מאַכט ריוועלע און דער טאַטע טוט אַ פרעג:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, לייבעלע?

— וואָס הייסט? די הייליקע תורה איז שווער, און ס'איז דאָך אַ זומער טאָג, שוויצט ער, ענטפערט דער רבי.

זאָגט דער טאַטע:

— טאַקע צו שווער פאַר קינדער אין אַזאַ היץ. ווייסט איר וואָס ר' בערישל? לאָזט יעדן טאָג אַרויס די קינדער פאַר דער טיר אויף אַ שעה.

גלאָצט אויס דער רבי אַ פּאָר אויגן און הייבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? וואָס הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים? (מען האָט געבויט אַ נייע שטוב, איז געווען ליים לעבן חדר.)

— פאַרוואָס ניט? — ענטפערט דער טאַטע צוריק מיט אַ פראַגע.

גיט זיך דער רבי אונטער:

— מילא אייער לייבושלען, אויב איר ווילט.

— איך אויך, איך אויך! — רופט זיך אָן לייבושעס גליד שוועסטער-קינד.

— נו, לאָזט יחזקאלען אויך אַרויס. פאַר זיין טאַטן בין איך אייך ערוב. און די צוויי יינגלעך גייען טאָג טעגלעך אַרויס אויף אַ שעה פאַר דער טיר זיך שפּילן.

קיין גוטע מלמדים האָט לייבושל ניט געהאַט. דער ערגסטער איז געווען איינער פון זיינע לעצטע גמרא מלמדים — זרח קנייפּ. ער איז געווען זייער אַ בייזער און האָט ליב געהאַט קנייפּן. פּרייטיק פלעגט ער אַלע יינגלעך אָפּשמייסן, כלומרשט אויף אַ קאַטאָוועס: ס'איז אַן אַלטער מנהג, מען זאָל געדענקען שבת וואָס מען האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך. עס פלעגט אָבער וויי טאָן. דאָך האָט אים לייבוש ליב געהאַט.

ער האָט אים ליב געהאַט, ווייל ווען נאָר עס איז געווען אַ שטיקל יום-טוב פלעגט דער רבי מאַכן אַ סעודה, און אויף דער סעודה דערציילן מעשות. די ייגגלעך פלעגן ברענגען קליינגעלט אין חדר. מיט דעם קליינגעלט פלעגט דער רבי קויפן ביי דער רביצן העריג, קיכלעך און באָב, מיט וואָס זי האָט

געהאַנדלט. מען פלעגט זיך אַרומזעצן אַרום טיש. זעצן צו דער סעודה פלעגט זיך אויך דעם רבינס איינציקע טאָכטער, אַ בלאַס, טרויעריק מיידל מיט לענגלעכע אויגן. דער רבי פלעגט זי גלעטן איבערן בלאָנדן קעפל און איר און די יינגלעך דערציילן מעשות. גאָר אַן אַנדער מענטש איז דער בייזער רבי געוואָרן. זיין קול האָט זיך אפילו געביטן. לערנען האָט ער געלערנט מיט אַ האַרט בייז קול, מעשות פלעגט ער דערציילן מיט אַ ווייכער שטים, אָנגעזאַפּט מיט אַ טרויעריקער גוטסקייט. די בייזע רביצן, ביים באַזונדערן טישל, האָט זיך די אויגן געווישט.

אוי, האָט אים פרץ דעמאָלט ליב געהאַט!

## דאָס יינגל וואַקסט אונטער

דאָס יינגל האָט זיך גוט געלערנט, אָבער פון קליינוויז אָן איז ער געווען אַ גרויסער שטיפער. זיסע זאַכן האָט ער טאַקע ניט ליב, אָבער פּאַר קעזקוכן וועט ער אָוועקגעבן די וועלט און יענע וועלט. און דאָס יינגל האָט אַ מומע אַ היוכע, אַ מאָגערע יידענע, אַ בלאַסע און אַ קרענקלעכע. זי טרינקט אַלעמאָל מאַנדל-מילך צו איר הוסט און באַקט קעז־קוכן און עסט— און שרייט אָן אַן אויפהער :— אוי, מיינע כוחות! זי פאַרגינט ניט קיינעם אָט דעם גוטן מאכל און באַהאַלט אים אויף אַ היוכער שאַנק — די קינדער זאָלן ניט קענען דערגרייכן. לייבוש גיט זיך אַן עצה. ער האָט ליב קעז־קוכן, דערצו וויל ער באַווייזן אַ קונץ, אַז פון אים קאָן מען זיך ניט באַהאַלטן. שפּרינגט ער אונטער, כאַפּט זיך אָן מיט איין האַנט אַן געזימס פון שאַנק און מיט דער אַנדערער האַנט שלעפּט ער קעז־קוכן. ער עסט ביז ער פאַרדאַרבט זיך דעם מאָגן.

שיקט מען נאָכן אַלטן פּוילישן דאָקטאָר סקישינסקי. דער דאָקטאָר פאַרשרייבט אַ האַרבע מעדיצין : אַ פלעשעלע מיט אַ ווייסער פליסיקייט, ביטער און געזאַלצן. פרץ זעט אַז ס׳איז ניט קיין פּלאַן צו טרינקען אַזאַ מעדיצין. גיסט ער אויס באַהאַלטענערהייד די פליסיקייט און גיסט אַריין אין פלעשעלע אַביסל מילך מיט וואַסער. ער נעמט אַלע שעה אַן עס־לע־פעלע און פאַרקרימט זיך גלייך ווי ער שלינגט עס איין. ער וויל ניט נעמען אַזאַ האַרבע, ביטערע מעדיצין, שרייט ער. גיט מען אים מתנות.

ער ווערט ווי עס איז געזונט. דר. סקישינסקי וואוינט אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער. וואַרט אים אָפּ דאָס יינגל ביים פענצטער, און ווי נאָר

דער דאָקטאָר באַווייזט זיך, שטעקט אים פּרץ אַרויס די צונג. ווערט דער דאָקטאָר בייז, כאַפּט זיין שפּאַציר שטעקן, טוט זיך אַ יאָג אין שטוב צו באַשטראָפן דעם שגץ. דאָס יינגל איז אַליין אין שטוב, דערשרעקט ער זיך און רייסט אויף אַ גרויסע שאַפע, וואָס שטייט אין זאַל און שפּרינגט אַריין — און טרעפט מיט זיין פוס אין אַ גרויסן טאָפּ מיט אייער.

דעם סוף פון דער מעשה דערציילט אַליין.

דאָס יינגל איז אַ גרויסער שטיפער, אָבער ער האָט אַ פייערדיקן קאָפּ און לערנט זיך גוט. דאָס שטעטל קלינגט מיט אים. דער טאַטע נעמט אים אַ שבת צום רב, צו ר׳ משה וואָהל, צו פאַרהערן.

ר׳ משה פאַרהערט אים און זאָגט צום טאַטן:

— ער דאַרף אַן אַנדער מלמד.

— וואו נעמט מען?

— שיקט אים קיין שעברשין צו פּנחסלען.

זאָגט דער טאַטע:

— וואָס וועט זאָגן ריוועלע?

טוט דער רב אַ זאָג:

— נו, יאָ, אַ ציטערדיקער ביי דער מאַמען. ווייסטו וואָס, יודל? פּרואוו אַ זמן אין בית המדרש. זאָל ער לערנען אַליין.

בלייבט אַזוי. דאָס יינגל זאָגט צו אַז ער וועט זיין גוט און פרום, ער וועט לערנען געשמאַק און ניט פּטרן קיין צייט.

ווערט ער באַפרייט פון חדר.

דאָס מאָל האַלט ער ניט קיין וואָרט. ער לערנט גאָר ווייניק גמרא. ער כאַפּט זיך צו חקירה ספרים (פילאָזאָפישע ביכער). ער לויפט אַרום און טוט אָפּ מעשים.

טויג עס ניט. בלייבט, אַז מען מוז קריגן פאַר אים אַ ריכטיקן מלמד. דערווייל זאָל דאָס יינגל לערנען אין דער היים.

אָבער גיי האַלט אַ ווינט אין שטוב! נו, נעמט מען צו פון יינגל די שטיוול אויף אַ גאַנצער וואָך. דעם יינגל אַרט עס ניט, לויפט אַרום אין די שטעק־שיך. מאַכט נאָך קונצן. ער טוט אַ וואָרף אַ פוס און פאַרוואָרפט די שטעק־שיך אויפן דאַך אַרויף. דורכן גאַניק קריכט ער אַרויף אויפן דאַך פון צווייִשטאָקיקן הויז אַראָפּצונעמען די שטעק־שיך. דערזעט ער די גאַנצע שטאָט צום ערשטן מאָל אויסגעלייגט ווי אויף אַ טעלער. מאַכט עס אויף אים ניט קיין איינדרוק. עטלעכע גרויסע דריישטאָקיקע הייזער פאַרשטעלן

די שטאָט. דערמאָנט ער זיך אַז פון גאַניקל, אַרום דעם זייגער־טורעם, איבערן מאַגיסטראַט, זעט מען ניט נאָר די גאַנצע שטאָט, נאָר אויך אַרום און אַרום שטאָט אויף אַ מהלך. כאַפּט אים אָן אַ גלוסטונג דאָס צו זען. קריכט ער אַראָפּ פון דאַך און גייט אַרום און טראַכט ווי אַזוי גנבעט מען אַוועק די שטיוול און ווי אַזוי קאָן ער זיך באַקאַנען מיטן אַלטן זייגער־מאַכער, וואָס גייט אַרויף יעדן טאָג אויפן טורעם אָנציִען דעם זייגער; דער אַלטער זאָל אים מיטנעמען.

זאָגט מען אין שטוב: ער איז אַביסל געלאָסענער געוואָרן. שמייכלט דאָס ייִנגל און טראַכט ווייטער. דערווייל ווי ער שטייט אַמאָל אַזוי פאַר־טראַכט אויפן גאַניקל, הערט ער ווי דער טאַטע רופט אין קיך אַריין צום דינסט־מיידל:

— מירל, זיי זשע מוחל, לויף אַראָפּ און שיק אימיצן צו ישראל דעם באַלעגאָלע קיין זשאַדנאָוו, ער זאָל באַלד קומען מיט די פערד.

מירל ענטפערט:

— גוט, גוט, איך וועל אַרויפכאַפּן אויף זיך עפּעס, זיך אָנטאָן. ס'וועט לאַנג ניט געדויערן.

נעמט דאָס ייִנגל און לויפט קיין זשאַדנאָוו. ער לויפט אין די שטעק־שיך. אין גאַס קוקט מען אים נאָך. מען שרייט אים נאָך — משוגענער, וואוהין לויפסטו? מען וויל אים פאַרהאַלטן. ער דרייט זיך אַרויס ווי אַ שלאַנג. כאַפּט מען אים, רייסט ער זיך אַרויס און לויפט ווייטער און קומט אָן אין דאָרף און פרעגט ביי אַ פּויער, וואו ישראלס הויז איז. ווייזט מען אים אָן מיט אַ פינגער: דאָרט! מיינט דאָס ייִנגל אַז ער ווייס וואו דאָס שטיבל איז, פאַרקריכט ער צו אַ רייכן דייטשן קאָלאָניסט. באַלד ביים טויערל באַפאַלט אים אַ הונט, גיט אַ שפרונג צו דער ברוסט און לייגט אַרויף די פאָדערשטע לאַפּעס אויפן אַקסל און קוקט מיט זיינע גרויסע קלוגע אויגן: אפשר ביסטו אַ גנבֿ? דער הונט איז אַ געלערנטער, ער בייסט ניט, ער האַלט נאָר צו אַ פרעמדן.

דאָס ייִנגל דערשרעקט זיך אויף טויט. ער וויל שרייען קען ער ניט — עפּעס איז דער האַלדז פאַרשטייפט געוואָרן ווי מיט אַ שנור. אַ יונג מיידל איז אַריבערגעשפּרונגען אַ פּלויט און אָנגעכאַפּט דעם הונט ביים אַקסל און אים אַוועקגעשליידערט אָן אַ זייט און אַרויסגעפירט דאָס ייִנגל צו ישראלן.

דאָס מיידל איז געווען דעם באַלעגאָלעס טאָכטער. גלייך אויפן אָרט

## י. ל. פּרץ

פאַרליבט זיך פּרץ אין דעם יונגן שיינעם מיידל מיט די קלאָרע, קלוגע, זיסע אויגן און פעך שוואַרצע האָר.

זי חלומט זיך אים יעדע נאַכט. פאַלט אים איין אויך צו באַווייזן אַזאַ גבורה ווי דאָס מיידל האָט באַוויזן. ער כאַפּט אָן אַ גרויסן געלן הונט ביים עק, טוט זיך דער הונט אַ רוק, אַ שפּרונג אונטער און אַ שפּרונג אַרויף אויף פּרצן אויפן אַקסל און בייסט זיך איין מיט זיינע גרויסע ציין אין יינגלס ווייכן פלייש.

דאָס האָט שוין איבערגעפילט די מאָס און מען באַשטימט אַוועקצושיקן פּרצן קיין שעברשין, צו פּנחסלען.

## שעברשין

מען האָט דאָס יינגל איבערגעגעבן אַ שעברשינער יידן, וואָס האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט צושטעלן לייבושן צו ר׳ פּנחסלען אין שטוב אַריין.

מען זעגנט זיך. די מאַמע שוויגט און דער טאַטע זאָגט קורץ:

— פאָר געזונט און זיי אַ מענטש!

דאָס פאָרן געדויערט ניט לאַנג. שעברשין איז ניט ווייט פון זאַ־מאָשטש. אָבער ווען דאָס יינגל קומט אָן אין דעם פרעמדן שטעטל באַ־פאַלט אים אַ גרויס בענקעניש נאָך דער היים. אין דער פרעמדער שטאָט, מיט נידעריקע הייזלעך, וואָס זיינען געדעקט מיט שינדלען און שטרוי, ווערט אים טייער זיין היים־שטאָט, זיין דריי־שטאָקיקע, געמויערטע היים, וואָס איז געבויט מיט ציגל און מיט אַן אייזערנעם דאַך.

דער ייד האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט צוגעשטעלט דאָס יינגל צו ר׳ פּנחסלען אין שטוב אַריין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ר׳ פּנחסל איז ניטאָ אין דער היים. ס׳איז געקומען צו אים פון דאָרף אַ קראַנקע טאָכטער און פאַרנומען זיין אַלקער, איז ר׳ פּנחסל אַוועקגעפאָרן אויף די פּאָר טעג צום איידעם אין דאָרף. ר׳ פּנחסל איז אַ קאָצקער חסיד און קאָצקער האָבן פיינט קראַנקהייטן, געקרעכצערייען און אומעטיקייט.

די רביצן נעמט אַראָפּ דאָס יינגל מיטן קעסטל פון דער פור. אַ קרענצל ווייבער שטייט ביים טיר: ווער איז געקומען? די רביצן רייסט זיך דורך צווישן די פאַרזאַמלטע און זאָגט צו זיי:

— דאָס איז דאָך ר׳ יודלס און ריוועלעס עלטסטער זון. אַהער גע־שיקט צו לערנען תורה ביי ר׳ פּנחסלען. ער וועט שוין אים מאַכן פאַר אַ לייט.

די רביצן האָט אַריינגעפירט דאָס ייִנגל אין אַ פאַרשאָטנטער שטוב, אין שטוב איז טונקל. אַ טיש, אַ לאַנגע באַנק און עטלעכע בענקלעך. גרויע וויינענדיקע ווענט. ביי די ווענט זעק. זעק מיט קאַרטאָפל, הויפן ציבעלעס, מערן און אַ פאַרמאַכטע טיר פון אַלקער וואו די קראַנקע געפינט זיך.

דעם ייִנגל ווערט שווער אויפן האַרצן: ס'איז דאָך אַ פינצטערע גרוב אין פאַרגלייך מיטן טאַטנס שטוב.

די רביצן טוט זיך אַ כאַפּ: אוי, מסתמא ביסטו הונגעריק! און זי דערלאַנגט אים אַ שיסל ציבעלקעס און אָנגעשניטענעם רעטעך באַשאָטן מיט זאַלץ, אַ גלאָז מילך און אַן אייער־קיכל.

דאָס ייִנגל עסט דעם מאַלצייט און טרערן רינען אים פון די אויגן אויף די באַקן, אין דעם שיסעלע אַריין. —

פאַרוואָס האָט מען אים פאַרטריבן פון דער היים? וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרזינדיקט? (שוין פאַרגעסן די אַלע שטיפערייען).

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ר' פּנחסל געקומען און פאַרנומען זיין אַלקער. אין די פּאָר טעג אָבער האָט גאַנץ שעברשין שוין געוואוסט אַז לייבוש איז גוט צעדרייט. אמת אַ געראָטן ייִנגל, גאָר געראָטן, אָבער עס פעלט אים אַ שרייפל אין קאָפּ. און אין בית המדרש האָט געגומען אַ יונגערמאַן אַ שטיקל קרייד און געמאַכט אַ ראָד. אַרום דעם ראָד האָט דער יונגערמאַן אָנגעשריבן אַלע מעלות וואָס אַ מענטש קאָן האָבן: אַ גוטער קאָפּ, אַ גוט האַרץ, אַ גוט אויג, שיין, קלוג, געראָטן. אינמיטן ראָד האָט דער יונגערמאַן אָוועקגעשטעלט אַ פּינטעלע.ביים קליינעם פּינטעלע אָנגעשריבן איין וואָרט: משוגע.




און דער בחור דערקלערט:

— אַביסל משוגעת וואָלט ניט געשאַדט אָבער אַז די משוגעת איז אינמיטן און אַלע מעלות אַרום איר — טויג ניט — אַלץ איז משוגע.

## י. ל. פּרץ

ר׳ פּנחסל האָט קיין סך ניט געלערנט מיטן יינגל. דער עיקר, האָט געזאָגט דער רבי, איז דאָס לערנען פאַר זיך. דאָס שאַרפן זיך אַליין דעם מוח. צו אַ רבין דאַרף מען קומען מיט שווערע שטעלן, האַרבע קשיות; און דער עיקר איז לערנען פאַרטאָג, ווען דער קאָפּ איז פריש.

דאָס יינגל לערנט טאַקע ניט מיט דעם רבין. ער זיצט ביי זיך אין אַלקער און לערנט פאַר זיך. פאַר לייבושן שאַפט ער אַ חבר צו לערנען פאַרטאָג אין בית המדרש.

אַהיים שרייבט ניט דאָס יינגל דערפון. ערשטנס פוילט ער זיך צו שרייבן בריוו. פּרץ איז געבליבן פויל צו שרייבן בריוו אַ גאַנץ לעבן. צווייטנס שרייבן אַלץ אַהיים שמעקט מיט מסירה — דערציילן פון חדר. און דריטנס — לייבוש איז נאָך אַלץ ברוגז. זיי האָבן אים פאַרשיקט, איז ניט זייער דאגה! און דער עיקר: ער איז דעם רבין דאַנקבאַר פאַרן חבר. דעם עלטערן חבר האָט דאָס יינגל ליב געקראָגן, און מיט פרייד כאַפּט ער זיך אַראָפּ פיר פאַרטאָג פון געלעגער און לויפט צום חבר זיינעם. דער חבר לערנט האַרציק. די שטים איז ווייך סאַמעט, וואָס גנבהט זיך אַריין אין האַרצן. און שוואַרץ גלאַנציקע פּיאות, געלאָקטע, האָט ער. אָפט ווען ער לערנט כאַפּט ער אַריין די לאַנגע פּאה אין מויל אַריין. שוואַרץ זיינען די האָר, די ליפּן רויט זאַפטיק, די ציין מילך־ווייס און די אויגן אונטערן שטערן גוטע: גוטע און טרויעריקע. לייבוש האָט אים ליב געקראָגן— חיות לעבן.

וואָלט שוין געווען גאָר גוט. אָבער די רביצן איז אַ פאַלשע יידענע, נעמט צו ביים יינגל דאָס קליין־געלט כלומרשט צו באַלייכטן דאָס צימער, ווען ר׳ פּינחסל לערנט מיט אים ביינאַכט. אָבער ר׳ פּינחסל לערנט מיט אים ניט. דאָס יינגל לערנט מיט זיין חבר אין בית־המדרש. אָבער די רביצין מאַכט זיך ניט וויסנדיק — זי נעמט צו ביים יינגל דאָס קליין־געלט צו קויפן ליכט און קרעכצט פרום — אַי, ווען ר׳ פּינחסל וויס נאָר דערפון, ער וואָלט, ער וואָלט . . . און ענדיקט ניט וואָס ער וואָלט געטאָן.

ערגער איז נאָך וואָס די רביצין האָט פאַרן יינגל געמאַכט אַ געלעגער צווישן דער שאַנק ספרים און דעם פעסל וואַסער ביי דער טיר. דער צו־קאָפּנס איז ביים פעסל וואַסער. ביינאַכט קילט אים דאָס פעסל וואַסער דעם קאָפּ. וויל דאָס יינגל איבערדרייען דאָס געלעגער. דערזעט עס די שוואַר־צע רביצין, טוט זי אַ פּאַטש מיט די הענט:

— ווי איז צו מיר! מיט די פיס צו דער טיר וויל ער ליגן — ווי אַ מת, ניט דאַ געדאַכט!

שלאָפט ניט פּרץ גאַנצע נעכט. אין שפּעטע שעהן הערט ער ווי די רביצין רעכנט זיך מיט די שכנות, מיט וועלכע זי האָט געקויפט און פאַר־קויפט. נאָכן צערעכענען זיך הייבט זי אָן דערציילן פון דעם יינגל. און פּרץ הערט:

— אויגן האָט ער גרויסע ווי צוויי ברענענדיקע הבדלות. אָבער ער רייסט פון זיך אַלץ אַראָפּ: די אָפּצאָסן פון די שטיוול, אפילו דאָס היטל צעררייסט ער. קיין וואונדער ניט. אַ יונג לויפט אַרום גאַנצע טעג. ר׳ פּינחסל איז שטענדיק פאַרטראַכט. און דער יונג ווערט ניט אונטערן האַנט. וואו איז דער בחור? אין פעלד, אויף דער לאָנקע אויסגעצויגן. קוקט אין הימל אַריין, אָדער מיטן פּנים צום גראָז. רוקט זיך צו ביז צום ראָד פון דער וואַסער־מיל. צעדרייט, זאָג איך אייך.

סוף כל סוף ווערט שטיל און דאָס יינגל שלאָפט איין אויף אַ ווײַלע ביז דער קאָפּ ווערט אים קאַלט פון דעם פעסל וואַסער און ער כאַפּט זיך אויף.

דאָס יינגל ווערט קראַנק. די שלעכטע קעסט און דאָס ניט דערשלאָפן האָבן אָפּגעטאָן זייערס. ער ווערט געזונט, אָבער צום סוף זמן איז ניט ווייט. שיקט מען אים אָפּ אַהיים. מען שיקט אים אָפּ מיט אַ גאַנץ פּעקל מסירות: „עס איז פון אים ניט אויסצוהאַלטן, אמת משוגע״.

דאָס יינגל נעמט זיך עס ניט שטאַרק צום האַרצן. דער טאַטע וועט אַביסל שרייען, די מאַמע וועט אַביסל וויינען, אָבער נישקשה, ס׳וועט אַריבער.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער טאַטע האָט אַביסל געשריגן און די מאַמע האָט געוויינט. זי זעט אָבער, אַז דאָס יינגל איז רואיק און פריילעך און זי הערט אויף צו וויינען. זי דערפילט, אַז נישקשה, קיין צו גרויסע נאַ־רישקייטן איז איר בחור ניט באַגאַנגען.

אין בית־מדרש רעדט מען אַביסל וועגן יודלס יינגל און מען הערט אויף. דערנאָך וויל מען וויסן, אין אָט דעם מתנגדישן בית־מדרש, וואָס און ווער ר׳ פּינחסל, דער קאָצקער חסיד, איז.

— איך ווייס ניט, ענטפערט פּרץ, איך האָב אים זעלטן געזען.

— און וואָס האָט ער מיט דיר געלערנט?

— דוכט זיך גאָר נישט.

לאַכט מען און מען קוועטשט מיט די פּליִיצעס — נאַ דיר אַן ענטפער פון אַ צעדרייטן.

ס׳איז דורכגעגאַנגען אַביסל צייט זאָגט דער טאַטע:

— ווּעסט לערנען אין דער היים אַ פּאָר שעה אַ טאָג ביי אברהם יהושע, דו און אַ חבר.

מילא, לערנט ער. אַן עילושן קאָפּ האָט ער. וואָס ער לערנט בלייבט. אָבער דער קאָפּ ליגט אין אַנדערע זאַכן. אומעטום איז ער. וואו מען זייט עס ניט, וואַקסט ער אויס. וואו מען דערציילט עפּעס אַ מעשה איז ער דאָ. זיצט מיט אַן אָפן מויל, ווי אַ גולם, און הערט. עלטערע מענטשן וואונדערן זיך — אַן עילושער קאָפּ און נאַרישקייטן ליגן אים אין זינען. חברים זאָגן — אַ יונג אַ קוועקזילבער. לייגט אַוועק אַ בלאַט גמרא פאַר מעשהלעך; גייט זיך גאָר גליטשן אויפן טייך.

## נייע ווינטן — השכלה

אין שטעטל הייבן זיך אָן טראָגן נייע ווינטן. מען באַנוגנט זיך שוין מער ניט מיט גמרא אַליין. מען שטרעבט צו בילדונג, השכלה. פּרצעס אַ חבר גייט אַריין אין גימנאַזיע. איינער אַ ייד, וואָס האָט פריער געהאַט אַ טאַבאַק־געשעפט, האָט געעפנט אַ קראָם מיט שרייב־געצייג און השכלה־ביכער. דערצו איז ער נאָך אַ לערער פון לשון קודש. פּרץ לערנט ביי אים אַביסל צייט העברעאיש און לייענט לשון־קודשדיקע השכלה־ביכלעך. עס ווערט אים אָבער לאַנגווייליק צו לערנען דעם העברעאישן דקדוק. ער ווערט אויך ניט נתפעל פון די השכלה־ביכלעך, ער וואַרפט זיי אַוועק. ער לערנט זיך ביי אַן אַנדער לערער אַביסל פּויליש, דייטש און פּרובירט לערנען פראַנצויזיש, וואַרפט עס אויך באַלד אַוועק. עס איז ווינציק פאַר דעם פייער־דיקן קאָפּ. אויך מיר אַן עסק, ווער דאַרף עס וויסן ווי אַ שטיוול הייסט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן? פאַראַן נאָך אַ משכיל אין שטעטל, אַן אויפ־געקלערטער ייד מיטן נאָמען יעקב רייפמאַן. יונגוואַרג קלעפּט זיך צו אים. ניט לייבוש.

— הערט נאַר, טענהט דאָס יינגל — אַ מענטש געפינט גרייזן אין תנ״ך און טראָגט אַ לאַנגן טלית קטן און וואַשט זיך ניט מיט אַ קוואַרט וואָס האָט אַ געשפּרונגענע ראַנד.

דער רוסישער לערער מיט די קליינע, בלאַסע אייגעלעך און וואָס פון זיין מויל האָט שטענדיק געשמעקט בראַנפן, האָט אַוודאי ניט צוגעצויגן דאָס יינגל. די טרוקענע כללים פון דער רוסישער גראַמאַטיק האָבן דעם יינגל אויך ניט גענומען.

די השכלה פון שטעטל לאַנגווייליקט פּרצן. אים האָבן פאַרכאַפּט אַנדערע זאַכן. ער וויל וויסן וואָס איז דער זין פון לעבן אויף דער וועלט? וואָס

מיינט אַוועק פון דער וועלט — שטאַרבן? פון וואַנען האָט זיך די וועלט גענומען? וואָס מיינט זינדיקן?

דאָס יינגל קומט אָפט אין שול, אָבער ער נעמט ניט קיין גמרא אין האַנט. ער זוכט אַנדערע ספרים — דעם רמבמס מורה נבוכים, אַנדערע פילאָזאָפישע ווערק און קבלה־ספרים.

אין שול שטייען גרויסע שענק מיט ספרים און דאָס יינגל טאַפּט, זוכט און געפינט די שאַנק, וואו די קבלה־ספרים שטייען. גרויסע ספרים און דינינקע ביכלעך. ער לערנט, ער פאָרשט און זוכט. גאַנץ אָפט באַפאַלט אים אַן אומעט, ער שפּאַצירט לאַנג איבער די פעלדער אַרום שטאָט, ער קומט אַהיים אַ פאַרטראַכטער און אומעטיקער. ס׳טרעפט אַמאָל אין אַ פרייטיק, אַז ער פאַרגעסט זיך אפילו איבערצוטאָן לכבוד שבת.

אָבער ניט אַלעמאָל איז דאָס יינגל פאַרטרויערט און פאַראומערט. ער איז דער ערשטער אין אַלע שטיפערייען. דער ערשטער אויפן גליטש, דער ערשטער אָפּצוטאָן אַ שפּיצל.

טרעפט איינמאָל, אַז ער קומט אין שול אַריין און ער זעט, אַז ביי דער לינקער זייט פון מזרח־וואַנט, אין ארון קודש ווינקל, שטייט אימיצער און קוקט אַריין אין אַ ספר. קוקט פּרץ און זעט, אַז דאָס איז יהושע בהמה, אַ ייד אַ תם, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל רייצט זיך מיט אים. גנבהט זיך צו פּרץ צו אים און גיט אים פון הינטן אַ מתנת יד (אַ קלאַפּ), ניט ווי צו טאָן, נאָר גלאַט אַזוי אַ שפּאַס. טוט זיך דער ספאָדיק און די קאַפּאָטע אַ דריי — ערשט עס איז גאָר דער רב פון שטאָט, ר׳ משה וואהל. בלייבט דאָס יינגל שטיין פאַרשטיינערט. דער רב ווענדט זיך צו אים צעשמייכלט:

— ווּעמען האָסטו עס געמיינט, קונדאָס?

רינען דעם יינגל טרערן פון די אויגן.

— האָסטו חרטה?

אַ שאלה צי ער האָט חרטה. זאָגן עס קאָן ער ניט. דאָס לשון האָט אים אָפּגענומען.

— ווילסטו איך זאָל דיר מוחל זיין? ווילסטו אַ תשובה?

נאָך אַלץ אָן לשון שאָקלט דאָס יינגל מיטן קאָפּ.

— זאָג זשע מיר צו, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל אויף קיינעם קיין האַנט ניט אויפהייבן.

דאָס יינגל וויל געבן דעם רב די האַנט.

דער רב זאָגט אָבער:

## י. ל. פּרץ

— ניין, מען דאַרף ניט קיין תקיעת כּף. איך גלויב.

און פּרץ האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט זיין גאַנץ לעבן אויף קיינעם קיין האַנט ניט אויפגעהויבן, אפילו ניט צו פאַרטיידיקן זיך.

## מיכל פּידלער

דעם יינגל מאָטערן אַלערליי פּראַגעס. צו וועמען צו ווענדן זיך האָט ער ניט. שפּאַצירט ער לאַנג אַרום איבערן שאָסעי, דערנאָך גייט ער צום אינזשענירענעם גאָרטן אין ראָוו אַריין. ער טראַכט, ער קלערט. ער בלעטערט ספרים, גריבלט זיך אין רמב״ם. דאָך קיין תירוצים אויף זיינע קשיות געפינט ער ניט.

איינמאָל גייט אַזוי לייבוש שפּאַצירן אויפן שאָסעי, אַביסל ווייטער פון שטאָט, זעט ער ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ הינטער די ביימער. פּורפּור־פלאַם צווישן די צווייגן, און קעגנאיבער שיינט אַ בלאַס געצייכנטע לבנה. ער שטייט אַנגעשפּאַרט אָן אַ צאַם און וואונדערט זיך פאַרוואָס ער באַמערק ניט עס צום ערשטן מאָל. יעדן טאָג גייט דאָך אונטער די זון. יעדן אָוונט גייט דאָך אויף די לבנה. שטייט ער אַזוי פאַרטראַכט און באַמערקט ניט ווי עס ווערט טונקל. שטייט ער אַזוי און מיט אַמאָל פילט ער פּלוצים ווי אימיצער רירט אים אָן ביים אַקסל. טוט ער זיך אַ קער, זעט ער ווי לעבן אים שטייט מיכל פידלער. מיכל איז דער קאַפּעלמייסטער פון די קלעזמער, אַ ייד וואָס שיכורט אַ סך, אַ צעדרייטער, אַ פאַראומערטער. מיכל שטייט שטיל מיט טרויעריקע וואַסער־אויגן, אין איין האַנט — אַ ספרל, אין דער צווייטער האַנט — אַ לאַמטערנע.

ביי דעם ליכט פון דער לאַמטערנע און לבנה, ווייזט אים מיכל אָן אויף אַ שטעל אין ספרל און טוט אַ בורטשע:

— מען זאָגט, אַז דו ביסט אַן עילוי, קאָנסטו עס פאַרטייטשן?

טוט פּרץ אַ פיר מיט די אויגן איבערן בלעטל פון ביכל און דערקלערט און פאַרטייטשט.

זאָגט מיכל:

— ביסטו דאָך טאַקע אַן עילוי. נו, וואָרט.

ער פאַרשווינדט אין זיין הייזל אַריין און קומט צוריק אַרויס מיט דער לאַמטערנע, נאָר אין דער אַנדערער האַנט איז אַ גרויסער פאַרזשאַווערטער שליסל.

— נו, אַט דער שליסל איז צו מיין פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אין שטאָט. דו ביסט עס ווערט.

פרץ נעמט צו דעם שליסל און גייט אַוועק שווייגנדיק. פון וואַנען קומט צו אַט דעם שיכורן קאַפּעלמייסטער אַ ביבליאָטעק?

## ב י כ ע ר

אַ פּאָר טעג שפּעטער קומט לייבוש צו דעם הויז מיט דער פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אויפן בוידעם. דאָס הויז איז אים פרעמד. דאָ וואוינען ניט קיין יידן. דאָס הויז איז אַ נייס, נאָענט צום שלאָס. די טרעפּ זיינען ליכטיקע, דאָס יינגל שטייגט באַהאַרצט. אַ גוטער סימן — אַ ליכטיקער וועג. ער שטייגט אין ליכט. איין שטאָק, אַ צווייטער, אַט איז די פּלאַטפאָרם צום בוידעם. דאָ ווערט טונקעלער. די האַנט ציטערט אַביסל, דאָך דערטאַפּט זי די טיר, אין טיר דער שליסל־לאָך. ער דרייט איבער דעם שליסל. דער אַלטער שלאָס קרעכצט. די טיר איז שוין אָפן. דאָס יינגל רייסט אויף דעם לאָדן פון פענצטער.

אַזויפיל ביכער! ביכער אַרום אַלע פיר ווענט, ביכער צעוואָרפן אונטער די פיס, אויפן דיל.

דאָס יינגל מאַכט ביי זיך אָפּ לייענען אַלץ מיט אַ סדר.

די ביכער זיינען געווען אין דריי שפּראַכן — פראַנצויזיש, דייטש און פּויליש. פּויליש קאָן דאָס יינגל צום בעסטן, כאַפּט ער זיך פריער צו די פּוילישע ביכער און לייענט אָן אַ סדר, וואָס עס קומט אים אונטערן האַנט: ראָמאַנען, פיזיק, נאַפּאָלעאָנס געזעץ־קאָדעקס, געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט.

— גאָט, גאָט, טראַכט דאָס יינגל, ווי גרויס די וועלט איז, וויפיל שכל, וויפיל חכמה!

אָבער די ביכער צעטומלען דאָס יינגל נאָך מער. נייע פראַגעס, נייע ספקות. מיט וועמען רעדט מען דערפון? פאַר וועמען גיסט מען אויס דאָס האַרץ? פאַר די אַרומיקע? ער האָט פאַר זיי קיין לשון ניט אפילו. פון דעם וואָס ער האָט געלייענט קאָן ער אויף יידיש ניט ריידן. פאַר אַזעלכע רייד קאָן ער אפילו אין יידיש קיין ווערטער ניט געפינען. ער פּרובירט ריידן מיט זיך אַליין. טויג עס ניט.

## שיר ניט אַנטלאָפן

רעדן קאָן ער וועגן אַזעלכע ענינים, באַשטימט דאָס יינגל, נאָר מיט איינעם — אַ יונגנמאַן, וואָס איז אַ לערער פון יידישער רעליגיע אין דער

רוסישער שול. דער רעליגיע־לערער, ש. כאַדאַק האָט ער געהייסן, לערנט מיט די תלמידים, פון ביכל אַרויס, „די ביבלישע געשיכטע". ער האָט געענדיקט די ראַבינער־שול פון זשיטאָמיר. ער ווייסט דאָך אַלץ, טראַכט פרץ, ער קאָן אי העברעאיש, אי רוסיש. ער וועט האָבן אַ תירוץ אויף אַלע פראַגעס, ער וועט האָבן ענטפערס אויף אַלע ספקות.

גייט דאָס יינגל אַוועק צו כאַדאַקן. דער לערער נעמט אים אויף פריינטלעך. ער הערט אויס די ספקות, ער זעט דעם צער פון דעם יונג און ער ענטפערט:

— דו מוזסט אַוועקפאָרן שטודירן אין ראַבינער שול. ווען דו וועסט אָנזאַפּן אין זיך וויסנשאַפט, וועלן אַלע דיינע ספקות אָפּפאַלן, אַלץ וועט ווערן קלאָר, אַלץ וועט ווערן גלייך.

נו גוט, פאָרן. אָבער מיט וואָס? קיין געלט אויף הוצאות איז ניטאָ.

נעמט כאַדאַק און פאַרזעצט זיין גאָלדן קייטל פון זייגער. שוין דאָ אויף הוצאות. ווערט באַשטימט אַ פאַרטאָג צום שטילן אַוועקפאָר. מען באַשטעלט אַ פור. דאָס יינגל פאַקט זיך איין בסוד־סודות. ער לייגט זיך פרי שלאָפן מיטן פעקל אונטערן קישן. ער מאַכט ניט צו קיין אויג. אַ פייף פון גאָס וועט זיין דער צייכן. ער לעשט אויס דאָס לעמפל און עס ווערט פינצטער אין שטוב. אויפן האַרצן איז אים אויך ניט אַזוי ליכטיק. ער ליגט און ער הערט אַ שאָרך פון צווייטן צימער. דאָס יינגל הערט זיך איין. שטיל, באָרוועס קומט אַריין די מאַמע. ער זעט זי קוים ביים שוואַכן לבנה־שיין, וואָס קומט פון פענצטער. זי גייט צו שטיל צום בעט, זעצט זיך אַוועק און קוקט אים מיט וויטיק אין פנים אַריין. ער קען ניט צומאַכן די אויגן. ער מוז זי זען. און ער זעט ווי פון אירע אויגן רינען טרערן, זי זעגנט זיך מיט אים. ווער האָט איר אויסגעזאָגט זיין סוד?

ער איז ניט געפאָרן.

דער טאַטע איז אין דער היים ניט געווען. אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער אַהיים און ברענגט אַ פריילעכע נייס:

— מזל טוב דיר, לייבוש, איך האָב מיט דיר געטאָן אַ שידוך. דער מחותן איז גבריאל יהודה ליכטנפעלד.

פרץ האָט חתונה. ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר.

# שמעון דובנאָוו

לויט שמעון דובנאָווס „מיין לעבנס בוך", עראינערונגען און
געדאַנקען אין „צוקונפט" 1932, 1933 ; מעשה מסטיסלוב

# שמעון דובנאָוו

שמעון דובנאָוו איז געבאָרן געוואָרן ראש־השנה, 1860, אין מסטיסלאָוו, מאָהיליוווער גובערניע, רוסלאַנד. זיין טאַטע איז געווען אַ וואַלד־אָנגע־שטעלטער, און זעלטן געווען אין דער היים. דאָס יינגל האָט זיך אויפ־געהאָדעוועט אונטער דער השגחה פון זיין זיידן, ר׳ בן־ציון, אַ גרויסער למדן און געלערנטער, חשובער באַלעבאָס אין שטאָט. גאָר יונגערהייט האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן לייענען השכלה־ביכלעך. ווען ער איז אַלט געווען אַרום פערצן יאָר, איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָט־שול. דער פרומער זיידע האָט געגעבן זיין צושטימונג. צו זעכצן יאָר האָט דובנאָוו געענדיקט די דיסטריקט־שול, און האָט אָנגעהויבן שטודירן פאַר זיך. ער האָט זיך צוגעגרייט צום אוניווערסיטעט־עקזאַמען. עס איז אים אָבער נישט געלונגען אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען. ער איז קיינמאָל נישט אָנגעקומען שטודירן אין אַן אוניווערסיטעט.

צו צוואַנציק יאָר איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „וואָסכאָד", אַ רוסיש־יידישן זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין אַמאָליקן פעטערבורג. ער האָט שוין דעמאָלט געשריבן מיט גרויס קענטשאַפט איבער יידישער געשיכטע.

ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו דער פאָרשונג פון געשיכטע. ער האָט פאַרעפנטלעכט הונדערטער מאָנאָגראַפיעס און צענדליקער ביכער. די וויכטיקסטע און באַרימטסטע ווערק זיינע זיינען: „די גרויסע יידישע געשיכטע", אין צען בענד, דערשינען אין עטלעכע שפּראַכן, און „די געשיכטע פון חסידיזם", אין צוויי בענד. ער האָט אויך אָנגעשריבן הונדערטער אַרטיקלען און עסייען איבער פאַרשיידענע ענינים פון יידישן לעבן.

נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז דובנאָוו געוואָרן פּראָ־פעסאָר פון יידישער געשיכטע אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט, אין דער שטאָט וואו ער איז דורכגעפאַלן אויף זיין אוניווערסיטעט־עקזאַמען.

אין 1921 פאַרלאָזט ער סאָוויעט־רוסלאַנד. ער באַזעצט זיך אין קאָוונע, דער הויפּט־שטאָט פון ליטע. צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּראָ־פּאַגאַנדע קעגן אים, פאַרלאָזט ער די שטאָט און באַזעצט זיך אין בערלין, דייטשלאַנד. ווען היטלער איז געוואָרן הערשער, פאַרלאָזט ער דייטשלאַנד און באַזעצט זיך אין ריגע, דער הויפּט־שטאָט פון לאַטוויע. ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט לאַטוויע, האָבן זיי אים אַרעסטירט און פאַר־פייניקט צום טויט.

ווען ער איז אומגעקומען און וואו זיין קבר געפינט זיך, איז נישט באַקאַנט.



שמעון דובנאָוו

## אָפּשטאַמונג

מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָט אין דער שטאָט דובנע, אין אַלט־פּוילן, געלעבט אַ רב מיטן נאָמען ר׳ יוסף. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און שטאַרק פרום. די שטאָט האָט אים געהאַלטן פאַר אַ צדיק.

דאָס איז געווען אַ ביטערע צייט פאַר יידן. די קאָזאַקישע אויפשטאַנדן האָבן חרוב געמאַכט צענדליקער יידישע קהילות אין אוקראַינע. אויפן דובנער בית־עלמין זיינען געווען נאָך פריש די הונדערטער קברים פון קדושים, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון באָגדאַן כמעלניצקיס קאָזאַקן. ר׳ יוסף האָט געהאַלטן, אַז די צרות זיינען געקומען נאָר דערפאַר ווייל יידן זיינען ניט געווען גאָטספאַרכטיק. האָט ער אָנגעשריבן אַ מוסר־ספר, וואָס האָט געלערנט יידן צו זיין פרום און גיין אין גאָטס וועגן. אַ תלמיד זיינער האָט אָפּגעדרוקט דאָס ספר אונטערן נאָמען: „קב הישר״ (קאָוו האַיאָשער — „דער גערעכטער וועג״).

דאָס ספר, וואָס איז פול מיט וואונדערלעכע מעשות, איז זייער שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן יידישן עולם. דער „קב הישר״ איז געוואָרן אַ פאָלקס־בוך. טייכן טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן, פון קליין און גרויס, אויף דעם ספר פון דובנער רב ר׳ יוסף.

ר׳ יוספס קינדער האָבן אויסגעוואַנדערט פון דובנע. איינער פון זיינע אייניקלעך האָט זיך באַזעצט אין מסטיסלאָוו. אָבער דער אָנדענק פון דער שטאָט דובנע, פון וואַנען די משפחה איז אַרויסגעקומען, איז פאַרבליבן אין דעם פאַמיליע נאָמען דובנאָוו — וואָס מיינט אין רוסיש: די וואָס שטאַמען פון דובנע.

אין אָט דער פאַמיליע איז אין 1860 געבאָרן געוואָרן שמעון דובנאָוו, דער וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער היסטאָריקער פונעם יידישן פאָלק.

## דער זיידע ר׳ בן־ציון

די דובנאָווס האָבן פאַרנומען זייער אַ געהויבענעם אָרט אין דער שטאָט מסטיסלאָוו. זיי זיינען אַלע געווען לומדים און רייכע סוחרים. זיי האָבן געהאַנדלט מיט תבואה. שמעון דובנאָווס זיידע ר׳ בן־ציון האָט דווקא ניט געהאַט קיין חשק צו געשעפט. אָבער אַזוי ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבן

זייער יונג און בן־ציון איז געווען דער עלטסטער זון, איז ער געווען גע־צוואונגען איבערצונעמען דעם פאָטערס געשעפטן. אים איז אָפט אויסגע־קומען צו פאָרן צוליב מסחר קיין מאָסקווע. ער פלעגט דאָרטן פאַרברענגען אַ צוויי, דריי חדשים אין יאָר, פלעגט דער פאַרנומענער געשעפטסמאַן מיט־נעמען מיט זיך אַ קליינעם ש״ס (גאַנץ תלמוד אין איין באַנד). ווי נאָר ער פלעגט ווערן פריי פון געשעפט פלעגט ער זיצן און לערנען.

ווען ר׳ בן־ציון איז אַלט געוואָרן ניין און דרייסיק יאָר האָט ער באַ־שלאָסן אינגאַנצן זיך צו דערווייטערן פון דער וועלטס טומלניש, האַווניש און מסחר און אָפּצוגעבן זיך נאָר מיט לערנען. ער האָט שוין עס לאַנג גע־וואָלט טאָן, ווייל זיין חשק צו לערנען איז געווען זייער גרויס. אָבער אויס־פירן, עס האָט ער עס געקאָנט ערשט נאָך דעם באַוואוסטן מסטיסלאַווער בלבול. אין יענעם בלבול אויף יידן האָט דובנאָווס זיידע שיר ניט פאַר־לאָרן זיין לעבן.

דאָס אומגליק איז געקומען צוליב אַ געשלעג אין מאַרק. סאָלדאַטן מיט זייערע עלטסטע האָבן קאָנפיסקירט קאָנטראַבאַנד סחורה אין עטלעכע יידישע קראָמען. עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די באַלעגאָלעס און די סאָלדאַטן. די אָרטיקע פּאָליציי האָט אָוועקגעשריבן צום גובערנאַ־טאָר אַז אַלע יידן האָבן זיך צעבונטעוועט און זיך געשטעלט אַנטקעגן די סאָלדאַטן. מען האָט עס רעפּאָרטירט אַזש צום צאַר ניקאָליי דעם ערשטן, און ער האָט באַפוילן, אָן שום אויספאָרשונג, צו אַרעסטירן די פירערס פון דער מסטיסלאַווער קהילה און אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט יעדן צענטן יידן, ווי אַלט ער זאָל ניט זיין, די יונגע ייִנגלעך זאָלן בלייבן אייביקע סאָלדאַטן.

די שטאָט איז באַלאַגערט געוואָרן פון אַכט רעגימענטן, קיינער זאָל ניט קאָנען אַנטלויפן. די ייִנגלעך פון מסטיסלאַוו האָט מען אָפּגעגעבן פאַר אייביקע סאָלדאַטן, פון די אַלטע לייט האָט מען יעדן צענטן גענומען פאַר אַ סאָלדאַט. די איבעריקע האָט מען פאַרמשפּט צו פאַרשיקן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע. פון גאַנץ רוסלאַנד האָט מען אַנגעהויבן צו ברענגען צופירן אין שטאָט די יידן וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין מסטיסלאַוו. הונדערט מענטשן האָט מען סתם אַזוי אַרעסטירט און עס האָט געהאַלטן אַז מען זאָל די גאַנצע שטאָט יידן צעשיסן און זי אָפּמעקן פון דעם פּנים פון דער ערד.

אָבער יידן האָבן ניט געשוויגן. זיי האָבן געפּאָדערט אַז מען זאָל שיקן קיין מסטיסלאַוו אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע. אין צען חדשים אַרום איז פון דער הויפּשטאָט, פון פּעטערבורג, אַראָפּגעקומען די קאָמיסיע. די אויס־

פּאַרשער האָבן אויסגעפונען, אַז ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ בלבול אויף די יידן און מען האָט די אומשולדיקע באַפרייט.

ר' בן־ציון, ווי איינער פון דער קהילה, איז געווען צווישן די אַרעס־טירטע. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון מסחר. ער איז פאַרבליבן אין מסטיסלאַוו און זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען תורה. אין משך פון פינף און פערציק יאָר האָט ער יעדן טאָג פאַרן דאַווענען, אין דער פרי, געזאָגט אַ שיעור אין תלמוד. אין אָנהייב זיינען צוהערער געווען בלויז די אָרטיקע לומדים, אַלטע און יונגע. מיט דער צייט האָט זיין שיעור אָנגעהויבן צוציען אויך יידן פון אַנדערע שטעט. עס איז ווי פון זיך אַליין געוואָרן אַ ישיבה אין מסטיסלאַוו.

דער זיידע וואָלט געלעבט רואיק און צופרידן. ער האָט פון זיין טאַטן געירשנט אַ מויער, וואָס ער האָט פאַרדונגען פאַר רעגירונגס־אַנשטאַלטן און סחורה לאַגערן. די הכנסה פון מויער איז געווען גענוג צו פירן דאָס הויז מיט אַ ברייטער האַנט. אָבער באַלד האָט זיך אָנגערוקט אַ צרה. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ שרפה. אַלע הייזער זיינען אַוועק מיטן רויך, ר' בן־ציונס מויער אויך. מען דערציילט, אַז ווען די שרפה איז אויסגעבראָכן האָט ר' בן־ציון געהאַלטן אין זאָגן זיין שיעור. די צוהערער האָבן זיך געוואָלט לאָזן לויפן ראַטעווען זייערע הייזער, ר' בן־ציון האָט זיי געבעטן אויסהערן דעם שיעור ביזן סוף. מען האָט אים געפאָלגט. אַז אַלע זיינען אַוועק איז ער געבליבן אין בית המדרש און האָט געבעטן דעם שמש פון שול ער זאָל אים אויפזוכן און ברענגען די גמרא וואָס ער דאַרף האָבן פאַרן מאָרגנדיקן שיעור. ווען ער איז געקומען אַהיים איז שוין דער מויער געווען אָפּגע־ברענט און די שטוב וואו זיי האָבן געוואוינט, אויך אַן אייגענע, איז גע־שטאַנען אין פלאַמען. דער זיידע איז שטיל געשטאַנען אין גאַס און האָט זיך צוגעקוקט ווי פון זיין האָב און גוטס ווערט אַש און רויך. די טאָכטער וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט געוויינט אויפן קול. ער האָט זי געוואָלט באַ־רואיקן, האָט זי געטענהט:

—טאַטע, ווי זאָל איך ניט וויינען? דער מויער, אונדזער איינציקער קוואַל פון חיונה, איז אַוועק מיטן רויך, איצט ברענט אונדזער היים. זע, אָט שטייט דער גלח ביי זיין ברענענדיקן הויז און וויינט אויך.

— נאַרעלע, האָט דער זיידע געענטפערט רואיק, ער האָט וואָס צו וויינען. ביי אים איז דאָך זיין גאָט אויך פאַרברענט געוואָרן (די הילצערנע

און פּאַפּירענע איקאָנעס וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב), אָבער אונדזער גאָט איז גאַנץ. ער וועט העלפן. ער וועט זאָרגן פאַר אונז.

אויפן הימל האָט מען זיך ווייניק געזאָרגט וועגן ר׳ בן־ציונען. פון מויער איז געוואָרן אַ חורבה און איז שוין קיינמאָל ניט אויפגעבויט גע־וואָרן צוריק. פון דער שטוב איז קיין זכר ניט געבליבן און די משפחה האָט פון דעמאָלט אָן געלעבט אין ענגשאַפט אין פרעמדע דירות.

ניט געקוקט אויף דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע, האָט דובנאָווס זיידע ר׳ בן־ציון ניט גענומען זיך צוריק צום מסחר. ער האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די שטעלע פון אַ רב אין שטאָט. ער האָט אויך ניט געוואָלט נעמען געצאָלט פאַר לערנען מיט די ישיבה בחורים. די קהילה האָט אין דער שטיל, אָן זיין וויסן, אַרויסגעהאָלפן דער פאַמיליע אין אָט די צייטן פון נויט.

## דער טאַטע און די מאַמע

מאיר יעקב דובנאָוו, שמעון דובנאָווס טאַטע, איז געווען אַ בן יחיד. באַלד ווי ער האָט חתונה געהאַט האָט אויסגעבראָכן די גרויסע שרפה, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן. ער האָט געמוזט אָננעמען אַ שטעלע אין אַ וואַלד־געשעפט ביי זיין רייכן שווער. יעדן ווינטער, ווי נאָר עס פלעגט זיך איינ־שטעלן אַ שליט וועג, פלעגט ער אָוועקפאָרן אין וואַלד, וואו מען האָט גע־האַקט ביימער אויף געהילץ. ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט, דינגען האָלץ־העקער און פויערשע פורן אַריבערצופירן דאָס גע־הילץ. דעם גאַנצן ווינטער האָט ער געמוזט וואוינען ווייט פון דער היים, ביים ברעג פון דעם טייך סאָזש. ער האָט געוואוינט אין אַ באַראַק, וואָס עס איז אויסגעבויט געוואָרן אין וואַלד. אָנהייב פרילינג ווי נאָר די טייכן האָבן זיך באַפרייט פון אייז, האָט ער זיך געלאָזן אין וועג אַריין, אַראָפּ וואַ־סער, מיט אַ גאַנצער פלאָטילאַ פון פליטן.

אַזוי איז ר׳ מאיר יעקב געווען אין דערהיים נאָר האַרבסט־צייט. ניין חדשים אין יאָר איז ער געווען אין דער פרעמד. פאַרדינען האָט ער פאַר־דינט ווייניק און די פאַמיליע איז געווען גרויס, — צען קינדער. די צוועלף מענטשן, צען קינדער און טאַטע־מאַמע, האָבן זיך געשטיקט אין דריי גע־דונגענע צימערן און די פאַמיליע האָט געמוזט אויסקומען מיט אַ חודש גע־האַלט פון זעכציק רובל (אַרום דרייסיק דאָלער) וואָס דער טאַטע האָט גע־קראָגן פון רייכן שווער.

די מאַמע, שיינע, האָט געמוזט אַרויסהעלפן אין דער פרנסה. פון דעם מאַנס קליינע פאַרדינסטן האָט מען ניט געקאָנט צאָלן פאַר די יינגלעך אין חדר און קליידן די מיידלעך ווי עס פאַסט פאַר באַלעבאַטישע טעכטער. די מאַמע האָט געעפנט אַ קראָם פון גלעזערנע און פאַרצעלייענע כלים.

קיין סך האָט זי ניט פאַרדינט, אָבער אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ. באַגינען, ווען די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן, איז זי אַוועקגעלאָפן איינקויפן, גיין פאַמעלעך האָט זי קיין צייט ניט געהאַט, און דערנאָך געעפנט די קראָם. אַ שעה שפּעטער האָט זי איבערגעלאָזן די קראָם אויף דער עלטערער שוועסטער און אַליין איז זי געלאָפן אַהיים געבן די קינדער אָנבייסן און שיקן די יינגלעך אין חדר אַריין. אַרויסגעפּטרט די יינגלעך אין חדר האָט זי אָפּגעקאָכט מיטאָג. זי האָט געכאַפּט עפּעס אין מויל און אַוועקגעלאָפן אין קראָם.

ווען עס איז געווען אַ געראָטענער מאַרק־טאָג און זי האָט „גוט געלייזט" האָט זי געבראַכט די שווערע קופּערנע מטבעות אַהיים און גענומען רעכענען וואָסער לאָך צום ערשטן צו פאַרשטאָפּן: דעם מלמד קומט שכר־לימוד, דעם שניידער קומט פאַר נייע בגדימלעך פאַר די קינדער, דעם שוסטער קומט פאַר פאַרריכטן די קינדערשע שיכלעך, דעם באַלעבאָס קומט דירה־געלט, דעם באַקאַליי קרעמער קומט פאַר שפּייז. און דאָ דאַרף מען נאָך פאַרן איינקויפן סחורה פאַר דער קראָם. די פאַר רובל וואָס דער טאַטע שיקט ווערן צערונען איידער נאָך מען קוקט זיך אַרום. די שטילע מאַמע, מיט די טרויעריקע שוואַרצע אויגן, פלעגט נעמען פאַרטאָג דעם גראָבן „קרבן מנחה סידור" אין האַנט און דאַווענען פרום און זיך אויסטענהן מיט גאָט. שמעון פלעגט ליגן אין בעט און הערן איר דאַווענען און זיין יונג האַרץ איז געוואָרן פול מיט רחמנות צו דער קליינינקער מאַמע, וואָס לעבט אַ לעבן פאַר אַנדערע און אַליין מאַטערט זי זיך נעבעך.

שמעון איז אַלט געווען דריי יאָר, ווען עס האָט אָפּגעברענט דער צווייטשטאָקיקער מויער, פון וועלכן די משפּחה האָט געהאַט געצויגן חיונה. אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט דובנאָוו דערציילט, אַז ער האָט גוט געדענקט יענעם טאָג פון דער שרפה.

פון יענעם טאָג אָן האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַנדערונגען פון דער פאַמיליע. די גרויסע משפּחה האָט אָנגעהויבן וואוינען אין פרעמדע דירות אין ענגשאַפט און אין טומל.

## שמעון דובנאָוו

# קולע מלמד

שמעונען האָט מען אָפּגעגעבן אין חדר, זיין ערשטער מלמד איז געווען קולע וועלקעס, אַ געלער ייִד אין די מיטעלע יאָרן. ער איז געווען אַ פריי־לעכער, אַ גוטמוטיקער און ליב געהאַט שפּאַסן מיט די קינדער. קיין צע־רעמאָניע האָט מען אין דעם ערשטן טאָג פון שמעונס גיין אין חדר ניט געמאַכט. פונדעסטוועגן איז אים געבליבן אין זיכרון דער זעלטענער פריי־לינג טאָג, דער ערשטער דינסטיק נאָך פסח, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פון חדר.

די מאַמע האָט דאָס ייִנגל געבראַכט אין חדר, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געדונגענעם צימער, טאַקע לעבן זייער אייגענער שטוב. זי האָט אים אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט לעקעכלעך, צוקערקעס און ניס. אין דעם ענגלעכן צימער איז שוין דער רבי געזעסן מיט פינף ייִנגלעך, אַלע נייע תלמידים. אַ פּאָר ייִנגלעך האָבן געהאַט דאָרט זייערע טאַטעס. דער רבי איז געזעסן מיט אַ ייִנגל איבער אַן אלף־בית געדרוקט מיט גרויסע אותיות. דאָס ייִנגל האָט צוערשט נאָכגעזאָגט נאָכן רבין די אותיות. נאָכדעם האָט דער רבי געפרעגט און דאָס ייִנגל האָט געענטפערט. אויב דעם ייִנגלס ענטפער איז געווען ריכטיק, האָט דעם ייִנגלס טאַטע, וואָס איז געשטאַנען הינטערן שטול, אַראָפּגעוואָרפן אויפן אַלף־בית אַ לעקעכל, אַ צוקערקע. דאָס קינד, אַ גליקלעכס, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס לעקעכל מיט פרייד, ווייל ער האָט געגלייבט אַז אַ מלאך וואַרפט אים אַראָפּ דעם גע־שאַנק. שמעונען האָט דער מלאך גאָרנישט אַראָפּגעוואָרפן, אָבער דאָס ייִנגל איז געווען צופרידן און שטאָלץ ווען דער רבי האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך באַרימט אַז ר׳ בן־ציון האָט אים אָנפאַרטרויט צו לערנען מיט זיין אייניקל.

דאָס ייִנגל האָט זיך גיך אויסגעלערנט עברי און איז אַריבער צום חומש. די מעשות פון בראשית זיינען אים שטאַרק געפעלן געווען. ווען ער האָט געלערנט ווי מען האָט אָדמען און חוהן אַרויסגעטריבן פון גן־עדן, האָט זיך אין זיין קינדערשער פאַנטאַזיע אויסגעמאָלן, אַז דער גן־עדן איז פונקט אַזאַ וואונדערלעכער גאָרטן ווי דער גאָרטן אַרום קאַטוילישן קלויסטער, וואו עס וואַקסן אַלערליי פּרוכט ביימער. איבערן הויכן שטיינערנעם צאַם העגנען אַראָפּ אין דרויסן רויטע עפּל און זאַפטיקע באַרן. די ייִנגלעך וואָלטן זייער געוואָלט זיי רייסן, אָבער זיי האָבן מורא פאַרן וועכטער. חוה האָט

ניט מורא געהאַט. זי האָט אַראָפּגעריסן און אויך געגעבן אָדמען. באַגאַנ־גען אַזאַ זינד, האָט זיך אָדם באַהאַלטן צווישן די ביימער. דער שומר האָט באַמערקט די גנבה. און זיך אָנגעהויבן יאָגן איבערן גאָרטן מיט אַ געשריי: אָדם, אָדם, וואו ביסטו, וואו האָסטו זיך באַהאַלטן?

ווען ער האָט ווייטער געלערנט דעם חומש האָט דאָס יינגל געוואַנדערט איבער אַרם, כנען, צווישן די געצעלטן פון אַברהם און די פעלדער פון יעקבן. שמעון איז נאָכגעגאַנגען נאָך יוספן קיין מצרים און משהן אין מדבר. גאָר יונג האָט דאָס יינגל דערפילט אַז ער איז אַן אור־אור־אייניקל פון אָט די אַלע העלדן. ער שטאַמט פון די אָבות, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט גאָט אַליין. ער קומט אַרויס פון די וואָס האָבן אויפגעשטעלט די זיילן פון דער וועלט.

## דער בייזער רבי איצע פּעפּלער

דריי זמנים, אַ יאָר און אַ האַלב, האָט שמעון געלערנט ביי קולע מלמד. אויפן פערטן זמן איז דאָס יינגל אָנגעקומען צו אַ גמרא מלמד מיטן נאָמען איצע פּעפּלער. ביי דעם נייעם מלמד האָט ער ערשט דערפילט דעם ביטערן טעם פון אַמאָליקן חדר. איצע פּעפּלער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַרונ־טערגעלאָזענע קורצזיכטיקע אויגן. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר זיינע תלמידים. ער איז געווען אַן אַנגעבלאָזענער, אַ ברוגזער. פון ניין אזייגער אין דער פרי ביז אַכט אין אָוונט, מיט אַן איבעררייס פון איין שעה אויף מיטאָג, האָט ער געהאַלטן זיינע תלמידים פאַרשפּאַרט אין ענגן שטייג פון חדר, האָט ער געשטאָפּט די קינדער מיט לימודים, וואָס זיינען געווען צו שווער פאַר זייערע יונגע מוחות.

דאָך האָט שמעון שטאַרק ליב געהאַט די ווינטערדיקע אָוונט שעהן אין חדר. אין די אָוונטן האָט מען געלערנט די היסטאָרישע טיילן פון תנ״ך — די נביאים ראשונים. ביים שוואַכן שיין פון חלבנע ליכט האָבן די יינגלעך געלערנט מיט סקאַרבאָוון ניגון די געשיכטע פון גדעון, די טראַגעדיע פון יפתחס טאָכטער און די מעשות מיט שמשון הגבור.

יעדער יינגל האָט געדאַרפט אַריינטראָגן זיין חלק חלבנע ליכט צו באַלייכטן דעם חדר, פלעגט דער קליינער שמעון שטיין אומגעדולדיק ביי דער מאַמען אין קראָם און וואַרטן ביז זי קלייבט צונויף די פאָר גראָשנס פון איר לייזונג. דאָס יינגל איילט זיך. אויפן מאַרק קויפט ער איין די

ליכט און אַ צופרידענער לויפט ער אין חדר אַריין צו זיינע באַליבטע בי־בלישע העלדן. פון חדר גייט ער אַהיים אינאיינעם מיט זיינע חברים. אין די הענט טראָגן זיי פּאַפּירענע לאַמטערנעס. אויף די פינצטערע גאַסן, אין דער פּראָסטיקער נאַכט הילכן אָפּ די קינדערשע שטימעס. די יינגלעך זינ־גען לידער אָדער מאַכן נאָך די גויאישע נאַכט וועכטער וואָס שרייען: סלושאַי — הער!

## דער יוסיפון

ווען שמעון איז אַלט געווען ניין יאָר, האָט ער אין זיין זיידנס ביבליאָ־טעק געפונען דאָס באַרימטע בוך „יוסיפון". דאָס בוך האָט געעפנט פאַר אים אַ נייע וועלט. עס הייבט זיך אָן פון יענער צייט, ווען עס ענדיקט זיך דער היסטאָרישער טייל פון תנ"ך, וואָס אים איז געווען גוט באַקאַנט. דאָס יינגל האָט דערזען פאַר זיך נייע היסטאָרישע פיגורן: אַלקסנדר מוקדון, די פּטאָלאָמייער, די סעלעווקידן, די גריכן, די רוימער, חשמונאים, די העלדן און קעמפער פון דער אויפגעלעבטער יידישער מלוכה ביזן צווייטן חורבן. פאַר זיינע קינדערשע אויגן זיינען אויפגעשטאַנען געשטאַלטן פון יידן וואָס פירן אַ מלוכה, האַלטן מלחמות, שטעלן זיך אַנטקעגן מעכטיקע מלכים מיט גרויסע מחנות זעלנער.

אַ גאַנצן טאָג איז שמעון פאַרנומען אין חדר. פאַרן איינשלאָפן, ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער ליגן און לייענען דעם יוסיפון. ער האָט געלייענט דאָס ספרל פאַר דעם שיין פון אַן אייל לעמפּל מיט אַן אַריינ־געשטעקטן קנויט פון וואַטע. שלאָפן ווילט זיך אים ניט, אפילו נאָכן לאַנגן טאָג אין חדר. שפּעט אין דער נאַכט שרייט צו אים די מאַמע פון איר שלאָף־צימער:

— שמעון, גענוג צו ברענען ליכט, צייט שלאָפן.

ער ענטפערט:

—באַלד, באַלד! — און לייענט ווייטער ביז ער ווערט אַזוי מיד, אַז ער שלאָפט איין אויפן ביכל, אָדער ביז די מאַמע גייט אַראָפּ פון בעט און פאַרלעשט דאָס לעמפּל.

שמעון האָט איבערגעלייענט דאָס ביכל עטלעכע מאָל. דער יוסיפון און דער תנ"ך זיינען געווען די ערשטע קוואַלן פון זיין היסטאָרישן וויסן.

## דער רבי מיטן גאָלדענעם האַרץ

אַז דאָס יינגל איז אַלט געוואָרן ניין יאָר, איז ער אַריבער אין אַ דריטן חדר. דער נייער רבי זעליג איז געווען אַן אַלטער, אַביסל אַן איינגעהויקערטער הויכער ייד. מיט זיין לאַנגער צעשויבערטער באָרד האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון זייער אַ בייזן מענטשן. אין דער אמתן האָט ער געהאַט אַ גאָלדן האַרץ. ער האָט געוואוינט אין אַן אָרעם שטיבל אויף סאַמע עק שטאָט, לעבן בית עלמין. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער קומען אויפן שול־הויף. דאָ פלעגט ער דאַווענען און אויסהערן שמועס זיידנס שיעור אין בית המדרש און דערנאָך ערשט קומען אין חדר. ביז ער פלעגט קומען פלעגן די ייִנגלעך, וואַרטנדיק אויף אים, גוט אָנשטיפן זיך. אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט פלעגט ער פאַרבלייבן אין חדר. ער האָט געגעסן אין חדר און זיך דאָרטן, מיטאָגצייט, צוגעלייגט אויף דער האַרטער באַנק. אַמאָל פלעגט אים די פרוי ברענגען פון דער היים אַ הייס טעפּל געקעכטס. געווייִנטלעך האָט ער געלעבט אויף דער שפּייז, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין חדר. אונטער דער באַנק איז געלעגן אַ גראָבער שטיק „זשמאַקע" — אַזאַ געבעקס פון קאַנאָפּליע קערנער. דערמיט האָט מען געוויינטלעך געקאָרמעט בהמות. אין די הונגער יאָרן האָבן זיך דערמיט געשפּייזט אויך די אָרעמע פּויערים. פון אָט דעם „אָרעם ברויט" פלעגט ר' זעליג אָפּשניידן אַ שטיקל פאַר זיין מאָלצייט. נאָכן עסן האָט ער פאַרטרונקען מיט אַזאַ זיסלעכן זאָפט, וואָס מען האָט אַרויסגעקראָגן פון בעריאָזעביימער. דער רבי האָט דערקלערט די תלמידים, אַז אין מיטן וואָך עסט ער ניט קיין זאַך, וואָס קומט אַרויס פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש. דאָס האָט געמיינט, אַז ניט נאָר האָט ער ניט געגעסן קיין פלייש און קיין פיש, נאָר אפילו ניט קיין אייער, מילך אָדער פּוטער.

דער מלמד האָט געלעבט אין אָרעמקייט, אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַן אָפּגעריסענער קאַפּאָטע און צעקנייטשט היטל, און אויסגעדרייטע שיך. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געקלאָגט אויף זיין מזל. פאַרקערט ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גליק, וואָס ער, אַן אָרעמאַן, איז בייגעקומען אַלע גלוסטעניִשן פון דער וועלט. ווייל וואָס זיינען אַלע גליקן פון דער וועלט קעגן דעם גרויסן נחת פון יענער וועלט? אָפט פלעגט ער זאָגן:

— אָט זעט, איך בין אַ קבצן, אַ דלפן, אַן אָרעמאַן אין זיבן פאַלעס, פונדעסטוועגן ביים שיעור פון רב בן־ציונקע זיץ איך אויבנאָן, אויף דער

ערשטער באַנק. מען גיט מיר אָפּ כבוד, ווייל איך בין אַ בן־תורה, אַ לערנער, אָבער אַ גביר, אַן עם הארץ, אַ גראָבער יונג, שטייט אַן אַ זייט. ער איז טאַקע אַ גביר, אָבער קיין כבוד גיט מען אים ניט אָפּ.

העכער פון תורה האָט זעליג געשטעלט גוטע מידות. אַ מענטש, האָט ער געלערנט זיינע תלמידים, דאַרף זיך אויפפירן גוט, ניט ווי טאָן קיינעם, ניט טאָן קיין עוולות, ניט זאָגן קיין ליגן, ניט זיין פויל, פאָלגן טאַטע־מאַמע און רחמנות האָבן אויף אַלע גאָטס באַשעפענישן. פלעגט אַ ייִנגל ניט לערנען גוט, ניט קומען אין צייט אין חדר, פלעגט אים דער רבי ניט שלאָגן. ער פלעגט אים נאָר אָנהייבן זאָגן מוסר:

— אָט זע, דיין אָרעמער טאַטע האָרעוועט איבער די כוחות כדי דיך צו שפייזן, באַקליידן און צאָלן פאַר דיר שכר־לימוד. אַמאָל פאַרדינט ער ניט אַ גאַנצן טאָג די פאַר גראָשן, וואָס דיין עסן אַליין באַטרעפט. אָפט האָט ער ניט דעם רובל צו באַצאָלן מיר שכר־לימוד. ער שפּאָרט אָפּ פון זיך אַליין דיך אויסצוהאַלטן. און דו? דו שלעפּסט זיך אַרום איבער די גאַסן, גייסט אַרום פּוסט און פּאַס, פּטרסט צייט. דיך אַרט ניט וואָס דו פאַרשאַפסט ווייטיק דיין טאַטע־מאַמע.

דער תלמיד שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און עס ברענען אים די האָר וואָרצלען. ער וואָלט בעסער געכאַפּט אַ פּאַטש ווי אויסצוהערן אַזעלכע האַרבע רייד. דער רבי רעדט און דער תלמיד קאָן שוין זיך מער ניט איינהאַלטן און צעוויינט זיך. דעם רבינס קול הייבט אָן ציטערן און ער ענדיקט באַלד:

— נו, גענוג צו וויינען. איך בין דיר מוחל. איך ווייס, אַז אין האַרצן פאַרדריסט דיך. דו וועסט עס שוין מער ניט טאָן.

און דער תלמיד ווערט גוט און פרום.

## תנ״ך און אגדתא

דער רבי זעליג פלעגט אַריינלייגן פיל האַרץ און נשמה אין לערנען מיט די חדר ייִנגלעך די אגדתות פון תלמוד. די תלמידים פלעגן מיט גרויס פרייד און חשק אים נאָכזאָגן דעם טעקסט מיט אַ שיינעם גמרא ניגון. זיי פלעגן ניט מיד ווערן אים צו הערן. אָבער צו שמעונס באַדויערן, פלעגט דער רבי צו אָפט איבעררייסן אינמיטן די שיינע מעשׂות און אַ זאָג טאָן:

— נו, גענוג זיך צו באַלעווען, צייט עפּעס צו טאָן.

„עפעס צו טאָן" — האָט געמיינט צוריק זיך אומקערן צו דעם טרו־קענעם טייל פון גמרא. דער צען יאָריקער תלמיד האָט ניט ליב געהאַט אָט די שווערע גייסטיקע שפייז. ס'איז געווען פאַר אים שטיין, ניט קיין ברויט. זיין ניט געזעטיקטער גייסטיקער הונגער האָט אים געצוואונגען צו זוכן בעסערע שפייז. אַזאַ שפייז איז געווען פאַר אים תנ"ך.

תנ"ך פלעגט מען לערנען צום סוף פון חדר טאָג: זומער פאַרנאַכט צו און ווינטער אין די אָוונט שעהן. ביי ר' זעליגן האָט שמעון געלערנט די נביאים אחרונים. דער נביא ישעיה האָט דעם יינגל ממש באַצויבערט. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם רבינס אויסטייטשונגען און דערקלע־רונגען, ער פלעגט אָפט אַריינקוקן אין אַנדערע מפרשים, קאָמענטאַרן. אָפט האָט ער אַריינגעקוקט אין מענדעלסאָנס „ביאור", אַ קאָמענטאַר וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אין חדר. פאַרן יינגל האָט זיך ביסלעכווייז אַנט־פּלעקט די גאַנצע פּראַכט פון תנ"ך. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ביבלישער שיינקייט, אַז ער האָט אויף זיך גענומען די ראָליע פון אַ רעפּעטיטאָר — איבערלערנער. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, צווישן מנחה און מעריב, ווען די קינדער זיינען געווען פריי פון חדר, פלעגט דאָס צען יאָריק יינגל זיך זעצן מיט זיינע פינף חברים ביים לאַנגן טיש פון בית מדרש. מיט באַגייסטערונג האָט ער מיט זיי אויסגעזונגען די דונער־דיקע רייד פון נביא קעגן די זינדיקע פון ציון, אָדער די טרייסט נביאות וועגן אחרית הימים — אין סוף פון די טעג — ווען אַלע פעלקער וועלן זיך פאַרזאַמלען אויפן באַרג ציון און וועלן זיך געבן אַ וואָרט מער ניט מלחמה צו האַלטן איינס מיט דעם אַנדערן, און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס.

דאָס יינגל זיצט און לערנט מיט ברען און טייטשט אויס פאַר זיינע חברים די פסוקים פון תנ"ך ווי אַ דערוואָקסענער. אַרום טיש שטייען עטלעכע יידן און ישיבה בחורים און האָבן הנאה פון דער פלייסיקער גרופּע און איר געראָטענעם אָנפירער.

## מוכר ספרים

דער תנ"ך און די אגדתות פון תלמוד האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף שמעונען, אָבער ער האָט אין יענער צייט געשלונגען אַלערליי ספרים, אויך מוסר ספרים, וואָס האָבן געהאַט אויף אים אַ שלעכטע ווירקונג. שבת אין בית המדרש פלעגט ער צוגיין צום אַלמער ספרים, אַרויסנעמען איין

ספר נאָכן אַנדערן און לייענען. מיט אַ ציטערדיק האַרץ פלעגט ער לייענען זיין עלטער־עלטער זיידנס ספר — „קב הישר" און אים שלינגען מיט די אויגן.

אַ באַזונדער טיפן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אים דער „שבט מוסר" — אַ ספר, וואו עס ווערן אויספירלעך באַשריבן אַלע ליידן און צרות, וואָס אַ זינדיקער מענטש האָט אויסצושטיין אין גיהנום. ווי אַלע חדר יינגלעך, האָט ער געוואוסט, אַז די וואָס פאַלן אַריין אין גיהנום ווערן באַפרייט אויף איין מעת לעת — פיר און צוואַנציק שעה — פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז שבת אין אָוונט. שבת פאַרנאַכט פלעגט ער שטיין אויפן הויף פון בית המדרש און קוקן ווי די פייער־רויטע זון פאַרגייט און באַפאַרבט דעם הימל צונטער רויט.. דער חבר וואָס איז געשטאַנען דערביי האָט געזאָגט צו אים טרויעריק:

— דאָס הייצט מען איין אויפן הימל די גרויסע אויוונס פון גיהנום צו ברענען און בראָטן די רשעים.

דאָס יונגע יינגל האָט געשלונגען די מיסטישע ספרים וואָס דערציילן וועגן מענטשנס טויט, וועגן יענער וועלט, וועגן דעם מלאך המות, וואָס איז פול מיט אויגן און שטייט ביים קראַנקן צוקאָפּנס מיט אַ בלויזן שווערד אין האַנט און אַ טראָפּן גאַל אויפן שפּיץ שווערד. שמעון איז אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער, אַן אָנגעשראָקענער פון די מוראדיקע בילדער, וואָס די מוסר ספרים האָבן געמאָלן.

## דאָס ערשטע השכלה ביכל

די יונגע נשמה האָט לאַנג ניט געקענט פאַרבלייבן צווישן די פינצ־טערע בילדער פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישער יענער וועלט, וואו מען ברענט און מען בראָט די רשעים. ער האָט באַלד זיך באַפרייט פון דער מורא. עס איז צו אים אין די הענט אַריינגעפאַלן דאָס ערשטע ביכל פון דער נייער וועלטלעכער ליטעראַטור אין העברעאיש, אַ ביכל פון יענער פאַר־באָטענער השכלה, אָדער אויפקלערונג, וואָס איז געווען אַזוי טריף ביי פרומע יידן. עס האָט זיך געעפנט פאַר אים אַ נייע וועלט.

דאָס ביכל האָט דאָס יינגל געקראָגן דורך אַ צופאַל. זיין עלטסטער ברודער יצחק, וואָס האָט אין דער שטיל געלייענט „אפיקורסישע"

השכלה ביכער, איז געוואָרן אַ חתן. ווען עס איז געקומען די צייט צו פאָרן אויף דער חתונה, האָבן טאַטע מאַמע געוואָלט אַז שמעון זאָל בלייבן אין דער היים און היטן די שטוב. מען האָט צוגעזאָגט אים צו באַפרייען דערפאַר אויף אַ גאַנצער וואָך פון חדר. דאָס יינגל האָט זיך געקווענקלט, ער האָט געוואָלט זיין אויף דער חתונה, זען דאָס פרעמדע שטעטל. דער חתן האָט אים שטילערהייט דערלאַנגט אַ דין, שיין ביכל און געזאָגט: דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געלייענט. איך וואָלט דיר אַזאַ טייער בוך ניט אַוועקגעגעבן גלאַט אַזוי. אָבער איך דאַרף דאָך פאַר־בלייבן ביים שווער אויף קעסט. ער איז אַ פאַרברענטער חסיד און וועט מיך ניט לאָזן האַלטן קיין „פרייע" ביכער ביי אים אין שטוב. צעטייל איך דערפאַר מיינע השכלה ביכער. בלייבסטו אין דער היים, קריגסטו פון מיר אָט דאָס בוך.

דעם ברודערס רייד האָבן געווירקט. דאָס יינגל האָט צוגעשטימט צו בלייבן אין דער היים אַבי נאָר אַריינקריגן דאָס „געפערלעכע" ביכל.

דאָס ביכל איז געווען „שולמית" פון קלמן שולמאַן, אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע איבער ארץ ישראל און די אַרומיקע לענדער. זיבן טעג האָט זיך דאָס יינגל געקוויקט מיט די לירישע באַשרייבונגען פון דער שיינער נאַטור פון ארץ ישראל און מיט די דערציילונגען וועגן די אַלטע חורבות פון סיריע, מצרים און ארץ ישראל. מיט גאָר אַ באַזונדער נייגעריקייט האָט ער געלייענט די היסטאָרישע שילדערונגען פון די מזרח לענדער נאָך דער עפּאָכע וואָס ווערט באַשריבן אין יוסיפון. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן די קרייץ־צוגן, וועגן דער הערשאַפט פון די אַראַבער און די טערקן. דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען ניי. ער האָט געשלונגען יעדע שורה מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

באַפרייט פון חדר האָט ער גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין לייענען. ער האָט איבערגעלייענט דאָס ביכל איינמאָל און נאָך אַמאָל און אַ דריטן מאָל. ער האָט זיך זאַט ניט געקענט אָנלייענען. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין אָפּנייג פון דעם אַלטן וועג, דעם וועג פון זיין זיידן און טאַטן. די אויפקלערונג האָט אים אַריינגענומען אין איר נעץ. ביסלעכווייז האָט ער פאַרלאָרן דעם אַלטן גלויבן און איז אַוועק אויף אַ גאָר אַ נייעם וועג. דאָס איז אָבער געווען שפּעטער. ווען ער האָט געלייענט „שולמית" איז ער נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע עלף יאָר, און ער איז נאָך געווען זייער פרום.

### שמעון דובנאָוו

## די שווערע גמרא

אויפן עלפטן יאָר איז שמעון אַריבער אין פערטן און לעצטן חדר. דער נייער רבי אברהם יואל איז געווען אַן אַלטער, טרוקענער און שטרענגער ייד. זיינע פינגער זיינען געווען פאַרגעלט פון שמעקן טאַבאַק. ער האָט ניט געפּטרט קיין צייט אויף אגדתא. ער האָט ניט געלערנט די קינדער קיין גוטע מידות. ער האָט זיי ניט געזאָגט קיין מוסר ווען זיי האָבן זיך שלעכט אויפגעפירט. ער האָט אָפּגעגעבן די גאַנצע צייט אויף לערנען גמרא. דובנאָוו דערציילט:

— דער רבי יואל האָט מיך דערמאָנט אין דער טרויעריקער צייט פון צווייטן חדר. מיר זיינען ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין די טיפענישן פון הלכה.

דער רבי זיצט אויבנאָן, זעקס יינגלעך זיצן אַרום טיש און די זעקס קינדערשע מיילער שרייען אַרויס מיט אַ ניגון דעם טעקסט פון גמרא. דער רבי שטעלט אָפּט אָפּ דעם קינדערשן כאָר און גיט פּלוצים עמיצן פון די קינדער אַ פרעג דעם פשט, דעם טייטש און מיין פון אַ שטיקל גמרא. דאָס יינגל ענטפערט קאַפּויר. דעם רבינס דאַרע, קנאָכיקע האַנט מיט אַ שמעק טאַבאַק פאַרקוועטשט צווישן די פינגער, לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם תלמידס באַק. די באַק ווערט רויט און דער טאַבאַק פאַרגייט דעם יינגל אין די אויגן. דערהויפּט האָט געליטן דערפון שמעון. ער האָט אָפּט געפעלשעוועט. עס האָט זיך אים צוגעגעסן דאָס לאַנגווייליקע גמרא לערנען. און ער האָט שטילערהייט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס פאַרבאָטענע ביכל און אַריינגעקוקט אין אים אונטערן טיש. דאָס אייניקל פון דעם גרויסן גמרא למדן ר׳ בן־ציון פלעגט בלייבן זיצן מיט אַ רויטער באַק און פאַרשלאָפענע אויגן און צעטראָגענע געדאַנקען.

## נאָך נייע ביכלעך

אינגיכן האָט שמעון געקאָנט זיך אָפּגעבן מער מיט זיינע ביכלעך. דער טאַטע איז געווען אונטערוועגנס, די מאַמע פאַרטאָן אין איר באַלעבאַטישקייט און אין איר קראָם. דער איינציקער וואָס האָט אַכטונג געגעבן אַז די יינגלעך זאָלן גיין אויפן גלייכן וועג איז געווען דער זיידע ר׳ בן־ציון. דער זיידע האָט דעמאָלט אָבער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַן אייגענער דירה. שמעון און זיין עלטערער ברודער

וואָלף זיינען געוואָרן פרייע פייגל. זיי האָבן געלייענט די נייע ביכלעך פריי און אומגעשטערט ביי זיך אין דער היים. די מאַמע האָט געמיינט אַז די השכלה ביכלעך זיינען פרומע ספרים, ווייל זיי זיינען דאָך געווען געשריבן אויף לשון קודש.

אין יענער צייט איז ער געווען פאַרקאָכט אין דעם בארימטן פראַנ־צויזישן ראָמאַן פון אייזשען סו — „די געהיימענישן פון פאַריז", איבער־געזעצט אין העברעאיש. דעם ראָמאַן האָבן די ייִנגלעך אויסגעליען באַנדוייז פון זייערן אַ חבר. יעדן באַנד האָבן די צוויי ברידער איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. אַז עס איז געקומען די צייט אומצוקערן אַ באַנד זיינען די ייִנגלעך געווען פאַרצווייפלט: ווי קאָנען זיי זיך צעשיידן מיט אַזאַ אוצר? איז זיי איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַראָפּצושרייבן דעם גאַנצן ראָמאַן איידער זיי קערן אים אום. געזאָגט און געטאָן. די צוויי חברה לייט האָבן גענומען קאָפּירן דעם ראָמאַן. זיי האָבן געאַרבעט וואָכן לאַנג — געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי האָבן באַוויזן אָפּצושרייבן איינעם פון די פיר בענד. נאָכן ערשטן באַנד האָבן זיי דערפילט אַז זיי האָבן שוין מער ניט קיין כוחות. זיי האָבן זיך געטרייסט וואָס זיי האָבן וויניקסטנס אַ קאַפּיטל פון איין טייל און זיי וועלן זיך קאָנען קוויקן מיטן שיינעם העברעאיש, ווען זיי וועלן נאָר וועלן.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט אַן אַנדער בוך פאַרכאַפּט די צוויי ייִנגלעך. דאָס איז געווען אברהם מאַפּוס „אשמת שומרון" — די זינד פון שומרון. זיי זיינען אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון דעם בוך אַז זיי האָבן אויסגעחזרט גאַנצע בלעטלעך אויף אויסנווייניק און זיי דעקלאַמירט הויך אויפן קול.

דערווייל האָט זיך שמעון דערוואוסט אַז אברהם מאַפּו האָט אָנגע־שריבן נאָך אַ בוך — „עיט צבוע" — דער פאַרביקער פויגל — אַ ראָמאַן אין פינף טיילן פון מאָדערנעם יידישן לעבן. דעם ערשטן טייל איז די ברידער געלונגען צו קריגן פון אַ חבר. שמעון האָט איבערגעלייענט דאָס בוך און טימאַמאָל דערזען אַז די וועלט איז צעטיילט אויף צוויי טיילן: — איין העלפט באַשטייט, נאָכן שרייבער נאָך, פון אַלטע, פרומע, פאַנאַטישע מענטשן, וואָס זיינען צבועקעס און ליגנער; די אַנדערע העלפט באַשטייט פון נייע, שיינע מענטשן, אויפגעקלערטע, נאָכפאָלגער פון השכלה. אַ העלדישער בחור און אַ העלדיש מיידל רייסן זיך איינער צום אַנדערן ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען און שווערקייטן.

שמעון האָט איבערגעלייענט דעם ערשטן טייל און געוואָלט וויסן וואָס

עס איז געוואָרן מיט די העלדן פון דעם ראָמאַן. אָבער די אַנדערע טיילן פון ראָמאַן האָט מען ניט געקאָנט קריגן אין שטאָט. ביים יינגל איז געבליבן אויסצושרייבן פון וואַרשע אַלע טיילן פון ראָמאַן. ער איז אַוועק צו אַ מוכר ספרים. דער בוכהענדלער האָט אים געזאָגט אַז דאָס בוך דאַרף קאָסטן גאַנצע דריי רובל און אַז אַ העלפט פון דער סומע מוז איינגעצאָלט ווערן גלייך אויפן אָרט.

שמעון האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי צו שאַפן די נייטיקע סומע. ער האָט געשפּאָרט פון אָנבייסן און פון אַלע נאַשערייען, אָבער ער האָט זיך אַרומגעזען אַז עס וועט געדויערן צו לאַנג ביז וואַנען ער וועט אָפּשפּאָרן אַ רובל און אַ האַלב, האָט ער אַוועקגעגעבן זיינס אַ בוך צו אַ חבר וואָס האָט געהאַט אַ פּאָר רובל און דאָס יינגל האָט אים געליען דעם רובל און אַ האַלב. שמעון האָט דאָס געלט אַוועקגעטראָגן צום בוכהענדלער.

דער בוכהענדלער האָט צוגענומען דאָס געלט און געהייסן קומען אין צוויי חדשים אַרום. ווען שמעון איז צו אים געקומען צוויי חדשים שפּעטער האָט אים דער בוכהענדלער ניט געוואָלט אַרויסגעבן דאָס בוך ביז ער וועט אים ניט איינצאָלן די גאַנצע סומע. נאָך אַ סך טענות האָט ער אים אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד.

שמעון האָט איבערגעלייענט נאָך אַמאָל די טיילן וואָס ער האָט שוין פריער געלייענט, און די טיילן וואָס ער האָט נאָך ניט געקענט, און אים האָט זיך נאָך מער פאַרוואָלט וויסן דעם סוף. אָבער די איבעריקע טיילן זיינען ביי דעם בוכהענדלער און ער וויל זיי ניט אַרויסגעבן אָן געלט. וואָס טוט מען? אַ גליק וואָס עס איז געווען פאַר פּסח, ווען יידן קויפן איין ניי געפעס אויף יום טוב. ביי דער מאַמען אין קראָם איז די לייזונג, פאַר גלעזערנע און פאַרצעלייענע כלים געגאַנגען גוט. די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן ניט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט די קונים. שמעון און זיין ברודער וואָלף האָבן אַרויסגעהאָלפן אין קראָם, און שטילערהייט אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן האַרטע, קופּערנע מטבעות צו זיך אין די קעשענעס. זיי האָבן געוואוסט אַז עס איז גנבה, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ תירוץ, אַז זיי נעמען ניט דאָס געלט אויף צו קויפן נאַשערייען, נאָר אויף אויסצולייזן ספרים. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיי טאַקע אויסגעלייזט דעם ראָמאַן.

אונטער דעם איינפלוס פון די נייע ביכער איז ביי שמעונען רייף געוואָרן דער באַשלוס פאַרלאָזן די מחנה פון „פינצטערע פאַנאַטיקער” און איבערצוגיין צו די נייע מענטשן, צו די וואָס זוכן השכלה, אויפקלערונג.

## אין אַ רוסישער שול

שמעון איז געוואָרן בר מצוה. ער האָט אָנגעהויבן לייגן תפילין און זיך דערפילט ווי אַ דערוואַקסענער בחור. קיין דרשה צו בר מצוה האָט ער ניט געהאַלטן. ער האָט יאָ געהאַט אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַ דרשה אָבער אים איז עס מיאוס געוואָרן, און אַזוי ווי עלטערן זיינען ניט באַשטאַנען אויף דעם האָט ער ניט געהאַלטן קיין בר מצוה דרשה.

ער איז אַרויס פון חדר און אַריבער לערנען צו דעם זיידן בן־ציונען אין דער ישיבה. דאָס ייִנגל האָט געהאַט איצט אַ סך פרייע צייט און ער האָט זיך צוגעכאַפּט נאָך מיט מער חשק צו די נייע ביכלעך. אָפט האָט ער געהאַלטן „אַ טריפה" ביכל אונטער דער גמרא, כלומרשט געלערנט גמרא און אין דער אמתן געלייענט גאָר דאָס השכלה ביכל. אַמאָל האָט ער אפילו געוואָגט צו פאַרשווערכן די הייליקייט פון בית המדרש מיט אַ דעקלאַמאַציע פון זיינע נייע ניט רעליגיעזע פּאָעטן.

די ישיבה בחורים האָבן געוואוסט פון זיין אויפפירונג און איינער פון זיי האָט אים דערציילט בסוד, אַז אין דער פאַרשטאָט איז פאַראַן אַ ייִד מיטן נאָמען לייבע מאַשעס, און אַז דער ייִד פאַרמאָגט פּאָליצעס גאַנצע מיט השכלה ביכער און נייע זשורנאַלן. איינמאָל אין אַ זומערדיקן פרייטיק איז שמעון אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אָט דעם ערדישן גן עדן. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם געהיימען צימער פון לייבע מאשעס און האָט דערזען די ווענט פאַרשטעלט מיט ביכער, האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון גרויס פאַרוואונדערונג. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין בוך צום אַנדערן און ניט געוואוסט וואָס פריער צו לייענען.

זיין ליידנשאַפט צו ביכער איז געווען עפּעס אַ מאַניע, עפּעס אַ מין לייען־קראַנקהייט. האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק האָט אים אויסגעזען צו זיין דאָס גרעסטע גליק אין דער וועלט.

זיין לייענען היינטוועלטיקע ביכער האָט ער געהאַלטן בסוד סודות, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן טומלען אין שטאָט, אַז ר' בנ־ציונס איייניקל, שמעון, איז קאַליע געוואָרן, אַז ער לייענט די נייע „אפּיקורסישע" ביכלעך, אַז ער איז געוואָרן אַ משכיל, אַ „בערלינטשיק" (די משכילים האָט מען גערופן בערלינטשיקעס, ווייל די השכלה האָט זיך אָנגעהויבן אין בערלין, דייטשלאַנד). שמעונען האָט עס ניט געאַרט, פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך מער אָפּגעגעבן מיט לערנען און שטודירן וועלטלעכע זאַכן.

## שמעון דובנאָוו

ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען רוסיש. אין שטעטל איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט געענדיקט די רוסישע קרייז שול. שמעון און זיין ברודער וואָלף האָבן באַשלאָסן צו נעמען ביי אים לעקציעס אין דער רוסישער שפּראַך און אַריפמעטיק. די צוויי ברידער דובנאָוו האָבן ניט גענומען קיין לעקציעס גלאַט אין דער וועלט אַריין. זיי האָבן געוואָלט זיך צוגרייטן צום עקזאַמען און אַנקומען אין דער רוסישער שול, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון דער רעגירונג ספּעציעל פאַר יידישע קינדער.

נאָך אַ יאָר לערנען ביים פּריוואַטן לערער זיינען ביידע ייִנגלעך געווען גרייט פאַר די עקזאַמענס אין דער רעגירונגס שול. די מאַמע האָט עס ניט געוואָלט ליידן, אָבער דער זיידע האָט צוגעשטימט דערצו מיט אַ תנאי, אויב שמעון וועט אים צוזאָגן, אַז ער וועט קומען אַלע טאָג הערן דעם שיעור אין בית המדה״ש און וועט לערנען פאַר זיך אַליין כאָטש איין בלאַט גמרא יעדן טאָג. שמעון האָט צוגעזאָגט. ער האָט עס געקאָנט אויספירן, ווייל די לימודים אין דער רעגירונגס שול האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט צוועלף אַזייגער ביי טאָג.

פאַר דעם ייִנגל האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. אינדערפרי פלעגט ער קומען אין בית המדרש אַריין און מיט אַ האַלבן אויער אויסגעהערט דעם זיידנס שיעור אין גמרא. ווי נאָר דער זיידע פלעגט פאַרטיק ווערן, פלעגט שמעון אַרויספליען פון בית המדרש כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן דאָס גלעקל אין דער רוסישער שול. דער עולם וואָס האָט געהערט דעם זיידנס שיעור האָט געקוקט קרום אויף דעם ייִנגלס איילן זיך. דער זיידע אַליין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט טרויער.

אין דער שול האָט שמעון געלערנט אַ יאָר צייט. נאָכדעם איז ער אַריבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער רוסישער שול, אַביסל אַ העכערער. די עלעמענטאַרע לימודים פון די שולן האָבן דאָס שטאַרק אָנגעלייענטע ייִנגל ניט צופרידנגעשטעלט. אָבער די רוסישע שפּראַך, וואָס ער האָט גרינטלעך אויסגעלערנט, האָט אים געגעבן אַ שליסל צו דער רוסישער און צו דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען איבערגעזעצט אויף רוסיש.

אין שטאָט איז געווען אַ קרייזל פון באַלעבאַטישער יוגנט, וואָס האָט צונויפגעזאַמלט צווישן זיך אַביסל געלט און זיך איינגעשאַפט אַ גאַנץ פיינע רוסישע ביבליאָטעק — ביכער און זשורנאַלן. שמעון האָט זיך באַקאַנט מיט איינעם פון די קרייזל־פירערס, וואָס ביי אים אין הויז האָט

זיך געפונען די ביבליאָטעק. דאָס הויז איז געווען אין שכנות מיט דער נייער דירה וואו שמעון האָט געוואוינט און ער האָט גענוצט די מעגלעכקייט צו נעמען אָפּט ביכער אַהיים.

ער האָט זיך אויסגעלערנט אויך אַן אויסלענדישע שפּראַך — פראַנצויזיש. לעקציעס אין פראַנצויזיש האָט אים געגעבן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ מסטיסלאַווער גבירס טאָכטער. די לעקציעס זיינען געגעבן געוואָרן בסוד, אונטער פאַרשלאָסענע טירן. ווען דאָס שטעטל דערוויסט זיך, אַז דער איידעם אויף קעסט איז איינער פון די משכילים, וואָלט אים דער שווער אַרויסגעטריבן פון שטוב. שמעון האָט יעדע לעקציע, וואָס ער האָט גענומען ביי דעם יונגנמאַן, איבערחזרט מיט זיין ברודער וואָלף. די ברידער האָבן פלייסיק געאַרבעט, אויסגעלערנט טויזנטער פראַנצויזישע ווערטער אויף אויסנווייניק, געמאַכט הונדערטער איבערזעצונגען פון רוסיש אויף פראַנצויזיש און פון פראַנצויזיש אויף רוסיש. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָבן די ייִנגלעך גערעדט צווישן זיך אַ פאַרגרייזטן פראַנצויזיש און זיי האָבן געקאָנט דורכקריכן אַ פראַנצויזיש בוך.

אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי געקראָגן די אַמביציע צו נעמען ספּעציעלע עקזאַמענס אַריינצוטרעטן אין דער רוסישער קרייז שול אין צווייטן קלאַס. דאָס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר אַ גרויסן אויפטו. קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן דורכגיין אַזאַ שווערן עקזאַמען. זיי האָבן אָבער שווער געאַרבעט און צו דער גרויסער איבעררעאַשונג פון דער גאַנצער שטאָט האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און זיינען אַריין אין צווייטן קלאַס פון דעם „העכסטן בילדונג אַנשטאַלט" פון מסטיסלאַוו.

צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָט שמעון געלערנט אין דער קרייז שול. די לימודים זיינען ניט געווען צו שווער. קיין סך אַרבעט האָט זיין פלינקער קאָפּ ניט געהאַט און ער האָט זייער אַ סך געלייענט. ער האָט דעמאָלט אויך אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָגבוך און געשיקט אין די צייטונגען קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס מען האָט ניט געדרוקט. ער האָט פריער געשריבן העברעאיש, דערנאָך רוסיש, אָבער די צייטונגען האָבן ניט געהאַלטן צופיל פון זיין שרייבן איןביידע שפּראַכן.

נאָך צוויי יאָר לערנען האָט ער געענדיקט די קרייז שול מיט גרויסע אויסצייכענונגען — לויטער פינפן, די בעסטע צייכנס וואָס מען קאָן קריגן. נאָכן ענדיקן האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טוט מען איצט?

## שמעון דובנאָוו

# ווילנע

עס איז געווען שלעכט און ביטער. אויף לערנען ווייטער דאַרף מען האָבן געלט. די עלטערן האָבן אים ניט געקאָנט און ניט געוואָלט שטיצן צו לערנען אפּיקורסישע זאַכן. גוט וואָלט געווען ווען ער קאָן אָנקומען אין אַ גימנאַזיע. אַ גימנאַזיע שילער קאָן פאַרדינען גענוג אויף צו לעבן פון געבן רוסישע לעקציעס. אָבער כדי אָנצוקומען אין אַ גימנאַזיע דאַרף מען קענען אַביסל לאַטיין און גריכיש. האָט ער געטראַכט און געטראַכט און דערנאָך באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין יידישן לערער אינסטיטוט אין ווילנע. דער טאַטע האָט צוגעשטימט. די תלמידים פון אינסטיטוט פלעגן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער רעגירונג. נאָכן ענדיקן קאָן דער גראַדו־אירטער סטודענט ווערן אַ לערער אין אַן אָנפאַנג שול פון דער רעגירונג און אַזוי האָבן פּרנסה. שמעון איז געווען צופרידן מיטן ווילנער פּלאַן. וויבאַלד אַז אַריינטרעטן אין אַ גימנאַזיע איז אים כמעט אוממעגלעך, וועט ער פאָרן קיין ווילנע און זיך באַקאַנען מיט דער גרויסער שטאָט — דער מעטראָפּאָליע פון בילדונג און אויפקלערונג.

שמעון איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצן יאָר.

דער וועג פון מסטיסלאַוו קיין ווילנע איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. זעכציק וויאָרסט מיט פערד און וואָגן ביז צו אַ קליינער באַן סטאַנציע, און דערנאָך דריי טעג און דריי נעכט מיט דער באַן דורך שטעט און שטעטלעך ביז ווילנע. אַ פאַרמאַטערטער פון דער לאַנגער נסיעה איז שמעון אין אַ הייסן זומער טאָג אָנגעקומען קיין ווילנע. ער האָט געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע בריוו פון אַ מסטיסלאַווער יידן צו זיינעם אַ קרוב. שמעון האָט דערזען פּאָר זיך אַ דערשלאָגענעם יידן אין אַן אָרעמער דירה אין אַ פינצטערן קעלער. דער באַלעבאָס פון קעלער האָט געגעבן שמעונען אַן אַדרעס אין אַ דערבייאיקער גאַס. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך שוין באַזעצט אין דעם צימער. ער האָט אָפּגעגעסן מיטאָג און זיך באַלד געלייגט שלאָפן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט אויפן אַנדערן טאָג אינדערפרי. ער האָט זיך אויסגערוט פון די דריי טעג פון דער שווערער רייזע אויף דער האַרטער באַנק פון וואַגאָן. ערשט איצט האָט ער גוט באַקוקט זיין נייע וואוינונג און עס איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן: אַ קליין צימערל מיט אַ נידעריקן פענצטערל צום הויף. אַ פרעמדע אָרעמע דירה, אַ פרעמדע קאַלטע שטאָט. ער איז געווען איינזאַם, אַליין אין אַ פרעמדער וועלט.

אינגיכן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. פון אַ שכן, אַ שילער פון לערער אינסטיטוט, מיטן נאָמען עמנואל פּאַס, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז עס וועט אים אויסקומען האַלטן אַ קאָנקורס עקזאַמען, ווייל די צאָל תלמידים וואָס ווילן אַהין אַריינקומען איז אַ סך גרעסער ווי די צאָל פריי־ע פּלעצער. עמנואל פּאַס איז געוואָרן זיין לערער. ער האָט אים געזאָלט צוגרייטן צום עקזאַמען. באַזונדערס האָט ער זיך באַמיט אויסצובעסערן דעם ייִנגלס קליין שטעטלדיקע רוסישע אויסשפּראַך. שמעון האָט געדאַרפט שווער אַרבעטן. ווען ער איז ניט געזעסן איבער די ביכער און געלערנט האָט ער ליב געהאַט אַרומצושפּאַצירן איבער די ווילנער גאַסן און אויפזוכן די הייזער וואו עס האָבן געוואוינט זיינע באַליבטע שרייבער. דערהויפּט האָט ער געוואָלט אָנקוקן קלמן שולמאַנען, דעם פּאַרפאַסער פון ערשטן השכלה ביכל, וואָס שמעון האָט געליינענט. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט אָננעמען מיט מוט אַריינצוגיין צו שולמאַנען אין שטוב.

נאָך צוויי חדשים זיין אין ווילנע האָט ער אָנגעגעבן אַן אַפּליקאַציע אין לערער אינסטיטוט. מען האָט אים געהייסן קומען אין פינף טעג אַרום. ווען ער איז אין דעם באַשטימטן טאָג געקומען האָט ער דערזען אויפן הויף פון אינסטיטוט אַ סך יונגע מענטשן וואָס האָבן זיך געשטופּט צום אַריינ־גאַנג פון קאַבינעט. יעדער איינער האָט אַריינגעקוקט אין דער לאַנגער ליסטע פון די קאַנדידאַטן, וואָס מען האָט צוגעלאָזן צום עקזאַמען. ער האָט אויך אַריינגעקוקט אין דער רשימה, ערשט דאָרט איז זיין נאָמען ניט געווען. ער האָט אויסגעפונען אַז ער איז מיט פיר חדשים צו אַלט אָנצוקומען אין אינסטיטוט.

אַן אומעטיקער, אַ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. ער איז געפאָרן אויף דעם זעלביקן וועג ווי מיט צוויי חדשים צוריק. אָבער דעמאָלט איז ער געפאָרן אַ מונטערער, פול מיט האָפענונגען אויף אַ ניי לעבן, אָבער איצט איז ער געווען שטאַרק געפאַלן ביי זיך.

אַ טרויעריקן האַרבסט האָט ער פאַרבראַכט אין דער היים נאָך זיין צוריקקומען פון דער ניט געלונגענער רייזע קיין ווילנע. דער קליינער משכילים קרייז האָט געטרויערט מיט אים און די פיינט פון השכלה האָבן זיך געפרייט. זיי האָבן געהאָפט אַז ער וועט קליגער ווערן און זיך אָפּזאָגן פון זיינע פאַנטאַזיעס און די איבעריקע בחורים וועלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון אים, אויפהערן צו חלומען חלומות און ווערן גוט און פרום. דער זיידע ר' בן־ציון האָט געהאַט מיט אים אַ שמועס און אים איינגערעדט, אַז

## ש מ ע ו ן  ד ו ב נ אָ ו ו

ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ. אָבער שמעון האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער איז געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן: ער מיט זיין ברודער וואָלף וועלן פאָרן קיין דינאַבורג און דאָרטן זיך צוגרייטן צו אַ העכן קלאַס פון גימנאַזיע. די פראַגע איז געווען: וואו נעמט מען מיטלען? זאָלן זיי אָנוואַרפן אויפן פאָטער אַ נייע הוצאה נאָכדעם ווי די ווילנער נסיעה האָט אים אָפּגעקאָסט אַן אוצר מיט געלט?

דער עלטערער ברודער האָט אים געטרייסט און אים געהייסן אַראָפּ־נעמען אַ ביישפּיל פון מענדעלסאָנען — דער יונגער מענדעלסאָן איז אַוועק פון דער היים קיין בערלין אָן אַ גראָשן געלט. ער האָט טאַקע זיך געגנוג אָנגעליטן, אָבער ער האָט דערגרייכט זיין ציל.

## ד י נ אַ ב ו ר ג

אָנהייב אָקטאָבער איז דער טאַטע געקומען אַהיים. נאָך אַ סך איבער־ריידעניש האָט ער נאָכגעגעבן די יינגלעך און צוגעשטימט צו זייער פּלאַן. ער האָט ניט געקאָנט צוזען זייער צער.

אין אַ חודש אַרום זיינען די צוויי ברידער אַוועקגעפאָרן קיין דינאַבורג. דער פאָטער האָט זיי צוגעזאָגט צו שיקן אַלע חודש אַרום פופצן רובל ביז זיי וועלן אָנהויבן אַליין צו פאַרדינען פון געבן שטונדן (לעקציעס).

אין דינאַבורג האָבן זיי זיך מיט גרויס ברען צוגעכאַפּט צו די לערנ־ביכער. איבערהויפּט האָבן זיי זיך אַריינגעטאָן אין מאַטעמאַטיק און דייטש. זייער ברען איז אָבער באַלד אָפּגעקילט געוואָרן. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען לאָזט ניט צו קיין דרויסנדיקע סטודענטן צום עקזאַמען, סיידן זיי האָבן געוואוינט אין שטאָט צען חדשים. די עקזאַמענס פאַר עקסטערנעס זיינען געווען זייער שטרענגע, באַזונדערס אין צייכענען און מאָלן. די יידן־פיינדלעכע לערער פלעגן מאַכן אַלערליי שוועריקייטן די יידישע עקסטער־נעס. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז פאַרדינען עפּעס פון געבן שטונדן איז אוממעגלעך, ווייל דער עולם נעמט לערער פאַר זייערע קינדער דווקא נאָר גימנאַזיסטן פון די עלטערע קלאַסן. צו שפּעט האָבן זיי אויסגעפונען אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות: זיי האָבן געדאַרפט נאָכפרעגן ביי מענטשן איידער זיי זיינען אָפּגעפאָרן קיין דינאַבורג. אָבער מודה זיין זיך פאַרן פאָטער אַז זיי זיינען דורכגעפאַלן, האָבן זיי מורא געהאַט. זיי האָבן אים דאָך געזאָגט אַז זיי פאָרן אויף אַ זיכערער זאַך. זיינען זיי געזעסן אין דער

פרעמדער שטאָט און ווייטער געלערנט מעכאַניש די לערנביכער. באַלד איז זיי מיאוס געוואָרן זיצן און לערנען די טרוקענע שול ביכלעך און זיי האָבן זיך גענומען צום לייענען.

זיי האָבן געוואוינט אין אַן אָרעמער, קאַלטער דירה. די קאַרגע באַלעבאַטים האָבן ווייניק געהייצט די אויוונס און אין צימער איז געווען אַזוי קאַלט אַז דער אָטעם האָט זיך געטראָגן ווי אַ וואָלקן איבערן טיש. אין די לאַנגע ווינטער נעכט זיינען זיי געזעסן איבערגעבויגן איבער זייערע ביכער אָנגעטאָן אין די ווינטערדיקע מאַנטלען. זיי האָבן אויך גאַנץ גוט אונטערגעהונגערט. זיי האָבן זעלטן באַקומען געלט פון דעם פאָטער. ער האָט די ווינטער חדשים אַלעמאַל פאַרבראַכט ערגעץ וואו אין וואַלד ווייט פון אַ פּאָסט סטאַנציע. שמעון און זיין ברודער האָבן נאָכגעמאַכט מענדעל־סאָנען. ער פלעגט אין די אָרעמע יאָרן זיינע קויפן אַ ברויט אויף אַ גאַנ־צער וואָך, און מורא האָבנדיק אַז ער זאָל ניט אויפעסן דאָס ברויט די ערשטע צוויי טעג, האָט ער עס צעשניטן אויף זיבן שטיקער, איין שטיקל ברויט פאַר יעדן טאָג. חדשים לאַנג האָבן זיי אָט אַזוי געלעבט. גאַנצע צוויי חדשים האָבן זיי ניט פאַרזוכט קיין פּיצל פלייש אָדער אַ לעק פּוטער. זיי האָבן געלעבט אויף ברויט און הערינג. יעדן אָרעם מאָלצייט האָבן זיי פאַרטרונקען מיט טיי אָן אַ שטיקל צוקער.

זיי האָבן אָבער אויך די קאַלטע דירה ניט געקאָנט אָנהאַלטן און זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אַ קלענערער און נאָך אַן אָרעמערער דירה. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַהאַלטן פון לייטן די נויט. די אַרומיקע האָבן עס אָבער באַמערקט. פרייטיק צונאַכט פלעגט די אָרעמע באַלעבאָסטע אַריינטראָגן אין צימער אַ שטיקל פיש מיט חלה. די ברידער האָבן געגעסן דעם שבתדיקן מאכל און געשלונגען די טרערן — זיי עסן דאָך ברעקלעך פון אַ פרעמדן טיש.

זיי האָבן אַביסל געלערנט, אַ סך געלייענט און נאָך מער געהונגערט. צום עקזאַמען איז געווען נאָך ווייט און די יינגלעך האָבן זיך אַרומגעזען, אַז עס איז קיין תכלית ניט צו זיצן און הונגערן און וואַרטן אויף אַן עקזאַמען וואָס זיי וועלן זיכער ניט אויסהאַלטן. די יידיש־פיינדלעכע לע־רערס וועלן שוין זען צי שטעלן די צוויי יידישע סטודענטן אַזעלכע קלאָץ קשיות וואָס קיין ענטפער איז אויף זיי ניטאָ. האָבן די יינגלעך גערעדט און גערעדט צווישן זיך און ס'איז געבליבן ביי זיי צו האַלטן עקזאַמען ניט דאָ, נאָר אין אַ שטאָט וואָס געפינט זיך נעענטער צו מסטיסלאַוו — אין מאָהי־

ליעוו. אָבער ווי פּאַרט מען אַוועק פון דינאַבורג אַז מען איז איינגעטונקען אין חובות? צום גליק האָט זיך דער פאָטער דערוואוסט פון זייער לאַגע און האָט זיי געשיקט געלט וואָס איז געווען גענוג אי אויף אָפּצאָלן די חובות אי אויף הוצאות אַהיים. אין אַ קאַלטן ווינטער טאָג האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק קיין מסטיסלאַוו. די מאַמע האָט דערזען זייערע בלייכע פּנימער און איינגעפאַלענע באַקן און האָט זיך צעוויינט.

## מאָהיליעוו און סמאָלענסק

דער טאַטע, די מאַמע, דער זיידע און די עלטערע ברידער און שוועס־טער האָבן די צוויי דורכגעפאַלענע סטודענטן ניט אויפגענומען איבעריקס גוט. אָבער אין קרייז פון די מסטיסלאַווער משכילים האָבן שמעון און וואָלף געקראָגן אַ שם פון העלדן און מאַרטירער פון בילדונג. די יוגנט האָט געזוכט זייער פריינדשאַפט און אינגיכן זיינען זיי געוואָרן די פירער פון דעם קרייזל משכילים.

אין שטוב איז מען צוגעשטאַנען צו די צוויי בחורים אַז זיי זאָלן זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די חלומות און זוכן אַ תכלית. אָבער שמעון האָט זיך איינגעעקשנט און ניט נאָכגעגעבן. פאַרקערט, ער האָט געוואָלט נאָך מער בילדונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן אין פּאָליטישע פּראָבלעמען. אַ חוץ ביכער האָט ער אויך געלייענט זשורנאַלן און צייטונגען אין רוסיש. וואָס שווערער עס איז געוואָרן דער וועג צו דער גרויסער וועלט, אַלץ מער האָט אים געצויגן צו איר. דער וועג צו דער גרויסער וועלט איז געווען דורך דער רוסישער גימנאַזיע און אוניווערזיטעט. ער מוז אָנקומען אין גימנאַזיע. האָט ער אויפגעהערט לייענען זיינע באַליבטע זשורנאַלן און ביכער און זיך אַרויפגעוואָרפן מיט גרויס ברען אויף דער לאַטיינישער גראַמאַטיק און אָנגעהויבן שטודירן די רוימישע קלאַסיקער. אינאיינעם מיט זיין ברודער וואָלף האָט ער געלערנט מאַטעמאַטיק און אַנ־דערע געגנשטאַנדן.

ענדלעך האָבן זיי זיך געפילט גרייט צו פאָרן קיין מאָהיליעוו האַלטן עקזאַמען. זיי זיינען איצט שוין געווען פאַרזיכטיק. זיי ווילן ניט פאָרן גלאַט אין דער וועלט אַריין. זיי ווילן זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם וואָס מען דערציילט זיי. איינער פון זיי וועט פאָרן קיין מאָהיליעוו און אויס־פאָרשן די לאַגע. דער פאָרער איז געווען שמעון.

ער איז פאַרפאָרן צו זיינעם אַ קרוב.ביים קרוב אין הויז האָט ער געוואוינט אַ חודש צייט, ביז ער האָט אויסגעפונען אַז אין מאָהיליעוו לאָזט מען צו צום עקזאַמען עקסטערנעס. ער האָט אויך אויסגעפונען אַז עס איז גרינגער אויסצוהאַלטן די עקזאַמענס אָן לאַטיין און גריכיש, האָט ער אַרויסגערופן זיין ברודער וואָלף פון מסטיסלאַוו. דער פאָטער האָט ווידער צוגעזאָגט צו שיקן זיי געלט צו ביסלעך. זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ זייטיקן געסל ביי אַ יידישער פאַמיליע און האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיט גרויס חשק צו דער אַרבעט.

זיי זיינען דאָ ניט געווען אַזוי עלנט ווי פריער אין ווילנע און אין דינאַבורג. זיי האָבן געהאַט דאָ קרובים און באַקאַנטע. איינער, זייערער אַ קרוב, אַ שילער פון לעצטן קלאַס גימנאַזיע, האָט זיי געהאָלפן זיך גרייטן צום עקזאַמען.

זיי האָבן פאַרבראַכט אין מאָהיליעוו אַ קיילעכדיק יאָר. דורך דער צייט האָט זיך שמעון ניט נאָר צוגעגרייט צום עקזאַמען. ער האָט אויך איבערגעלייענט אַ מאַסע ביכער פון דער גרויסער שטאָט ביבליאָטעק, וואוהין עס פלעגן אָנקומען אַלע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע זשורנאַלן. ער האָט קיין איין זשורנאַל ניט דורכגעלאָזט.

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון די עקזאַמענס. אין יעדער גימנאַזיע זיינען צווישן די לערער געווען ביטערע שונאים פון יידן. זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדער פאַרגעניגן דורכצואוואַרפן יידישע שילער. אויף איינעם אַזאַ לערער איז שמעונען באַשערט געוואָרן זיך אָנצושטויסן. צום אומגליק איז אָט דער אַנטיסעמיט געווען דער דירעקטאָר פון דער גימ־נאַזיע. ווען שמעון האָט דערלאַנגט זיין אַפּליקאַציע, האָט דער דירעקטאָר אָנגענומען דאָס פּאַפּיר, דורכגעלייענט דעם נאָמען: שמעון דובנאָוו, און זיך פאַרקרימט. ווען ער האָט נאָך דערצו באַמערקט אַז שמעון וויל האַלטן עקזאַמען אָן לאַטיין און גריכיש איז ער געוואָרן אָן אויפגעקאָכטער. ער האָט בייז געפרעגט שמעונען:

— און וואָס ווילט איר לערנען אין אוניווערזיטעט?

— נאַטור וויסנשאַפט — האָט שמעון געענטפערט.

— אַזוי גאָר, נאַטור וויסנשאַפט? ניט קיין קלאַסישע בילדונג! מסתמא האָט איר זיך שוין גענוג אָנגעלייענט מיט די ביכלעך פון די שעד־לעכע שרייבער.

## שמעון דובנאָוו

שמעון האָט ניט געענטפערט.

דער דירעקטאָר האָט ווייטער גערעדט:

— נו, גוט, צום עקזאַמען וועט מען אייך צולאָזן, אָבער עקזאַמענירן וועט מען אייך שטרענג אָן קיין שום רחמנות.

שמעון איז אַוועק פון דעם דירעקטאָר אַ דערשלאָגענער. ער האָט געזען אַז ער איז אַריינגעפאַלן. ער האָט זיך ניט גרינגער געמאַכט דערמיט וואָס ער האָט געוואָלט נעמען די עקזאַמענס אָן לאַטיין און גריכיש. ער האָט נאָך ערגער געמאַכט. ער האָט לאַנג געטראַכט און צום סוף באַשלאָסן ניט צו גיין צו די עקזאַמענס אין מאָהיליעוו.

צום דריטן מאָל האָט זיך שמעון אומגעקערט אַהיים. ער האָט אָבער ניט אויפגעגעבן זיין פּלאַן אויסצוהאַלטן די גימנאַזיע עקזאַמענס. ער האָט באַשלאָסן צו לערנען גריכיש און לאַטיין און האַלטן אין אַ יאָר אַרום מאַטורע עקזאַמענס. דאָס מיינט עקזאַמען אויף אַלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע. ער איז ניט געבליבן אין זיין היים שטאָט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער רוסישער שטאָט סמאָלענסק.

דאָרט האָט זיך אים געלעבט ניט אַזוי שלעכט. ער האָט פאַרדינט אַכט רובל אַ חודש פון אַ לעקציע וואָס ער האָט געגעבן און אַביסל געלט האָט אים צוגעשיקט דער טאַטע. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט ליידנשאַפט אין דעם שטודיום פון לאַטיין און גריכיש. ער פלעגט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען שכנים פלעגן זיך אויפכאַפּן אינמיטן נאַכט פלעגן זיי זען אַז אין דער גאַנצער פינצטערער גאַס איז נאָר איין פענצטער באַלויכטן — אַ פענצטער אין שמעונס צימער.

פון גרויס אָנשטרענגונג איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פון איינזאַמקייט און פון זיצן אַליין און אַרבעטן איז ער געוואָרן נערוועז. ער האָט אָבער ניט איבערגעריסן זיין לערנען, און ער וואָלט דאָס מאָל מסתמא אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ צופאַל. ביי איינעם אַן אַרעסטירטן רעוואָלוציאָנער האָט מען געפונען אַ בריוו, וואו עס איז דערמאָנט געוואָרן שמעונס נאָמען. האָט די פּאָליציי אויף אים געוואָרפן אַ חשד. דער פאָטער האָט זיך דערוואוסט דערפון און איז געקומען קיין סמאָלענסק און אים גענומען אַהיים.

צום פערטן מאָל איז ער געקומען אַהיים אַ דורכגעפאַלענער. די פּאָליציי האָט אים גערופן אויף אַ פאַרהער און אים אָפּגעלאָזן. דער

בחור האָט ווידער גענומען טראַכטן וואוהין צו פאָרן שטודירן. ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ פּאָר חדשים אַרום אַזש קיין פּעטערבורג, היינטיקע לענינגראַד, די דאַמאָלסדיקע רוסישע הויפּטשטאָט. ער איז געפאָרן אַהין ווידער אַמאָל — האַלטן עקזאַמען.

## פּ ע ט ע ר ב ו ר ג

דעם צוואַנציקסטן יוני 1880 איז שמעון אָנגעקומען קיין פּעטערבורג. ער איז אַלט געווען אַרום צוואַנציק יאָר. ער איז פאַרפאָרן צו זיין ברודער. יענער איז פון פריער שוין געווען אין דער הויפּטשטאָט.

שמעון האָט זיך געזאָלט אָנהייבן צוגרייטן צו די עקזאַמענעס, אָבער ערשט דאָ אין פּעטערבורג האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו לייענען ביכער. אין דער גרויסער קייזערלעכער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען אָפן פאַרן עולם, זיינען געווען גענוג ביכער אויף צו שטילן דעם שטאַרקסטן גייסטיקן הונגער. שמעון איז דאָרט געזעסן גאַנצע טעג און האָט זיך נאָר אָפּגעריסן אויף צו גיין עסן מיטאָג.

ער איז געווען זייער אָרעם און האָט געגעסן אין דער יידישער, „ביליקער קיך״; זי איז באַשטימט געוואָרן פאַר אָרעמע סטודענטן. אַ מיטאָג פון צוויי געריכטן האָט געקאָסט דרייצן קאָפּיקעס (אַרום זעקס סענט). אַ טעלער זופּ מיט ברויט — זיבן קאָפּיקעס. שמעון פלעגט ניט עסן אַלע טאָג די הייסע מאָלצייטן, ס'איז אים געווען אַ שאָד די צייט: מען האָט געדאַרפט שטיין צו לאַנג אין דער ריי. פלעגט ער אָפט עסן אין דער היים אַ טרוקן שטיקל ברויט, פאַרטרינקען מיט טיי און זיין אַ גאַנצן טאָג אין ביבליאָטעק.

ער איז נאָך אָבער אַלץ ניט געווען צופרידן: דאָס פאָרן אָדער גיין צופוס פון פאָרשטאָט צום צענטער פון שטאָט, וואו די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען, האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה און עס איז אים געווען אַ שאָד די צייט.האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַ דירה נאָענט צו דער ביבליאָטעק. ער האָט זיך אַלץ מער און מער אַריינגעטאָן אין לייענען און שטודירן די ווערק פון זיינע באַליבטע שרייבער. דאָס צוגרייטן זיך צו עקזאַמענס האָט ער אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

ער האָט געהאַט ווייניק לעקציעס און פון דער היים האָט מען אים מיט קיין געלט ניט געקאָנט העלפן. האָט ער אָפט אונטערגעהונגערט.

## ש מ ע ו ן ד ו ב נ א ָ ו ו

אין יענער צייט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ יונגנמאַן וואָס האָט געשטאַמט פון מסטיסלאַוו — מאַרקוס קאַהאַן, (דער שפּעטער באַרימטער העברעאישער שרייבער מרדכי בן הלל הכהן). מאַרקוס קאַהאַן האָט געוואוינט שוין לאַנג אין פּעטערבורג און האָט געשריבן אין העברעאישע צייטונגען און אין דעם רוסיש־יידישן זשורנאַל „ראַסוויעט". ער האָט שמעונען געגעבן אַן עצה ער זאָל שרייבן אַרטיקלען פאַר די יידיש־רוסישע וואָכנבלעטער. שמעונען איז געוועזן דערווידער צו שרייבן פאַר געצאָלט. אין זיינעם אַ בריוו צו אַ פריינט האָט ער דערציילט:

„קאַהאַן רעדט מיר איין איך זאָל אַריין אין דער חברה שרייבער און בעטן געצאָלט פאַר מיין שרייבן. בעטן געצאָלט פאַר מיין שרייבן איז מיר שווער. עס מיינט ביי מיר וואָכעדיק מאַכן אַ הייליקע אַרבעט. אויב אָבער די נויט וועט מיך צווינגען דאָס צו טאָן, וועל איך דאָך פאַרשוועכן די הייליקייט פון שרייבן, און בעטן האָנאָראַר. ביי מענטשן איז פאַראַן נאָך אַ הייליקערע זאַך — פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן".

ער האָט זיך ניט אַזוי שנעל אונטערגעגעבן. אָבער די ביטערעווירקלעכקייט האָט אים געגנויט דערצו. ער האָט אָנגעפרעגט אין אַ רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט צי ער קאָן דאָרט קריגן אַרבעט. מען האָט אים געגעבן אויף פּראָבע אָנצושרייבן אַן אַרטיקל. ער האָט אָנגעשריבן. דעם רעדאַקטאָר איז געפעלן געוואָרן שמעונס אַרטיקל און ער האָט עס אָפּגעדרוקט.

די ערשטע געלונגענע פּראָבע האָט שמעונען דערמוטיקט און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעטן. ער האָט זייער ליב געהאַט געשיכטע, האָט ער באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן יידישער געשיכטע אין מיטלאַלטער. דערווייל האָט ער פאַרטראַכט אַ לענגערע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג. ער האָט וואָכן לאַנג אויף איר געאַרבעט. ענדלעך האָט ער פאַרטיק געמאַכט די דערציילונג און אַריינגעטראָגן דעם מאַנוסקריפּט אין דער רעדאַקציע פון וואָכנבלאַט. דער רעדאַקטאָר האָט אים געהייסן קומען אין אַ חודש אַרום. אַז שמעון איז געקומען צו אים אין אַ חודש אַרום, האָט דער רעדאַקטאָר אים געזאָגט, אַז די דערציילונג איז אָנגעשריבן אין אַ שיינעם רוסישן סטיל אָבער דרוקן זי קאָן מען ניט, ווייל עס זיינען ניטאָ אין איר קיין אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען. שמעון האָט איבערגעלייענט זיין דערציילונג נאָך אַמאָל און דערזען, אַז דער רעדאַקטאָר איז גערעכט, האָט דער יונגער שרייבער זיך

געגומען צו דעם געביט וואו ער האָט זיך געפילט זיכערער — צו שרייבן געשיכטע.

דריי חדשים האָט ער געשריבן זיין ערשטע היסטאָרישע עסעי. ס'איז אַרויסגעקומען אַ גאַנץ היפּשע אַרבעט. ער האָט זי אָוועקגעטראָגן צום רע־דאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „ראַסוויעט" און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

דער רעדאַקטאָר האָט די היסטאָרישע שטודיע צוריקגעוויזן. ער האָט שמעונען געזאָגט אַז די אַרבעט איז צו לאַנג פאַרן וואָכנבלאַט. מען וועט זי מוזן דרוקן אין צען נומערן און זיי נעמען ניט אָן קיין אַרטיקלען, וואָס מען דאַרף זיי דרוקן אין מער ווי דריי נומערן. דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ תירוץ. די אמתע סיבה איז געווען — שמעונס געדאַנקען זיינען פאַר יענעם רעדאַקטאָר געווען צו ראַדיקאַל.

דובנאָוו האָט געשיקט דעם מאַנוסקריפּט צום צווייטן רוסיש־ייִדישן וואָכנבלאַט — „רוסקי יעווריי" און דאָרטן האָט מען אים אָנגענומען.

דערוויל האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון עקזאַמען. שמעון האָט זיך ווידער גענומען צו דער שול־אַרבעט. ער איז געוואָרן אויס שרייבער, אויס היסטאָריקער, צוריק תלמיד. ער האָט געלעבט אין גרויס נויט. אַביסל האָט ער פאַרדינט פון איבערשרייבן מאַנוסקריפּטן. ער האָט אויך געכאַפּט קליינע „הלוואהלעך" ביי פריינט און באַקאַנטע. ער איז געווען אין אַ גע־דריקטער לאַגע און אין נאָך מער אַ געדריקטער שטימונג.

עטלעכע וואָכן פאַרן עקזאַמען האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער פּאָג־ראָם אויף ייִדן אין רוסלאַנד. דובנאָוו איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער און אַ צעטומלטער פון גרויסן בראָך. אין אַזאַ געמיט צושטאַנד האָט ער עס זיך געדאַרפט גרייטן צום עקזאַמען. אַזאַ פּנים האָט טאַקע געהאַט זיין אַרבעט. איניקע גימנאַזיע לימודים האָט ער ניט באַוויזן אפילו איבער־צוחזרן, דערהויפּט מאַטעמאַטיק. פון צופיל לייענען זיינען דערצו נאָך זיינע אויגן קראַנק געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער דערלאַנגט אַן אַפּלי־קאַציע מען זאָל אים צולאָזן צום עקזאַמען.

מען האָט אים צום עקזאַמען צוגעלאָזן.

אין אַ שיינעם ליכטיקן מאַי טאָג איז ער אַוועק נעמען דעם עקזאַמען. דער לערער פון מאַטעמאַטיק האָט דיקטירט דריי שריפטלעכע אויפגאַבעס. שמעון האָט איבערגעלייענט די ערשטע אויפגאַבע איינמאָל און נאָך אַמאָל ער קאָן זי ניט מאַכן. ער האָט איבערגעקוקט די צווייטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע — ניין, ער ווייס ניט ווי צו ענטפערן. ער איז געבליבן זיצן אַ

דערשלאָגענער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. באַלד איז ער געקומען צו אַ באַשלוס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט צוריקגעגעבן דעם עקזאַ־מינאַטאָר די ליידיקע פּאַפּירן און אים געזאָגט, אַז ער קאָן ניט מאַכן די אויפגאַבעס און ער גייט אַוועק.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין קליין צימערל אויפן אויבערשטן שטאָק פון דער אָרעמער שטוב, אַנגעהויבן שפּאַנען אַהין און צוריק און טראַכטן: נויט, זאָרגן, צופיל לייענען זייטיקע ביכער, צופיל ליטעראַרישע אַרבעט און דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפן זיין פאָלק האָבן אים גע־שטערט זיך צוגרייטן צום עקזאַמען. גרייטן זיך נאָך אַ יאָר? ניין. גענוג געליטן, גענוג געיאָגט זיך נאָך אַ דיפּלאָם. אמת, אָן דעם פּאַפּירל קאָן מען ניט אָנקומען אין אוניווערזיטעט, אָבער קאָן מען דען ניט קריגן די אוני־ווערזיטעט־בילדונג אין דערהיים? אָט זיינען דאָך די גרויסע ענגלישע פי־לאָזאָפן, ספּענסער, מיל, און באָקל ניט דורכגעגאַנגען קיין הויכשול. יאָ, אַ דיפּלאָם גיט אַ יידן געוויסע פּריווילעגיעס, ער קען וואוינען איבער גאַנץ רוסלאַנד; אָן אַ דיפּלאָם איז ער אַ מענטש אָן רעכט. אָבער אפשר איז בעסער אזוי? ער וויל דאָך זיין אַ יידישער שרייבער, אַ יידישער היס־טאָריקער — דאַרף ער ליידן אינאיינעם מיט זיינע אָרעמע ברידער. אַ שרייבער דאַרף האָבן דעם זעלבן גורל וואָס זיין פאָלק האָט.

שמעון האָט אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס צו לערנען פאַר זיך. עס האָט אים גאָר ניט געשאַדט: אין גאָר אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַ יידישער היסטאָריקער, אַ גרויסער יידישער שרייבער און פירער. פערציק יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון יידישער געשיכטע טאַקע אין פעטערבורג, אין דער שטאָט, וואו ער איז דורכגעפאַלן אויף די 'עקזאַ־מענס. ער האָט אויסגעהאַלטן אַ סך אַ גרעסערן און וויכטיקערן עקזאַמען — דעם עקזאַמען פון נויט, פון געדולד און פון אַרבעט. ער האָט פון דער גאַנצער יידישער וועלט געקראָגן דעם טיטל — „דער היסטאָריקער פון יידישן פאָלק".

# מאָריס ראָזענפעלד

לויט די מינדלעכע מיטטיילונגען פון דר. לעאָן גאָלדענטאָל און
פרוי גאָלדענטאָל, די יינגערע טאָכטער פון מאָריס ראָזענפעלד;
זלמן רייזענס לעקסיקאָן און ראָזענפעלדס לידער.

# מאָרים ראָזענפעלד

משה יעקב אַלטער ראָזענפעלד איז געבאָרן געוואָרן דעם 28טן דע־צעמבער 1862, אין דאָרף באָקשאַ, סואוואַלקער געגנט, אין אַמאָליקן רוס־לאַנד. זיין זיידע איז געווען אַ פישער, דער טאַטע אַ מיליטערישער שניידער.

מאָריס ראָזענפעלד האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דער־ציאונג. דער טאַטע זיינער איז לויט דעם פּאַרצייטיקן באַגריף ניט געווען פאַנאַטיש־פרום, און דער זון האָט אויך געלערנט דייטש און פויליש.

ראָזענפעלד האָט חתונה געהאַט זייער יונג. ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, איז ער אַפּגעפאָרן קיין אַמעריקע צום ערשטן מאָל. נאָך אַ קורצער צייט קערט ער זיך אום אַהיים. אַ יאָר שפּעטער פאָרט ער אָפּ קיין לאָנדאָן. נאָך זעקס חדשים אָפּזיין אין לאָנדאָן, קערט ער זיך אום אַהיים און נעמט זיין פרוי מיט די צווי קינדער און עמיגרירט קיין ענגלאַנד. ער פאַרבלייבט דאָרט קאַרגע דריי יאָר און פאָרט ווידער אַוועק קיין אַמעריקע זוכן גליק. אין ניו־יאָרק האָט ער געאַרבעט אין סועט־שעפּער. אין 1886, ווען ער איז אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר, האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטן ליד אין „פאָלקסצייטונג". אין צוויי יאָר אַרום דרוקט ער אָפּ אַ זאַמלונג פון זיינע לידער. ער ווערט שנעל פּאָפּולער און באַליבט ביי די יידישע אַרבעטער.

ער האָט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע זיין ניינציק יאָריקן פאָטער און זיין מוטער.

אין 1898 האָט פּראָפעסאָר לעאָ ווינער פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט אָנגעשריבן וועגן ראָזענפעלדן אַ פּאָר אַרטיקלען אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג. ער האָט אויך איבערגעזעצט זיינע לידער אויף ענגליש. ראָ־זענפעלד ווערט שנעל אַ וועלט־באַרימטקייט.

אין 1908 האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער מערב־איראָפּע און גאַ־ליציע, וואו ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד. אין 1913 איז געפייערט געוואָרן זיין פופציק יאָריקער יובילי. מאָריס ראָזענפעלד האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע יידישע צייטונגען, הויפּטזעכלעך אָבער אין „פאָרווערטס". די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען געווען ביטערע. ער איז געווען פיזיש עלנט און גייסטיק איינזאַם. צו זיין זעכציק־יאָריקן געבוירנטאָג ווערט אַראַנזשירט אַ באַנקעט. דאָס האָט אים אַביסל אויפ־געמונטערט. אַ פּאָר וואָכן נאָכן באַנקעט איז ער געשטאָרבן פון אַ שווערן פּאַראַליטש, דעם 22טן יוני, 1923. ער איז געשטאָרבן אין אַן איינזאַם הויז, וואָס זיין איידעם, ד"ר לעאָן גאָלדנטאַל, האָט פאַר אים געקויפט אין פעלהעם בעי, אין אַ שטילער אָפּגעזונדערטער געגענט. אפילו זיין געטרייע פרוי אסנה ביילע איז ניט געווען ביי זיין טויטן־בעט.

זיין קבר געפינט זיך אויפן אַרבעטער־רינג בית־עולם אין ניו־יאָרק, לעבן דעם קבר פון שלום־עליכמען.



מאָריס ראָזענפעלד

## געבורט

אין דער געגנט פון דעם שטעטל סוואַלק, אין אַמאָליקן רוסלאַנד, איז געלעגן דאָס דערפל באַקשאַ. דער דאָרף האָט זיך געפונען צווישן אָזערעס, וואָס זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט בערג, באַוואַקסן מיט סאָס־נע און בעראָזעביימער. אין דאָרף האָט געוואוינט אַ יידישע פאַמיליע, ראָזענפעלד, זי האָט זיך פאַרנומען מיט פיש־פאַנג.

ס'איז דעמאָלט געווען אַן אומרואיקע צייט אין דעם אַמאָליקן רוס־לאַנד. איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער מדינה האָבן זיך די פויערים געבונטעוועט: זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן די פריצים און אונ־טערגעצונדן זייערע מאַיאָנטקעס. די רעגירונג האָט געשיקט סאָלדאַטען צו באַשטראָפן די פויערים, אָבער די אומרוען האָבן זיך ניט איינגעשטילט אַזוי גיך.

אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל באַקשאַ האָט אויך אָנגעשפּאַרט דער אויפשטאַנד. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געפילט אין דער לופט אַז ביינאַכט וועט עפּעס וואָס געשען. די יידישע פאַמיליע האָט זיך געשראָקן פאַר די אומרוען. אמת, די פויערים מיינען טאַקע די פּריצים, אָבער אין טומל וועלן די צעבונטעוועטע פויערים זיך נעמען צו ערשט צו די יידן. דערצו איז נאָך צוגעקומען די זאָרג וועגן דער שנור. ס'איז שוין דער צווייטער טאָג, אַז די שנור רייטשל, די פרוי פון דעם זון אפרים־לייב, איז געגאַנגען צו קינד.

אפרים־לייב איז שוין ניט קיין יונגערמאַן. ער איז געווען אין די פופציקער. רייטשל איז געווען זיין צווייטע פרוי. ווען ער איז געווען יונג האָט ער חתונה געהאַט, ווי דער שטייגער פון אַלע יידישע בחורים. אָבער עפּעס איז געשען, וואָס דערציילט האָט קיינער ניט, און דאָס פּאָרל האָט זיך צעשיידט. אפרים־לייב איז געבליבן אַ געגטער צענדליקער יאָרן. ער האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט רייטשלען — אַ מיידל יינגער פון אים מיט העכער צוואַנציק יאָר. ער האָט געוואָרט מיט אומגעדולד אַז רייטשל זאָל אים געבוירן אַ קינד. און אַט איז שוין צוויי טעג אַז די ווייען האָבן זי אָנגענומען און זי האָט נאָך ניט געבוירן.

## מ אָ ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד

די נאַכט איז צוגעפאַלן. די יידישע פאַמיליע האָט פאַרהאַקט טיר און טויער. דער דרויסען איז געווען פול מיט פויערים, וואָס האָבן געשריען, געטומלט און געליאַרעמט. שפּעטער צו האָט אָפּגעהילכט דער קנאַל פון אַ ביקס. אין שטוב האָט זיך די געווינערין געמאַטערט און געראַנגלט אין אירע ווייען.

דער טומל אין דרויסן איז געוואָרן שטאַרקער און די ראָזענפעלדס זיינען געוואָרן אומרואיקער. אָט האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס אומגליק. דאָס בעסטע וואָלט געווען אַנטלויפן פון דאָרף, ביז די אומרועז וועלן זיך איינשטילן, אָבער ווי אַנטלויפט מען אַז די געווינערין איז אין ווייען?

די ברומעריי און דער טומל זיינען געוואָרן נעענטער און נעענטער צום יידנס שטוב. אָט זיינען שוין די צעבונטעוועטע פויערים אונטערן פענצטער. און פּלוצים — בריאַזג! אַ שטיין האָט צעקנאַקט אַ פענצטער, געטראָפן אין לאָמפּ און ס'איז געוואָרן שטאָק פינצטער אין שטוב. און איידער די שטוביקע האָבן אפילו צייט געהאַט זיך צו דערשרעקן האָט די געווינערין אַרויסגעלאָזן אַ ניט מענטשלעכן אויסגעשריי און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פון אַ אַ ניי געבאָרן עופהלע.

דער זיידע איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן איינצושטילן די צעבונטעוועטע פויערים. ער האָט פאַר זיי געשטעלט אַן עמער בראָנפן און זיי זיינען אַוועק פון יידנס שטוב. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים האָט אים באַגעגנט די הייבאַם און זי האָט געזאָגט:

— מזל טוב, איידָ, ס'איז אַ יינגל.

דער זיידע האָט געענטפערט:

— מיט מזל זאָלט איר לעבן.

און די הייבאַם, אַן אַלטע פויערטע, האָט צוגעגעבן:

— נו, נו, אייער איניקל איז געבאָרן געוואָרן מיט אַ טומל, מיט אַ קנאַק. ער וועט זיך לאָזן הערן. די וועלט וועט פון אים וויסן. ס'איז ניט אומזיסט, וואָס ער איז געבאָרן געוואָרן ווען די פויערים האָבן אויסגעשריען זייערע עוולות קעגן די פּריצים. יאָ, ער איז געבאָרן געוואָרן מיט אַ טומל און געדודער. ס'איז אַ גוטער סימן.

וואָס די הייבאַם האָט פאָראויסגעזאָגט איז מקויים געוואָרן. דאָס נייגעבאָרענע יינגל איז געווען משה־יעקב־אַלטער ראָזענפעלד, וואָס איז יאָרן שפּעטער באַוואוסט געוואָרן איבער גאָר דער וועלט, ווי דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד.

## דריי נעמען: משה, יעקב, אַלטער.

דעם יינגל האָט מען געגעבן צוויי נעמען: משה־יעקב. אַ פיר יאָר שפּעטער האָט מען אים צוגעלייגט אַ דריטן נאָמען: אַלטער. פאַרוואָס אַלטער? — הערט אַ מעשה.

משה־יעקב איז געווען אַ ציטערדיקער, אַ פאַרצערטלטער, אַ קוים־דערלעבטער און דערהאַרטער. דער טאַטע איז אַלט געווען איבער פופציק יאָר, ווען דאָס יינגל איז געבאָרן געוואָרן. נאָך זיין געבורט האָט זיין מוטער אַלע יאָרן געבוירן אַ קינד אָבער די קינדער האָבן זיך ניט געהאַלטן. מער ווי אַ חודש אָדער צוויי האָט אַ קינד ניט געלעבט. האָבן טאַטע מאַמע זיך געטרייסט איבער זייער בן יחיד און אים אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצ־אַפּל פון אויג. וואָס מער קינדער עס זיינען ביי זיי געשטאָרבן, אַלץ מער האָבן זיי געציטערט איבער משה־יעקבן. זיי האָבן אים באַהאַנגען מיט קמיעות, געזוכט פאַר אים סגולות ביי רביים, ביי טאַטערס. די אויס־געפּרובירטסטע סגולה צו פאַרלענגערן די יאָרן אַ ציטערדיק קינד, איז אים צולייגן אַ נאָמען. נו, איז דער טאַטע אַוועק אין שול, און ביי אַן אָפּע־נער ספר תורה האָט ער משה־יעקבן צוגעלייגט דעם נאָמען אַלטער. פון יענעם טאָג אָן האָט אים קיינער פון דער משפּחה ניט גערופן מער משה־יעקב. אַלטער האָט מען אים גערופן. ווייל ס'איז געווען אַ פּראָסטע אויס־רעכענונג — טאָמער קומט דער מלאך־המות צונעמען דאָס יינגל משה־יעקב, וועט ער אים ניט געפינען. אין הויז איז גאָר ניטאָ קיין יינגל מיט אַזאַ נאָמען. נאָר עס גייט אַרום אין שטוב אַ קליין יידעלע, וואָס איז אַזוי אַלט אַז אַלע רופן אים מיטן צונאָמען אַלטער.

און משה יעקב איז געווען שיין, געראָטן אָבער צעלאָזן, אַ גרויסער שטיפער. דערהויפּט האָט מען געהאַט צרות אין אָוונט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט לייגן שלאָפן. ער האָט ניט געוואָלט גיין שלאָפן איידער די דער־וואַקסענע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. געוויינטלעך שרייען אַן טאַטע מאַמע אויף אַ פאַרעקשנט קינד. אַמאָל באַשטראָפט מען. אָבער משה־יעקב איז געווען אַ בן יחיד, אַ פאַרצערטלטער, האָבן זיי אים געפּרואווט נעמען מיט גוטן. זיי האָבן אים געוואָלט איינשלעפערן מיט מעשות, האָט עס ניט געהאָלפן. וואָס מער מעשות מען האָט אים דערציילט, אַלץ וויניקער שלע־פעריק איז ער געווען. מעשות האָט ער ליב געהאַט צו הערן. האָט ער גע־וואָלט נאָך און נאָך. איז די מאַמע געפאַלן אויף אַ המצאה, זי וועט אים

דערציילן גרויל־מעשות. דריי מעשות האָט זי געהאַט. די ערשטע מעשה אי וועגן נאַכט־שדים: ווי נאָר די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ, לאָזן זיך די שדים אַרויס איבער דער וועלט. יעדער שד טראָגט אַ ליידיקן זאַק. ער לויפט איבער דער וועלט און זוכט אַרום קינדער, וואָס שלאָפן ניט. געפינט ער אַזאַ קינד פּאַקט עס עס אַריין אין זאַק און טראָגט עס אַוועק אין איי־ביקן שלאָף־לאַנד. די צווייטע מעשה איז געווען: זאַמד אין די אויגן: ווען עס קומט די נאַכט פון שלאָפן גיין, קומט דער מלאך פון שלאָף און טוט אַריין אַביסל זאַמד יעדן קינד אונטער זיינע אויגן־דעקלעך. ווען דאָס יינגל רייבט אויס די אויגן און בלייבט וואַך, שיקט דער מלאך פון שלאָף אַ שלעכטן מלאך צום יינגל. דער שלעכטער מלאך מאַכט דאָס יינגל קראַנק און שוואַך. ווען אַ קינד איז קראַנק און שוואַך איז עס שלעפעריק און קאָן זיך ניט שפּילן. די דריטע מעשה איז געווען וועגן דער נשמה אויף יענער וועלט: אַלע נאַכט גייען אַרויף די נשמות אויפן הימל. דאָרט אין הימל איז אַ גרויסער, גרויסער זאַל, וואו די נשמות רוען אַ גאַנצע נאַכט. ווען אַ קינד שלאָפט ניט אין צייט, פאַרשפּעטיקט זיין נשמה און מען לאָזט זי ניט אַריין אינעווייניק. שטייט די נשמה אין דרויסן פון הימל און ציטערט פון קעלט. אַ גאַנצע נאַכט שטייט זי אין דער קעלט — נו, פאַרקילט זי זיך, און דאָס קינד ווערט קראַנק.

מיט אַזעלכע מוראדיקע מעשות האָט די מאַמע איינגעשלעפערט איר פאַרצערטלטן בן יחיד. די מעשות האָבן געהאָלפן. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט מאָריס ראָזענפעלד ניט געקאָנט פאַרליידן קיין גרויל מעשות. ער האָט אויך ניט ליב געהאַט ווען מען האָט זיך געפּאַרעט אַרום אים צו פיל. עס פלעגט אים דערמאָנען זיינע קינדער יאָרן, ווען די מאַמע האָט אים צו פיל אָפּגעהיט.

## באָקשאַ

דאָס יינגל האָט זיך געהאָדעוועט ביים זיידן דעם פישער. ווען דער זיידע און דער טאַטע פלעגן אַוועק כאַפּן פיש, האָט דאָס יינגל ניט געוואָלט בלייבן אַליין אין הויז. ס'האָט ניט געהאָלפן קיין איינריידעניש, קיין ביי־זערן זיך. מען האָט אים געמוזט מיטנעמען. אפילו ווען מען איז געגאַנגען אויף פיש־פאַנג ביינאַכט, האָט מען ניט געקאָנט אַוועק אָן אים. און מאָדנע איז וואָס דאָס יינגל איז געווען שטיל, רואיק פאַרטראַכט, גאָר אַן אַנדער

קינד געוואָרן ווען ער איז געזעסן אין שיפל. דער זיידע האָט געקוועטשט מיט די פלייצעס און דער טאַטע האָט געגלעט די גרויע באָרד פאַרטראַכט — ביידע האָבן זיך געוואונדערט. דאָס יינגל איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן אין שיפל, און שעהן לאַנג געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אויף גאָרנישט.

אָפט האָט דער טאַטע, אָדער דער זיידע זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט:

— אויף וואָס קוקסטו אַלטער? וואָס זעסטו?

דאָס יינגל איז געווען קליין און יונג און ניט געקאָנט דערקלערן די וואונדערס וואָס ער זעט. שווייגט ער. שווייגט און עסט זיך נאָך מער איין מיט די אויגן אין אַלץ, וואָס איז אויפן טייך. ס'זיינען דאָך וואונדער איבער וואונדער: אָט זיינען דוכט זיך אַרויסגעפאָרן שיפלעך מיט פראָטע פישער, יידן פישער מיט גרויע בערד. און איצט, אין דער לבנה נאַכט, ביי דעם פיש־כאַפּן, גלאַנצן ווי זילבער די בערד פון די פישערס. און די שיפלעך טראָגן זיך מיט אימפעט און דינע שאָטנס ציטערן איבער זיי. די פישערס מיט די זילבערנע בערד רודערן, רודערן און לאָזן אַראָפּ די נעצן. די נעצן פאַלן טיפער, טיפער. טיף אין דעם טייך פאַרפלאָנטערן זיך אין די נעצן פיש מיט קרישטאָלענע שופּן. מיט אַמאָל טוט אַ שפרונג אַרויס פון וואַסער אַ פיש און פאַלט מיט רויש צוריק אין טייך אַריין. דאָס יינגל זעט, אין קלאָרן וואַסער, ווי דער פיש שווימט אַוועק פון נעץ. אַ פישער ברומט:

— אַ קלוגער פיש, וויל ניט געכאַפּט ווערן.

דאָס יינגל נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון טייך. די ברעגן ווערן אַלץ ווייטער און ווייטער. ער זעט מער ניט די בערג מיט די טונקל גרינע ביימער. ס'איז וואַסער און הימל און אַ ליכטיקע לבנה. ס'איז שטיל. אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס געזאַנג פון די דאָרף שקצים, דאָס רוישן פון די רודערס. דאָס יינגל אָטעמט שנעל, ווי ער וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די ווייכע נאַכט־לופט, דעם שטילן גערויש פון טייך. די לבנה אויבן שווייגט און ער שווייגט אויך. באַלד שלאָפט ער איין. און דער טאַטע מורמלט שטיל:

— דאָ דאַרף מען ניט קיין מעשות אים איינצושלעפערן.

די נאַכט רייזעס אויף דער באַקשאַ און די וועלדער אויף די בערג אַרום דעם דאָרף זיינען געבליבן אויף אייביק אין ראָזענפעלד'ס געדעכעניש. זיין גאַנץ לעבן האָט ראָזענפעלד ניט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרבייגיין אַ וואַלד, אַ פעלד אָדער אַ וואַסער.

## מאָריס ראָזענפעלד

# אַ געראָטן ייִנגל

אין שטוב האָט מען דאָס ייִנגל געהיט מיט זיבען אויגן. אַציטערדיקער, אַ פאַרצערטלטער, טאַטע מאַמע האָבן געציילט זיינע טריט. דאָ שטיי ניט, דאָ גיי ניט, דאָ זיץ ניט. שפּרינג ניט, לויף ניט, יאָג זיך ניט. ער האָט ניט געטאָרט שטיין לעבן אויוון, אַ פונק קאָן נאָך אים אָנצינדן די האָר. ער האָט ניט געטאָרט שטיין לעבן טיר — ער קאָן זיך נאָך צוקילן. ער האָט ניט געטאָרט זיך איינבייגן אין אַן אָפענעם פענצטער— ער קאָן נאָך אַרויספאַלן. ער טאָר ניט שטיין לעבן אַ שאַפע, דער שראַנק קאָן נאָך חלילה פאַלן און צעקוועטשן דאָס קינד. דער זיידע האָט זיך געוויצלט:

— וואָלטן זיי געקאָנט, וואָלטן זיי אַריינגעלייגט דעם בן יחיד אין אַ שאַכטל אויסגעבעט מיט וואַטע.

אין גאַס איז דאָס ייִנגל געווען גאָר אַן אַנדער קינד. פריי פון דער מאַמעס אויג האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. און וועלן האָט ער געוואָלט נאָר שטיפן. אין אַלע שטיפערייען איז ער געווען דער אָנפירער. עס איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן זיינע חברים אים ניט צו פאָלגן. ווען ער איז געווען גאָר יונג, אין די ערשטע זמנים פון חדר, האָט מען געקאָנט זען אַז דאָס ייִנגל איז אַנדערש פון אַלע קינדער. ווען מען האָט די ייִנגלעך אַרויסגעלאָזט פון חדר האָט ער זיי צונויפגענומען, זיי געהייסן זיך נעמען פאַר די הענט, צעשטעלט זיי אין פאָרלעך און געפירט זיי אַהיים אין אַ באַשטימטן סדר. ער האָט זיי געפירט מיט געזאַנג און ער אַליין איז געווען דער אָנפירער פונעם זינגען. אַ שטים האָט ער געהאַט אַ שיינע, אַ הילכיקע. לידלעך צו זינגען האָבן אים ניט געפעלט. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע פעאיקייט צו געדענקען אַלע קינדער לידלעך, וואָס ער האָט געהערט. האָט ער איין מאָל געהערט אַ ליד האָט ער באַלד אויפן אָרט איבערגענומען די ווערטער און די מעלאָדיע. טאָמער האָט אים אַמאָל אויסגעפעלט אַ ליד, האָט ער אַליין גלייך אויפן אָרט געמאַכט אַ ליד — ווערטער און ניגון. די קינדער פון שטעטל האָבן געזונגען אַ סך פון זיינע לידער. אָפט האָט געטראָפן, אַז חדשים שפּעטער האָט ער געהערט אַ ליד, וואָס ער האָט געמיינט אַז עס איז ניי. ער אַליין האָט דאָס ליד פאַרפאַסט, נאָר פאַרגעסן, און איצט האָט ער זיך צוריק אויסגעלערנט זיין אייגן ליד. ווי געווינטלעך האָט ער עפּעס וואָס צוגעגעבען.

ווען ער איז עלטער געוואָרן און די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין

פערדלעך, איז ער אויך געווען דער אָנפירער. ער איז געווען דער באַלאַ־גאָלע. האָט ער געוואָלט זיין דאָס פערדל, האָט זיך קיינער אים ניט גע־שטעלט אַנטקעגן.

ער איז געווען אַן אומרואיק ייִנגל, ניט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט. ער האָט געהאַט זיין שייקע און געקאָמאַנדעוועט מיט איר. די ייִנגלעך פלעגן זיך אַלעמאָל טרעפן אויף דעם שפּיץ פון באַרג, וואָס איז געווען לעבן טייכל. דאָרט האָבן זיי זיך געשפּילט אין פערדלעך. פון דאָרטן פלעגן זיי גיין אין וואַלד אַריין אָנצורייסן יונגע צווייגלעך און פון די צווייגלעך, אַראָפּנעמען די לויזע קאָרע און פון דער קאָרע האָבן זיי געמאַכט פייפלעך. משה־יעקב האָט צונויפגעשטעלט אַ גאַנצע קאַפּעליע. ער פלעגט זיך אויך אָפּט לאָזן מיט זיין חברה צו דער וואַסער־מיל און באָדן זיך האַרט לעבן ראָד. ווען די מאַמע וואָלט געוואוסט וואָלט זי פון שרעק אַראָפּ פון זינען.

מער ווי אַלץ האָט חברה ליב געהאַט צו גיין אין וואַלד קלייבן יאַגדעס. דער וואַלד איז געדיכט און טיף און מען קאָן, אין אים, גרינג פאַרבלאָנ־דזשען. מען דאַרף אויך וויסן וואו דער „יאַגאָדניק" געפינט זיך. (יאַגאָד־ניק איז דער אָרט וואו יאַגדעס וואַקסן געדיכט). יאַגדעס קלייבט מען אין קריגעלעך און אין וואַלד איז גרינג צו פאַרטשעפּען אַ פוס אין אַן אָפּ־געבראָכענעם צווייג, אָדער וואָרצל, און פאַלן. אַז מען פאַלט קאָן מען ניט נאָר פאַרלירן די יאַגדעס, נאָר אויך צעברעכן דאָס קריגל. און די ערגסטע זאַך איז זיך אָנצוטרעפן מיטן וואַלד־וועכטער. מען טאָר ניט קלייבן קיין יאַגדעס אָן אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג. אַ דערלויבעניש קאָסט אַן אוצר מיט געלט — פופציק קאָפּיקעס. קיין ייִנגל קאָן זיך ניט פאַר־גינען אויסצוגעבן אַזאַ פאַרמעגן. כאַפּט דער וואַלד־וועכטער אימיצן קלייבן יאַגדעס, אָן אַ דערלויבעניש, נעמט ער צו ניט נאָר דאָס קריגל מיט די אָנגעקליבענע יאַגדעס, נאָר ער כאַפּט נאָך אַראָפּ ביים ייִנגל דאָס היטל פון קאָפּ. דערפאַר אַז מען גייט קלייבן יאַגדעס טאָר מען ניט מאַכן קיין טומל, מען דאַרף גיין שטיל, ניט ריידן און טרעטן פאַמעלעך, אַזוי אַז די טרוקענע צווייגן, וואָס ליגן צעשפּרייט אין וואַלד, זאָלן ניט טרעשטשען, ניט ברעכן זיך. משה־יעקב פירט די עקספּעדיציע, ער גיט אויף אַלץ אַכטונג, ער גיט באַפעלן: האַלט זיך פאַר די פאָלעס איר זאָלט ניט פאַר־בלאָנדזשען; גייט רואיק, מאַכט ניט קיין גוואַלד; טרעט פאַמעלעך, צע־ברעכט ניט די קריגלעך. ער האָט יאָרן שפּעטער באַשריבן זיינע שטי־פערייען אין אַ שיין ליד:

מ אָ ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד

— קינדער, ניט פאַרגעסט די פייפלעך,
וואָס איר האָט געמאַכט.
פרעגט נאָר בערקען, האָט ער אַלע
צווייגלעך שוין געבראַכט?
מאַכט זיך גרייט צו לויפן, קינדער
גיכער נו, גאַלאָפּ,
ווייטער, ווייטער גייט עס שנעלער
פלינקער באַרג אַראָפּ.

---

היט זיך, ניט צעברעכט די קריגלעך,
רואיק, מאַכט קיין גוואַלד,
ווייסט איר וואו יאַגדעס וואַקסן,
אין דעם טיפן וואַלד?
קינדער נעמט זיך פאַר די פאַלעס,
יודקע גיי פאַראויס.
דאָ איז לייכט צו בלאָנדזשען, קינדער,
אונדזער וואַלד איז גרויס.
צום יאַגאָדניק, ניט פאַרלירט זיך,
קומט זשע אַלע גלייך.

## די משפחה קלייבט זיך אַריבער אין שטאָט

די משפחה האָט לאַנג געלעבט אין דאָרף. אָבער נאָכדעם ווי משה יעקב איז געבאָרן געוואָרן, און פרנסה איז געוואָרן ווייניקער און ווייניקער, האָט אפרים לייב, ראָזענפעלדס טאַטע, אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ס'איז ניט קיין תכלית צו בלייבן אין דאָרף. מען דאַרף זיך איבערקלייבן אין שטאָט. אָבער וואָס קאָן ער טאָן אָן אַ מלאכה אין האַנט אין דער גרויסער שטאָט? איז דער מיטליאָריקער ייד אָוועק קיין וואַרשע און זיך געשטעלט אַרבעטן ביי אַ שניידער. מען ווייס ניט קלאָר, צי אפרים לייב האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט שניידעריי, דערנאָך עס פאַרגעסן אין דאָרף, צי ער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן לערנען שניידעריי אין וואַרשע. אָבער דאָס ווייס מען יאָ, אַז אין וואַרשע איז ער ניט געווען קיין פולער שניידער.

ערשט, אַ היפּשע צייט שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין סואוואַלק, האָט ער געעפנט אַ שניידער־וואַרשטאַט. קאָנטיק, אַז ער איז געווען אַ גוטער שניידער, ווייל ער פלעגט נייען פאַר די אָפיצערן אין דער רוסישער אַרמיי. ניט יעדער שניידער האָט געקאָנט זיין אַ מיליטערישער שניידער.

אין סואוואַלק האָט משה יעקב, ווי אַלע יידישע יינגלעך, געלערנט אין חדר. ער האָט געלערנט תנ"ך און גמרא. שפּעטער, ווען ער איז אונ־טערגעוואַקסן, האָט ער זיך באַקאַנט מיט דייטש און פויליש. די עלטערן האָבן זיך געגרויסט מיט זייער געראָטענעם בן־יחיד, געהאַלטן, אַז פון אים וועט אויסוואַקסן אַ לייט. דער יונג איז געווען געלערנט, קלוג, שיין און געהאַט אַ גוטע שטים צו זינגען. די וואָס האָבן אים געקאָנט האָבן זיך פון אים ניט געקאָנט אָפּלויבן. משה יעקב איז געווען אַבחור מיט אַ טונקל ברוין פּנים, שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן, די האָר געקרייזלטע און אַזוי שוואַרץ, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אַזש אין אַ בלויקייט.

ער האָט געירשנט פון דער מאַמען איר שיין ריידן, איר פעאיקייט און טאַלאַנט צו דערציילן אַ מעשה און מאַכן גראַמען. די מאַמע רייטשל איז געווען אַ שיינע, אַ קלוגע און געווען באַוואוסט מיט אירע פיינע משלים און מעשות. דערציילט מאָריס ראָזענפעלדס יינגערע טאָכטער:

— די באָבע רייטשל איז געווען אַ שיינע, אפילו ווען זי איז שוין געווען אַ טיפע זקנה. אירע אויגן זיינען געבליבן יונג און פריש און איר מויל — יונג און לאַכעדיק. זי האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט צו דערציילן אַ מעשה, און אויף אַלץ אין דער וועלט האָט זי געהאַט אַ משל און אַ גראַם. די אייניקלעך האָב זי שטאַרק ליב געהאַט און זיינען געווען צוגעבונדן צו איר. ווען זיי האָבן געמיינט, אַז דער טאַטע, אָדער די מאַמע, האָט זיי מיט עפּעס וואָס געקריוודעט, זיינען זיי אַוועקגעלאָפן צו דער באָבען צו פאַרקלאָגן דעם טאַטן אָדער די מאַמע.

„די אַלטע האָט זיך געגרויסט מיט איר באַרימטן זון, וואָס שרייבט אַזוינע שיינע לידער. זי האָט אָבער שטענדיק פאַרעקשנט צוגעגעבן:

— גראַמען מאַכן קאָן איך בעסער פון אים".

אַ גרויסן איינפלוס האָט געהאַט אויף משה יעקבן אַ מיידל מיטן נאָמען אסנהביילע. ער האָט טאַקע מיט איר חתונה געהאַט. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר. אסנה ביילע און משה יעקב אַלטער זיינען געווען פון דעמזעלביקן עלטער און די ערשטע זמנים

## מאָריס ראָזענפעלד

פון חדר זיינען זיי געגאַנגען צו דעם זעלביקן רבין. ווען דאָס ייִנגל איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער געטאָגט און געגעכטיקט ביי איר טאַטן אין הויז.

דער יונג האָט אַחוץ תנ"ך און גמרא ליב געהאַט לייענען מעשה־ביכלעך. דערהויפּט אָבער האָט ער ליב געהאַט פּאָעזיע — לידער. ער האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק די לידער פון אליקום צונזער, מיכל גאָרדאָן, אברהם גאָלדפאַדן, און אויך פאָלקס־לידער. ער פלעגט זיי זינגען שיין, מיט אַ סך געפיל, דאָס האַרץ פלעגט צעגיין, הערנדיק אים זינגען. גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער. ווען ער איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט ער שוין געהאַט אַ סך פאַרשריבענע העפטן מיט לידער און מיט גלאַט אַזוי שיינע, מליצהדיקע שטיקלעך. קיינער האָט פון זיין שרייבן ניט געהאַלטן. אָבער אסנה ביילע האָט געגלויבט אין אים און אים געמונטערט ער זאָל שרייבן מער. האָט ער פאַר איר פאַרגעלייענט זיינע שאַפונגען. און ניט נאָר פאַרגעלייענט, נאָר אויך אויף יעדן ליד און אויף יעדער שטיקל מליצה האָט ער אויסגעכתבעט: „געווידמעט אסנה ביילען".

דערציילט די ייִנגערע טאָכטער פון מאָריס ראָזענפעלד:

— אַ סך קריטיקער און שרייבער האָבן זיך געוואונדערט, וואָס מיין טאַטע האָט אין די הויך מיטעלע יאָרן אָנגעהויבן צו שרייבן ליבע־לידער. אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין נייע לידער — דאָס זיינען געווען זיינע יוגנט־לידער, וואָס ער האָט געשריבן פאַר דער מאַמען. אויף די מיטעלע יאָרן האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צו זיי, איבערגעשריבן, באַאַרבעט און זיי פאַרעפנטלעכט. די לידער זיינען אים געווען אַזוי ליב, ווייל ער האָט זיי געשריבן פאַר זיין אסנה ביילען, וואָס ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט אַ גאַנצן לעבן.

### משה־יעקב האָט חתונה

משה יעקב איז אויסגעוואַקסן אַ בחור — אַ ברכה פאַר גאָט און לייט. ער האָט געקאָנט אָפּלערנען אַ שווערן בלאַט גמרא און אין דער זעלביקער צייט געווען באַהאַוונט אין דער דייטשישער, פּוילישער און אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור. מען האָט אים גערעדט גאָר געהויבענע שידוכים מיט אַ סך נדן. אָבער ער איז געווען פאַרליבט אין אסנה ביילען. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט.

נאָך דער חתונה איז ער געזעסן ביים שווער אויף קעסט, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך יידישע יונגעלייט אין יענע צייטן. זיינע טעג האָט ער פאַרבראַכט אין בית־מדרש אין לערנען און אינדערהיים האָט ער געלייענט ביכער. ווען זיין ערשט קינד איז געבאָרן געוואָרן, האָט זיך דער יונגערמאַנטשיק פאַרטראַכט, אַז עס איז ניט קיין תכלית צו זיצן ביים שווער און עסן אומזיסט ברויט.

עס האָט אים געצויגן אין דער ווייטער וועלט אַריין. ער האָט זיך געוואָלט באַקאַנען מיט שטעט און מענטשן, מיט פעלקער און לענדער. אסנהביילע האָט זיך טאַקע ניט געוואָלט שיידן מיט איר מאַן, דאָך האָט זי אים צוגערעדט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך אַוועקלאָזן אין דער ווייטער וועלט. זי האָט געגלויבט, אַז איר מאַן וועט גרויס און באַרימט ווערן און די וועלט וועט מיט אים קלינגען.

און אַז משה יעקב איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע.

ווי אַזוי דער פאַרצערטלטער, קליין־שטעטלדיקער בחור, משה יעקב, איז געוואָרן, יאָרן שפּעטער, דער וועלט באַרימטער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, איז אַ באַזונדער מעשה.

# דר. חיים זשיטלאָווסקי

לויט דר. זשיטלאָווסקיס מינדלעכע מיטטיילונגען און זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט. מ. מ. ראָזענבוים: חיים זשיט־לאָווסקי. שמואל זשיטלאָווסקי: זכרונות וועגן מיין ברודער חיים. ש. ניגער: דר. חיים זשיטלאָווסקי.

# ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1865 אין אושאַטי, וויטעבסקער גובערניע, רוסלאַנד. ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר, האָט זיך די פאַמיליע אַריבערגעקליבן קיין וויטעבסק, וואו עס האָט געוואוינט זיין זיידע, אַ רייכער פלאַקס־סוחר.

זשיטלאָווסקיס עלטערן זיינען געווען גאַנץ רייך, און דער יונגער חיים האָט געהאַט אַ רואיקע, גליקלעכע יוגנט.

ביז דרייצן יאָר האָט ער געלערנט אין חדר. אין 1879 איז ער אַנגעקומען אין דריטן קלאַס פון דער וויטעבסקער גימנאַזיע. ער דער־ווייטערט זיך פון יידישן לעבן און שטודירט פלייסיק די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. ער פאָרט שטודירן קיין קאַלוגאַ און דערנאָך אין טולע, טיף רוסלאַנד.

די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן האָבן אים דערנעענטערט צום יידישן פאָלק. ווען ער איז אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר, איז ער אַפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג צו שטודירן יידישע געשיכטע אין דער רייכער קייזערלעכער ביבליאָטעק. אין 1887, האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע שריפט אויף רוסיש, „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל פון יידן״.

אַ יאָר שפּעטער האָט ער פאַרלאָזן רוסלאַנד און אַוועק קיין בערלין, דייטשלאַנד. צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין צוריך, שווייצאַריע. אין 1892 האָט ער באַקומען דעם טיטל דאָקטער־פילאָזאָפיע פון בערנער אוניווערסיטעט.

אין 1891 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אַרבעט אויף יידיש. אָבער ער האָט נאָך אַלץ אָפּגעגעבן זיינע בעסטע כוחות פאַר דער אַלגע־מיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ערשט אין 1905, ווען ער איז אַנגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך צו דער אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק. ער האָט אַגיטירט פאַר יידיש צווישן דער אינטעליגענץ. ער האָט געוועקט די יידישע מאַסן צום נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין. ער האָט געשריבן און געהאַלטן לעקציעס פאַר גרויסע מאַסן, געמאַכט איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן.

דעם 6טן מאַי, 1943, איז זשיטלאָווסקי געשטאָרבן אין קאַלגאַרי, קאַנאַדע, וואו ער איז געווען אויף אַ לעקציע־טור. זיין קערפּער האָט מען געבראַכט קיין ניו־יאָרק. מען האָט אים באַערדיקט אויף דעם בית־עולם פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן.

נאָך ביי זיין לעבן זיינען דערשינען זשיטלאָווסקיס געזאַמלטע שריפטן אין 22 בענד, אַחוץ נאָך אַנדערע ביכער און אַ גרויסע צאָל בראָשורן.



דר. חיים זשיטלאָווסקי

# ג ל י ק ל ע כ ע

ס׳איז זומער לעבן. אויפן שליאַך פון אושאַטי קיין וויטעבסק פירט אַ באַלעגאָלע דריי פּאַסאַזשירן — אַ יונגנמאַן אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, אַ יונג ווייבל פון אַ יאָר צוואַנציק און אַ ייִנגל — אַ קינד פון צוויי און אַ האַלב יאָר.

עס איז אַ שיינער וואַרעמער זומער־טאָג. דער יונגערמאַן איז גוט אויפגעלייגט. דאָס יונגע ווייבל אָבער איז מיד און אויסגעמאַטערט. זי פילט זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען און דער מאַן פירט זי קיין וויטעבסק צום דאָקטאָר.

די פור טרייסלט זיך. דאָס טרייסלען צערודערט נאָך מער דאָס יונגע ווייבל. דער מאַן וויל זי אויפמונטערן, נעמט ער אַרויס פון אונטער דעם שטרוי אַ שאַכטל מאָנפּאַסע, שניידט אויף פּאָרזיכטיק דאָס קעסטעלע און דערלאַנגט דער פרוי אַ קאָנפעקט זי זאָל זיך דערקוויקן דאָס האַרץ.

די פרוי וויל עס כלומרשט ניט נעמען. זי דרייט אָפּ דעם קאָפּ. דער מאַן שטופּט איר דעם קאָנפעקט אין מויל אַריין. זי האַלט עס צווישן די רויטע יונגע ליפּן און וויל עס ניט איינבייסן. דער מאַן בעט זיך ביי איר:

— נעם עס, חוהלע, ס׳וועט דיר דערקוויקן דאָס האַרץ. זי פּעס־טשעט זיך:

— איך וויל ניט, יאָסיף, עס גלוסט זיך מיר ניט.

— פּאַרזוך עס נאָר, וועסטו זען ווי געשמאַק ס׳איז, ענטפערט יוסף.

דאָס קליינע ייִנגעלע זיצט צווישן זיי און קוועלט אָן. ס׳איז אַ שפּיל. דער טאַטע שטופּט דער מאַמען אַ מאָנפּאַסע און זי וויל ניט, דרייט מיטן קאָפּ און אירע אויגן לאַכן. דאָס קינד פאַלט אַריין אין שפּיל:

— גיב עס מיר, גיב עס מיר אין מויל.

צעשמייכלט זיך דער טאַטע: — דאָס איז נאָר פאַר דער מאַמען.

— דו האָסט נאָך, דו האָסט נאָך. גיב מיר איינס און דער מאַמען איינס, פּאַטשט דאָס ייִנגעלע מיט די הענטלעך.

— גוט, אָבער זאָל אויך די מאַמע נעמען איינס.

שמייכלט די מאַמע און נעמט ביי דעם טאַטן דעם קאָנפעקט. זי גיט איינעם דעם ייִנגל און הייסט דעם טאַטן נעמען איינעם. אַז ניט, וויל זי אויך ניט.

## ד ר. ח י י ם ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י

עסן אַלע דרייען קאָנפּעקטן און לאַכן, רוקן זיך צו איינע צו די אַנדערע. זיצן די דריי גליקלעכע צוגעטוליעטע איינע צו די אַנדערע, פּונקט ווי עס וואָלט געווען קאַרג אָרט אין דעם ברייטן וואָגן.

זיי פאָרן ווייטער און דאָס ייִנגל ווערט ניט מיד קוקן אויפן דרויסן. אָט פאָרן זיי באַרג אַראָפּ, נעמען זיך פּאַזע טייך, די דווינע. די פערדלעך לויפן געשמאַק, דער באַלעגאָלע קנאַקט מיט דער בייטש אין דער לופטן פון פריילעכקייט ווענן.

דער פורמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אָנטרינקען די פערד. קוקט זיך דאָס ייִנגל אַרום און זיין חידוש ווערט גרעסער: אויבן אַ בלאָער הימל און אַ זון און וואָס מען קאָן זיך אין איר ניט איינקוקן. קוקט ער אַראָפּ, גלאַנצן די גרויסע וואַסערן ווי די זון. ביים ברעג בלעזלען זיך וואַלן אין אַ שטראַלן־נעץ — אַ זוניקע נעץ אויפן געלן זאַמדיקן באָדן פון טייך. און קליינע מאַדנע ברואימלעך שווימען אַרום אין דער זוניקער נעץ. עפּעס פישעלעך אַזעלכע, מיט גראָבע קעפּלעך און קורצע עקן. די פישעלעך שווימען איילנ־דיק און אומרואיק אין די קלאָרע וואַסערן. אָבער אָט טוט איינער פון די פערד אַ טאָפּטשע מיט דער קאָפּיטע — דאָס וואַסער ווערט ברודיק. ניטאָ מער קיין זון־שטראַלן נעץ, ניטאָ קיין פישעלעך. און דאָס קינד פּאַטשט מיט די הענטלעך. סאַראַ שיינע שפּיל!

די מאַמע זעט דעם קינדס פריילעך פּנים און נעמט אים שטייף אַרום מיט אירע וואַרעמע הענט. דער טאַטע איז צופרידן וואָס די מאַמע איז פריילעך געוואָרן, און ער שפּילט זיך מיט דעם קינדס לאָקן וואָס זיינען לאַנג און פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען.

די פערד האָבן זיך אָנגעטרונקען. דער באַלעגאָלע לאָזט זיך ווייטער אין וועג, און דאָס קינד זעט גרעסערע וואונדער. מען פאָרט אַריבער דעם טייך אין אַ שטוב — אַ גרויסע שטוב שיפט זיך איבערן טייך — דער פּאַראָם. ווען זיי קומען אויף יענער זייט טייך זעט דאָס קינד הויכע הייזער. אַזוי הויך זיינען די הייזער אַז מען קאָן ניט כאַפּן מיטן אויג. איבער די פענצטער פון די הייזער זיינען געמאַכט שירעמס פון קאָלירטן לייוונט. אויף די ווענט זיינען פאַראַן אייזערנע באַלקאָנען. אונטן — געפאַרבטע גאַניק־לעך. שטייט אַ מאַן אין אַ פעלערינע אויפן גאַניקל און טוט אַ צי אַ הענטל. טוט אַ קלונג אַ גלעקל. עפנט זיך אַ גלעזערנע טיר. פון שטוב גייט אַרויס אַ מאַן אָנגעטאָן אין אַ פעלערינע, דערצו נאָך מיט אַ דין שוואַרץ שטע־

קעלע אין האַנט. פאַרנייגן זיי זיך איינער פאַר דעם אַנדערן און לאָזן זיך גיין שפּאַצירן.

קוקט דאָס קינד פאַרגאַפט. ער האָט נאָך אַזוינס ניט געזען!

טאַטע־מאַמע קוקן זיך איבער און דער טאַטע רעדט שטיל:

— דו וועסט באַלד זען נאָך שענערס. אָט וועלן מיר פאָרפאָרן צום זיידן. דו וועסט נאָך זען אַ שענערע, אַ גרעסערע שטוב. און ס'קאָן געמאָלט זיין, אַז מיר זאָלן דאָ אין וויטעבסק פאַרבלייבן.

און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט זיך די פאַמיליע אַריבערגעקליבן קיין וויטעבסק. דאָס קליינע יינגל איז געווען חיימל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער באַרימטער ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. ער איז נאָך דאַן קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען.

# א י ן   ו ו י ט ע ב ס ק

די פאַמיליע וואוינט אין וויטעבסק, זיי שטייען איין ביים זיידן דעם קאָנדיטאָר אין האָטעל. עס דוכט זיך דעם קליינעם חיימען אַז וואו מען טוט זיך אַ קער זיינען דאָ טרעפּ, ברייטע טרעפּ באַדעקט מיט רויטן פלוש.

דאָס יינגל האָט ליב אַרומקריכן איבער די טרעפּ. ער קריכט פלינק ווי אַ חיהלע און קלאַפּט אָן אומעטום.

אויפן אויבערשטן שטאָק איז דאָ אַ שטענדיקער גאַסט, דעם זיידנס אַ שטיקל קרוב. מען רופט אים באַראַבאַנדע. זעט באַראַבאַנדע ווי דאָס קינד קלעטערט איבער די טרעפּ אויף אַלע פיר, וויל ער אָפּטאָן דעם יינגל אַ שפּיצל. באַראַבאַנדע רייכערט ציגאַרן. נעמט ער אַריין דאָס יינגל צו זיך אין צימער און גיט אים פיר ציגאַרן־קעסטלעך. פרייט זיך דאָס קינד און טאַנצט פון שמחה, ער וועט אַראָפּ צו זיך אין צימער באַהאַלטן דעם אוצר. קומט ער צו צו די טרעפּ, וויל אַראָפּ און קאָן ניט — ביידע הענט זיינען פאַרנומען, ווי קאָן ער קריכן אויף אַלע פיר?

שטייט דאָס יינגל פאַרטראַכט און לעבן אים באַראַבאַנדע. באַראַבאַנדע וויל זען וואָס עס וועט דאָ זיין. דאָס יינגל טראַכט אַ ווײַלע און זעצט זיך באַלד אויף דער אויבערשטער טרעפּ, און מיט די פיסלעך אויף דער אונטערשטער און זיצנדיק גייט ער אַראָפּ אַלע טרעפּ.

באַראַבאַנדע דערציילט דעם חידוש פאַר אַלעמען. די מאַמע, וואָס גיט אַכטונג אויפן יינגל, קרימט זיך אָבער:

## ד ר. ח י י ם ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י

— יאָ, יאָ, ער איז אַ קלוג יינגל, אָבער בעסער וואָלט געווען ווען ער וואָלט געווען אַ גוטער. פּרוּווט אים נאָר פאַרקעמען די האָר, וועט איר פון אים ניט אַזוי אָנקווּעלן.

דעם יינגלס האָר זיינען לאַנג און געדיכט, לאָזט זיך דאָס יינגל ניט קעמען. די מאַמע דאַרף אים איינעמען מיט גוטע רייד. קעמט זי אים די האָר און רעדט:

— באַלד וועלן מיר פאַרקעמען די לאַנגע בלאָנדע לאָקן, אָנטאָן דיר דעם בלויען אָנצוגל; אויף דעם אָנצוגל וועלן מיר אָנטאָן דאָס שיינע פּו־טערל און דאָס פיינע היטעלע. ווערסטו גיין איבער די גאַסן און אַלע וועלן פרעגן:

— ווער גייט עס דאָרטן אַזאַ שררה? און מען וועט ענטפערן:

— וואָס, איר ווייסט ניט? דאָס איז דאָך חיים, יאָשע זשיטלאָווסקיס עלטערער זון.

און אַלע וועלן קוקן און מקנא זיין דעם טאַטן און די מאַמע, וואָס האָבן אַ יינגל מיט אַזאַ ליכטיק פּנים.

פּסח איז דאָס יינגל אַלט געוואָרן דריי יאָר. מען האָט געפּראַוועט אַ שמחה. אַלע קרובים און באַקאַנטע זיינען געקומען. מען האָט אַוועקגע־שטעלט דאָס יינגל אויפן טיש, און מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעשאָרן אים די לאַנגע בלאָנדע לאָקן. נאָך פּסח איז דאָס יינגל אַוועק אין חדר.

## מ ל מ ד י ם

חיימל האָט ניט ליב געהאַט דאָס חדר. דער ערשטער מלמד משה־איציע איז נאָך געווען צו דערליידן. ער האָט זעלטן געשלאָגן, געהאַט אַ שמייכל אויפן פּנים. ער האָט אָבער ליב געהאַט אָנצושרעקן פּיצלעך קינ־דער. זיין באַליבטסטע שטראָף איז געווען „אַריינקלאַפּן אַ טשוואָק צווישן די פינגער". ער האָט דערפון געמאַכט אַ גאַנצע צערעמאָניע.

ווען אַ קינד האָט אַ שטיף געטאָן, אָדער אַ הויכן לאַך געגעבן, האָט משה איציע אַ גלעט געטאָן די לאַנגע שיווע באָרד און אַרויסגערעדט מיט אַ ניגון:

— אַזוי, וועוויריקל, עס ברענט אויף דיר די הויט. נאָדלען שטעכן דיר אין זיץ־פּלאַץ. וואַרט, איך וועל דיך איינשטילן. איך וועל דיך צו־שמידן, אַז דו וועסט זיך ניט קאָנען רירן.

דאָס קינד איז געזעסן אַ פאַרציטערטס. משה־איציע איז צוגעגאַנגען צו דער גראַטקע, (אַזאַ פאַליצע וואו מען האַלט דאָס געשיר), אַראָפּגענומען אַ האַמער מיט אַ טשוואָק, גענומען דעם קינדס הענטל, עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אַריינגעקלאַפּט אַ טשוואָק צווישן די פינגער.

—און איצט, האָט משה־איציע אויסגעזונגען, שטיי און ריר זיך ניט. דאָס הענטעלע איז צוגעקלאַפּט מיטן טשוואָק. טאָרסטו זיך ניט רירן. וועסטו אַ שלעפּ טאָן דאָס הענטל, וועט זיך בלוט לאָזן פון די פינגער..

דאָס קינד איז געבליבן שטיין פאַרציטערט און ניט געוואָגט אַראָפּ־צונעמען די האַנט.

איינמאָל האָט זיך חיימל פאַרזינדיקט מיט עפּעס. משה־איציע האָט אים אַריינגעקלאַפּט אַ טשוואָק צווישן די פינגער און אַרויס מיט זיין פּיזמון:

— ריר זיך ניט, וועוריקל. בלוט וועט גיין פון די פינגער.

חיימל האָט געשמייכלט, און ווי נאָר דער רבי האָט זיך אָפּגעקערט, האָט דאָס יינגל אַראָפּגענומען די האַנט און זיך געזעצט אויף זיין אָרט.

צו חיימלס איבערראַשונג איז משה־איציע ניט אין כעס געוואָרן. דער רבי האָט צופרידן געגלעט די באָרד און גערעדט מיט התפעלות:

— אַזוי גאָר! דיך קאָן מען ניט אָנשרעקן. דו נוצט דאָס קעפּל. דו האָסט די גאַנצע צייט פאַרשטאַנען אַז מען נאַרט אָפּ די וועוריקלעך. איי, וועט פון דיר אויסוואַקסן אַ לייט! עפּעס אַ קלייניקייט, אַ מענטש וואָס וועט זיך ניט שרעקן און נוצן דעם קאָפּ!

משה־איציעס נבואה איז מקויים געוואָרן.

דער צווייטער מלמד איז געווען משה־נח. ביי אים האָט חיים גע־לערנט חומש און „שווארבע״. דאָס חדר האָט זיך געפונען אין אַ פינצטע־רער קאָמער. דער דיל פון צימער איז געווען אַן ערדיקער, אַ ניט־גלייכער, אַ בערגלדיקער, ביי די ווענט איז דער דיל שטענדיק געווען נאַס. די מלמדיכע האָט זיך פאַרנומען מיט באַקן בלינעס. די לופט איז שטענדיק געווען שווער און אָנגערייכערט. די טיר האָט זיך ניט צוגעמאַכט אויף קיין רגע. ווייבער זיינען געקומען קויפן די בלינעס. דער טומל איז ניט געווען אויסצוהאַלטן. ד״ר זשיטלאָווסקי געדענקט כמעט ניט דעם מלמד, ער געדענקט נאָר דעם הו־האַ און דאָס שאָקלען זיך און לערנען פון די קינדער מיט אַ ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דעם יאַרידישן טומל און הו־האַ.

די חומש־מעשות און די שיינע רייד פון די נביאים האָבן זיך ביים יינגל

צונויפגעמישט מיט דער חדר־אַטמאָספערע. אים האָט זיך געדוכט אַז די אַלע מעשות האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט אַזעלכע שרייענדיקע און טומלדיקע יידן און יידענעס, אין אַזעלכע אָנגערייכערטע חדרים.

ווען מען האָט געלערנט פאַר פורים די מגילת־אסתר, און דאָרטן איז געווען באַשריבן ווי דער קעניג אַחשורוש מיט זיין סוויטע זיינען געזעסן אויף בעטן פון גאָלד האָט עס חיימל זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. אָבער אַחשורוש איז דאָך געווען אַ קעניג, ער מוז דאָך זיצן אויף אַ שענערן און רואיקערן פּלאַץ ווי די אַנדערע. איז ביי חיימלען געבליבן אַז אַחשורוש איז מסתם געזעסן אין ווינקל, וואו דעם רבינס בעט שטייט פאַרבעט מיט פערענעס און קישנס ביז צו דער סטעליע. דאָרטן אין ווינקל איז רואיק, שטיל און ווייך — זיינען דער קעניג און קעניגין דאָרט געזעסן. ס'איז טאַקע דאָרטן אַביסעלע פינצטערלעך און נאַס, אָבער גוט גענוג פאַר אַ קעניג פון „שוואַרבע".

דער דריטער מלמד איז געווען ירוחם שמואל — אַ גמרא־מלמד. ירוחם־שמואל, האָט מען געזאָגט אין שטאָט, מאַכט פון אַ ייִנגל אַ לייט. ער שאַרפט דעם ייִנגלס קעפּל. און חיימלען האָט זיך טאַקע געדוכט, אַז די גמרא איז אַ האַרטער שטיין, וואָס רייבט דעם קאָפּ און שאַרפט אים...

דערציילט ד"ר זשיטלאָווסקי: „דער לימוד איז באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון דער טרוקענער גמרא. ניט קיין תנ"ך, ניט קיין מדרש. אפילו דעם תרגום שני, וואָס איז אַזוי רייך אין היסטאָרישע בילדער, האָט מען מיט מיר ניט געלערנט. גמרא, גמרא, גמרא, גמרא. ווי אויף אַ שאַרפשטיין האָט מען אויף איר געשאַרפט דעם קינדערשן שכל, אַז פונקען האָבן געשפּריצט. און טאָמער האָט דאָס ייִנגעלע ניט געוואָלט מען זאָל זיין מוחל שאַרפן ווי אַ שטיק שטאָל אָן דער שטיינערנער גמרא — איז אַז אָך און וויי געווען צו אים. זיין לייב האָט זיך געצאַפּלט אונטער דעם רבינס שניידנדיקע ריטער, זיינע יונגע ביינדעלעך האָבן געקנאַקט אונטער דעם רבינס ביינערדיקע הענט".

חיימען האָט דער רבי זעלטן געשמיסן, אָבער דאָס ייִנגל האָט אים דערפאַר ניט ווייניקער פיינט געהאַט. ווען דער רבי האָט געלייגט אַ ייִנגל אויפן בענקל, האָט ביי חיימען פאַרקוועטשט דאָס האַרץ און ער האָט געוואָלט וויינען. ער האָט פיינט געקראָגן דעם רבין און ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם חדר. ביז היינטיקן טאָג ווייס ניט ד"ר זשיטלאָווסקי ווי אַזוי ער האָט זיך געקאָנט עפּעס וואָס אויסלערנען אין חדר. זיין קאָפּ איז אים

קיינמאָל ניט געלעגן אין לערנען. דאָך האָט מען אין שטאָט אים געהאַלטן פאַר אַ קענער, אַ יינגל מיט אַ פייערדיק קעפּל. חיים איז געווען פון די גאָר גוטע יינגלעך.

ער איז געזעסן ביים טיש מיט די איבעריקע יינגלעך, געשאָקלט זיך און כלומרשט געלערנט. אין דער אמתן איז ער געווען אַריינגעטאָן אין אַלערליי פאַנטאַזיעס. זיין באַליבסטע פאַנטאַזיע איז געווען אַז ער פליט אויף אַן אָדלער. ער זיצט אויפן אָדלער, און דער קעניג פון די פייגל פליט איבער וועלדער, פעלדער און שטעט.

איינמאָל איז צו חיימס פאָטער געקומען צו גאַסט פון ירושלים אַן עלטער־פעטער מיטן נאָמען שלמה שטיינהאַרד. ער איז געקומען צו פאָרן און זיך צעלייגט ביי זיי אין שטוב ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. ער האָט פאַרנומען דאָס בעסטע צימער, געשלאָפן אויף דער בעסטער סאָפע.

דער פעטער האָט אָנגענומען חיימס באַק מיט ביידע פינגער, אַ קניפּ געטאָן און פאַרטרויט דעם יינגל אַ סוד, אַז ער, דער פעטער, האָט פאַר אים געבראַכט אַ טייערע מתנה פון ירושלים. ער האָט אים געבראַכט אַ פעסעלע.

ביי חיימען האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע — אַ פעסעלע פון ירושלים איז ניט קיין קלייניקייט. עס איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעסלעך, עס האָט אַלערליי קאָלירן. חוץ דעם האָט דאָך אַזאַ פעסעלע עפּעס אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט. ס'איז דאָך פון ירושלים! דוכט זיך אַ פעסעלע ווי אַלע פעסעלעך, אַ קליינס, אָבער עס טוט וואונדער. דאַרפסט נאָר וויסן דעם ריכטיקן שפּרוך, וועט דערפילט ווערן יעדער וואונטש דיינער. און ער וועט שוין אויסגעפינען דעם שפּרוך, זאָל ער נאָר האָבן דאָס פעסעלע ביי זיך.

אָבער דער פעטער איילט זיך ניט אויסצופּאַקן זיינע קאַסטנס. ער זיצט אין הויז, עסט, רייכערט, הוסט און שלאָפט.

זיצט דאָס יינגל ביי דער גמרא, שאָקלט זיך און פאַנטאַזירט פון דעם פעסעלע. עס מישט זיך אים צוזאַמען דאָס פעסעלע און דער אָדלער. ער בינדט צו דאָס פעסעלע צום אָדלערס האַלז, האַלט צו די סטענגעס ווי מען האַלט לייצעס און לאָזט זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין. פליט איבער מדינות און מדבריות, עס פעלט אים ניט קיין זאַך, ווייל ווען עס פאַרגלוסט זיך אים עפּעס, זאָגט ער דעם שפּרוך און דאָס פעסעלע דערפילט זיין פאַר־לאַנג, און דער אָדלער טראָגט זיך ווייטער, ווייטער.

ענדלעך האָט דער פעטער אויסגעפּאַקט די זאַכן און אָפּגעגעבן חיימען

דאָס פּעסעלע. אַ פּעסעלע אַ געלס, אָבער ניט אַנדערש ווי אַלע אַנדערע שפּיל־צייג פּעסעלעך. מען קאָן עס קויפן פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אויפן מאַרק. האָט זיך דאָס יינגל געוואונדערט וואָס אין ארץ־ישראל, אין דער הייליקסטער שטאָט ירושלים, מאַכט מען אַזעלכע געווינטלעכע פּעסעלעך...

## דער טאַטע און די שטוביקע

נאָך זייענדיק אַ חדר־יינגל האָט יוסף זשיטלאָווסקי, חיימס פאָטער, געקראָגן אַ נאָמען אין שטאָט מיט זיינע אויסערגעוויינטלעכע פעאיקייטן און גרויסע שטיפערייען... דאָס יינגל האָט אָפּגעטאָן אַזוי פיל שטיפערייען אַז מען האָט אים געמוזט אַוועקשיקן ערגעץ וואו אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל צו זייער אַ שטרענגן מלמד.

שפּעטער צו, נאָך בר־מצוה, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואָלאָזשין לערנען. דאָרטן האָט ער באַקומען סמיכה אויף רבנות. צו אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ נגידיש מיידל פון דער רייכער משפחה וויינשטיין אין דעם שטעטל אושאַטי, לעבן וויטעבסק.

יוסף איז געווען אַ מתנגד — ניט געגלייבט אין גוטע יידן. זיין שווער און זיינע שוואָגערס, גרויסע לערנער און שטאַרקע קעפּ, זיינען געווען פאַרברענטע ליובאַוויטשער חסידים. דער שוואָגער, מיכל, האָט יוספן געמאַכט פאַר אַ חסיד. ס'איז געווען אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָבן זיךביידע, יוסף און מיכל, געאַמפּערט וועגן אַ דין. דער פעטער מיכל האָט באַוויזן מיט לאָגישע אַרגומענטן אַז דער דין דאַרף זיין ווי ער זאָגט. פוילט זיך ניט יוסף און נעמט אַראָפּ אַ ספר פון פּאָ־ליצע, טאַקע דעם שולחן־ערוך (געזעץ־בוך) וואָס דער ליובאַוויטשער רבי האָט אָנגעשריבן, און טוט אַ זאָג:

—נאָ זע, דיין אייגענער רבי פסקנט דאָך אַנדערש.

נעמט מיכל אָן דעם ספר מיט ביידע הענט, טוט אים אַ שליידער אויפן דיל און ענטפערט מיט צאָרן:

— שוטה איינער, איך רעד צו דיר מיט שכל און דו ברענגסט מיר אַ ראיה פון אַ שטיקל פּאַפּיר.

דער ענטפער האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם פאָטער ווי מיט אַ האַמער אי־בערן קאָפּ:

— אזוי הויך שטעלסטו אַוועק דעם מענטשלעכן שכל? ביסטו אפשר טאַקע געצעכט אויך מיט דיין חסידות.

און יוסף האָט אָנגעהויבן פאָרן צום ליובאַוויטשער רבין.

צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט חיימס פאָטער באַקומען אָן איינ־לאַדונג צו ווערן אַ רב אין גאָר אַ גרויסער און וויכטיקער קהילה. ער האָט אָבער אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך גענומען צום האַנדל. אים איז אַוועק גוט. ער איז געוואָרן רייך און זיך אַריבערגעקליבן אויף דער שליאָסער גאַס — אַ טייל פון גבירישן קוואַרטאַל, און זיך אויפגעפירט אויף גאָר אַ ברייטן שטייגער.

יוסף זשיטלאָווסקיס הויז ווערט באַרימט איבער דער שטאָט. דער יונגער גרויסער למדן איז צו גאַט און צו לייטן. אַ הייסער חסיד, פאָרט צום רבין אויף סוכות און האָט די חזקה צו ברענגען אין הויף דעם אתרוג אויף יום־טוב. אין צוואַנציקסטן כסליו קלייבט זיך צונויף ביי אים אין הויז די גאַנצע שטאָט חסידים און מען פראַוועט אַ גרויסע פייערלעכע חסידישע סעודה. דאַוונען דאַוונט ער, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ חסיד, מיט גרויס ברען און עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז שבת פאַרדאַוונט ער זיך ביז גאָר שפּעט נאָכמיטאָג. אין דער זעלביקער צייט אָבער לייענט ער אויך וועלטלעכע ביכער. עס קומען אָן די העברעאישע צייטונגען. שבת־צונאַכטס האָט ער ליב פאָרלייענען אויפן קול פון די צייטונגען פאַר דער פאַמיליע. ער לייענט פאַר שטיקלעכווייז גאַנצע ביכער אין יידיש פאַר דער משפּחה. און אַ פאָרלייענער איז ער געווען אַ גוטער, נאָכגעמאַכט די באַזונדערע טיפּן און סיטואַציעס, און די שטוביקע האָבן זייער הנאה געהאַט.

זיין פרומקייט האָט אים אויך ניט געשטערט צו באַזוכן דעם טעאַטער און די אָפּעראַ. אָפט האָט ער אַריינגעפלאָכטן אין דאַוונען ניגונים, וואָס ער האָט געהערט אין אָפּעראַ. ער האָט אויך אָפט איבערגעזונגען די אַריעס פון זיינע באַליבטע אָפּערעס פאַר די שטוביקע.

דאָס הויז האָט זיך געפירט רייך, ברייט, און חיים איז געוואַקסן פריי, זיך פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, פון קיינעם ניט געשטערט.

דער טאַטע פלעגט זיין גאַנץ אָפט אין וועג. ער פלעגט מאַכן אָפטע נסיעות קיין קעניגסבערג און ריגע. ווען ער פלעגט זיין אינדערהיים איז די שטוב געווען פול מיט מענטשן. חיים האָט ליב געהאַט זיך צוצוהערן

ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי

צו די געשפּרעכן וואָס דער טאַטע האָט געפירט מיט זיינע געסט. ניט אַלע מאָל האָט ער די געשפּרעכן פאַרשטאַנען, אָבער גאַנץ אָפט פלעגט מען אין די רייד פון תורה און חסידות אַריינפלעכטן לייכטערע שמועסן, דערהויפּט ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן דער איבערגעטריבענער פרומקייט פון אַ סך שטאָט־מענטשן.

איינמאָל, געדענקט ד״ר זשיטלאָווסקי, איז געקומען עפּעס אַ חסיד צו גאַסט און דערציילט אַ מעשה פון אַ יידן, וואָס איז געבליבן זיצן אין בית־מדרש שפּעט ביינאַכט. דער ייד לערנט געשמאַק אויפן קול, מיט אַמאָל פאַרווילט זיך אים אַ שמעק טאַבאַק. טוט ער אַ זאָג צו זיך:

— אַך, ווי גוט וואָלט געווען צו האָבן איצט אַ פול טאַבאַק־פּושקעלע מיט שמעק־טאַבאַק!

פון דעם פענצטער באַווייזט זיך אַ האַנט מיט אַ פול טאַבאַק־פּושקעלע און טראָגט עס צו דעם יידן צו דער נאָז. דער ייד איז געפאַלן אין חלשות. מען האָט אים אינדערפרי קוים אָפּגעמינטערט.

טוט אַ שמייכל חיימס פאָטער און זאָגט:

— יאָ, עס טרעפן אַזעלכע זאַכן. נאַפּאָלעאָן האָט זיך געפונען אין פּוילן. ער איז דאָן איינגעשטאַנען אין פאַרלאָזענע פּריצישע „פּאַקאָיעס״. זיצט ער אַזוי שפּעט ביינאַכט און מאָלט לאַנד־קאַרטעס: ער זיצט אַליין אין צימער, נאָר אַ לאָמפּ לייכט אויפן טיש. מיט אַמאָל האָט זיך צעלייגט אויפן טיש אַ לאַנגע רויטע צונג. נאַפּאָלעאָן טוט אַ קוק אויף דער צונג, שאַרט זי אַראָפּ פון טיש און שרייבט ווייטער. די צונג באַווייזט זיך ווייטער אויפן טיש, רוקט זיך צו נענטער צו נאַפּאָלעאָנען, גלייך אויף די פּאַפּירן. נאַפּאָלעאָן ווערט אין כעס, כאַפּט אַרויס די שווערד און צעהאַקט די צונג אויף צווייען. זיינען געבליבן ליגן צוויי שטיקלעך פלייש אויפן טיש. דאָס האָבן די לייטענאַנטן געמאַכט אַ צונג פון רויטן פּליוש, געמיינט אַז זיי וועלן איבערשרעקן נאַפּאָלעאָנען.

און דער פאָטער מיכל דערציילט באַלד אַ מעשה מיט שדים. ער ציט די מעשה ווי ער וואָלט געווען טויט ערנסט און לאָזט אויס מיט אַ שפּאַס אויף די שטאָט־באַלעבאַטים.

דער חסיד איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

## די גראַם

חיים איז ניט געווען אַזאַ שטיפער ווי זיין פאָטער איז געווען, אָבער ער איז געווען אַ לעבעדיק, פריילעך יינגל, וואָס האָט ליב געהאַט ווינטער דעם גליטש און זומער דעם טייך. ער איז אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון חברה אין אַנדערע שטיפערייען. אָבער מער ווי אַלץ האָט ער ליב געהאַט אַזעלכע שפּילן וואו עס פאָדערט זיך שאַרפקייט פון קאָפּ און פלינקייט פון שפּראַך. איין שפּיל האָט זיך גערופן „דער גראַם". די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן מיט אויסרופן אַ יינגלס נאָמען, דערנאָך מאַכן אַ גראַם. דער גראַם האָט געקאָנט זיין אַ באַליידיקונג, אָדער פאַרקערט. דער הויפּט שאַרפזין איז באַשטאַנען אין געפינען אַלע נייע ווערטער צוגעפּאַסט צום גראַם. אַ ביישפּיל:

— ברוך, ברוך איז מיינער.
— וואו האָסטו אים גענומען?
— אונטער אַ לאָדן.
— וואָס האָסטו אים געגעבן עסן?
— צימעס מיט פלאָדן.

און דאָס אַנדערע יינגל האָט געענטפערט:

— חיים, חיים איז מיינער.
— וואו האָסטו אים גענומען?
— אין קאָמאָד.
— וואָס האָסטו אים געגעבן עסן
— רויטע עפּל פון סאָד.

אָט איז וואָס באַליידיקט.

— ברוך, ברוך איז מיינער.
— וואו האָסטו אים גענומען?
— אין קלויסטער.
— וואָס האָסטו אים געגעבן עסן?
— אַ געפּרעגלטן פּאָליציימייסטער

און דאָס אַנדערע יינגל ענטפערט:

— חיים, חיים איז מיינער.
— וואו האָסטו אים גענומען?
—אין אַ הייל.
— וואָס האָסטן אים געגעבן עסן?
— ברויט מיט ריצנאייל.

## ד ר. ח י י ם  ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י

נאָך אַ שאַרפע שפּיל איז געווען די וואָרט־שפּיל.
איינער פלעגט אָנהייבן: —

ערשטער: אַ לונג איז ניט קיין לעבער.
צווייטער: אַ נעמער איז ניט קיין געבער.
ערשטער: אַ געבער איז ניט קיין נעמער.
צווייטער: אַ קוואָרט איז ניט קיין עמער.
ערשטער: אַן עמער איז ניט קיין קוואָרט.
צווייטער: ברוּיט איז ניט קיין טאָרט.

באַלד האָבן זיך באַוויזן צווישן די יינגלעך נייע שפּילן. ס'זיינען שוין געווען אין שטאָט יינגלעך, וואָס זיינען געגאַנגען אין גימנאַזיע, און זיי האָבן מיט זיך געבראַכט די נייע שפּילן. נאָסקע כייקין איז געווען איינער פון יענע יינגלעך און ער האָט איינגעפירט צוויי שפּילן, וואָס האָבן סוף־כל־סוף אַרויסגעשטופּט די אַנדערע שפּילן. די צוויי נייע שפּילן זיינען געווען „דער פּאַראַד" און „די קלאַסן". אין שפּיל „פּאַראַד" האָבן זיך די יינגלעך געמושטירט ווי אמתע סאָלדאַטן. נאָסקע איז געווען דער גענעראַל און ער פלעגט נאָכמאַכן, מיט אַלע פּיטשעווקעס, די תנועות פון אַן אמתן גענעראַל.

„די קלאַסן". די יינגלעך פלעגן זיך צעזעצן אויף בענקלעך געמאַכט פון ברעטער, ווי אין אַן אמתן קלאַס, און נאָסקע פלעגט מיט אַלע פּיטשעווקעס פון אַן אמתן לערער טאָקע אויף אַן אמתן לערנען לייענען, שרייבן און רעכענען — אַלץ אויף רוסיש.

אין יענער צייט איז די פירונג אין הויז אַלץ געוואָרן מער גביריש. די סעודות און די גרויסע חסידישע שמחות ווערן ׳שטילער, דער פאָטער ווערט אַלץ מער דערווייטערט פון חסידות. ער דאַוונט שוין ניט אַזוי לאַנג, און זיינע אָפטע נסיעות צום רבין הערן אויף. צו חיימען נעמט מען אַריין אַ רוסישן לערער. חיים הייבט אָן לייענען רוסיש און ווערט פאַרכאַפּט פון דער רוסישער ליטעראַטור. ער הייבט אָן ׳שוין רעדן רוסיש. צו בר־מצוה אָבער האָלט ער נאָך אַ שיינע דרשה און מען מאַכט אַ גרויסאַרטיקע סעודה.

צו דער בר־מצוה האָט זיך חיים באַקאַנט מיט שלמה זאַנוול ראַפּאַפּאָרט — אָדער ווי ער איז שפּעטער באַוואוסט געוואָרן אונטערן פּסעוודאָנים ש. אַנ־סקי, און באַלד נאָך בר־מצוה טרעט אַריין חיים אין דער גימנאַזיע.

# שלום אַש

**לויט מינדלעכע מיטטיילונגען פון מאַדאַם אַש, און לויט שלום אַשעס ר׳ שלמה נגיד, דאָס שטעטל און זיין אויטאָביאָגראַפיע**

# שלום אַש

שלום אַש איז געבוירן געוואָרן אין נאָוועמבער 1880 אין קוטנע, אַ קליין שטעטל אין פוילן. זיין מוטער, מלכה, איז געווען די צווייטע פרוי ביי זיין פאָטער, ר׳ משה. די משפחה איז געווען אַ גרויסע. פינף קינדער פון דער ערשטער פרוי און צען קינדער פון דער צווייטער פרוי. שלום אַש איז דאָס צענטע קינד ביי זיין טאַטן, און דאָס פינפטע קינד ביי זיין מאַמען.

שלום אַש איז געווען אַ פּעאיק און אַ פרום יינגל. פריער האָט ער געלערנט אין חדרים, נאָכדעם אין אַ ישיבה. גאָר יונג איז ער אַוועק פון דער היים און געוואָרן אַ לערער אין אַ דאָרף. פון דאָרף איז ער אַוועק אין שטעטל וולאָצלאַוועק, לעבן דער דייטשישער גרענעץ און זיך פּאַרנומען מיט שרייבן בריוו פאַר די וואָס האָבן אַליין ניט געקענט שרייבן. דערנאָך איז ער אַוועק אין דער גרויסער וועלט. גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן שרייבן. צוערשט אין העברעאיש, דערנאָך אַ שלעכטן דייטש און נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען שרייבן העברעאיש.

אונטער דעם איינפלוס פון י. ל. פרץ האָט ער אָנגעהויבן שרייבן יידיש. ביז איצט זיינען שוין דערשינען צוויי און דרייסיק בענד, דערציילונגען, דראַמעס, ראָמאַנען און רייזע באַשרייבונגען.

זיינע ביכער זיינען איבערגעזעצט אויף אַ סך שפּראַכן, און זיינע דראַמעס זיינען געשפּילט געוואָרן אין סך לענדער.

אין די פערציק יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז שלום אַש זייער פיל אַרומגעפאָרן און באַזוכט אַ סך לענדער. ער האָט געוואוינט אין פוילן, רוסלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע. איצטער וואוינט שלום אַש מיט זיין פרוי אין אַ פאָרשטעטל פון סטעמפאָרד, קאָנעטיקאָט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. זיי האָבן פיר קינדער: דריי זין און איין טאָכטער.



שלום אַש

# דער טאַטע און דער הייליקער שבת

אַ גרויסע טומלדיקע שטוב. די טיר פון שטוב איז אָפן טאָג און נאַכט, ווי אין אַ גאַסט־הויז. ברויט און זעמל זיינען ניט פאַרשלאָסן. אַלץ וואָס איז פאַראַן אין קיך איז פריי ווי וואַסער אין טייך. פוטער און רעטעך, זויערמילך און קאַרטאָפּל זיינען שטענדיק דאָ אין קעלער. ווער עס וויל קומט אַריין אין שטוב און זעצט זיך וואו ער וויל. פאַראַן אפילו יונגע לייט, וואָס קומען אין שטוב זיך צושפּאַרן אויף דער סאָפקע און כאַפּן אַ נאָכמיטאָגדיקן דרימל.

שטענדיק זיינען דאָ מענטשן אין הויז. מען ווייס ניט ווער עס איז אַן אייגענער און ווער עס איז אַ פרעמדער. קומט די צייט פון עסן, ווערט דער טיש געגרייט פאַר אַלעמען גלייך. יידן וואַשן זיך און זעצן זיך אויס אַרום דעם טיש. די באַלעבאָסטע און די דינסטן דערלאַנגען מי־טאָג און ס'איז אַלעמאָל גענוג פאַר אַלעמען. עס פעלט חלילה ניט אויס.

דער הויף אַרום שטוב איז אַ ברייטער, אַ רחבותדיקער. שטאַלן פאַר פערד, בהמות און אָקסן. שפּייכלערס פאַר אַלערליי תבואות. אַ באַ־זונדערער פּלאַץ איז אָפּגעצאַמט אין הויף פאַר שעפּסן. לעבן שטאַל שטייט אַ בודקע, לעבן בודקע אויף אַ קייט ליגט אַ גרויסער קודלעוואַטער הונט. לעבן די אָפענע טירן פון גרויסן שפּייכלער שטייט אַ גרויסע וואָג. האַרט ביים פּלויט ליגן אָנגעוואָרפן איינע אויף די די אַנדערע גראָבע קלעצער און ניט קיין געהובליעוועטע ברעטער. ייגגלעך קריכן אַרום איבער דעם אָנגעוואָרפענעם געהילץ און קערן אַ וועלט. אַ מחנה טויבן פלאַטערט איבערן הויף, און אַ יונג, אָנגעטאָן אין הויכע גלאַנציקע שטיוול, האַלט אַ לאַנגן שטעקן און קאָמאַנדעוועט מיט זיי.

עס איז פרייטיק אין דער פרי און עס איז אַ מוראדיקער טומל. אין קיך שטייען די דינסטן מיט דער קעכין און אַרבעטן אויף אַלע כלים. עס איז ערב שבת און מען דאַרף אָנגרייטן עסן, אַז עס זאָל זיין גענוג אויף אַ גאַנצן שבת. ווער ווייס וויפל מען דאַרף אָנקאָכן? משה סוחר, דער באַלעבאָס פון שטוב, איז אַלעמאָל אונטערוועגנס. אויף שבת קומט ער אַהיים. אויפן וועג אַהיים, פירט ער זיך, אַז וויפל אָרעמעלייט ער באַגעגנט אויפן וועג, נעמט ער זיי אַרויף אויף דער פור און ברענגט זיי צו זיך אויף שבת. פרייטיק צונאַכט נאָך דעם דאַוונען בלייבט ער אין שול דער

לעצטער. וויפל אָרעמעלייט עס בלייבן, נאָך דעם ווי יעדער באַלעבאָס האָט געגומען אַן אורח אויף שבת, ברענגט ער זיי צו זיך אַהיים.

אין שטוב גרייט מען טישן. דער הויפּט־טיש איז צוגעדעקט מיט אַ פיינעם טישטוך. זילבערנע גאָפּל, מעסער און לעפל ליגן אָנגעגרייט פאַר יעדן קינד. שיינע זילבערנע לייכטער שטייען אין מיטן טיש. אַ פלאַש מיט רויטן ווייַן פינקלט לעבן די לייכטער. לעבן טיש זיינען צעשטעלט לאַנגע טישן מיט מעשענע גאָפּל־מעסער, פאַר די אורחים. אפילו אַזאַ רייכער ייד, ווי משה סוחר, קאָן ניט האָבן קיין זילבערנע געשיר פאַר אַזויפיל מענטשן. דאָס עסן איז אָבער פאַר אַלעמען גלייך.

די שיינע פרייטיק צונאַכטן ביי ר׳ משהן אין הויז זיינען באַוואוסט אין גאַנצן שטעטל. מלכה, ר׳ משהס יונגע, צווייטע פרוי, ווייס, אַז די שבתים דאַרפן אָפּגעהיט ווערן אַזוי ווי איר מאַן פאַרלאַנגט. באַלד נאָך דער חתונה איז איר געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו אָט דעם פירעכץ. איר איז געווען פריקרע וואָס פרייטיק צונאַכט איז אין הויז נאָך אַ גרעסערער טומל ווי אין מיטן דער וואָך. די צעשטעלטע טישן מיט די וואָכעדיקע מעשענע גאָפּל, מעסער און לעפל, די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אָרעמעלייט האָבן איר געשטערט דעם שבת. זי איז געוואוינט געווען, אַז אין איר טאַטנס יחוסדיקן הויז איז שבת שטיל, שיין, אַלץ צוגעפּוצט און אַוועקגעלייגט אויף זיין ריכטיקן אָרט. דאָ, ביי איר רייכן מאַן, רייסט זיך דאָס וואָכעדיקע אַריין אין שבת.

זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אין שטוב אָפּהיטן שבת ווי זי וויל. האָט זי איינמאָל, פאַר ליכט בענטשן, געהייסן די דינסטן גרייטן באַזונדערע טישן פאַר די אורחים, אין קיך. פאַר איר און איר מאַן און די קינדער האָט זי געגרייט אַ רייכן טיש אין גרויסן זאַל, ווי אַמאָל.

ר׳ משה איז געקומען אַהיים פון שול מיט זיינע אָרעמעלייט, דערזען די באַזונדערע געדעקטע טישן אין קיך פאַר די אורחים, האָט ער ניט געוואָלט פאַרשטערן דעם שבת און האָט געשוויגן. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעזונגען „שלום עליכם", איז ער שטיל, אָן ווערטער, צוגעגאַנגען צו זיין רייך געדעקטן טיש, האָט אַראָפּגענומען די פלאַש ווייַן און זיין בעכער און זיי אַוועקגעטראָגן אין קיך אַריין . . . דאָרט האָט ער געמאַכט קידוש און זיך אַוועקגעזעצט צווישן די אָרעמעלייט. די קינדער האָבן דערזען, אַז דער טאַטע איז אין קיך, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אויך אַוועק צו די אורחים. די דינסטן האָבן אַריבערגעטראָגן אין קיך

די שטולן, די טעלער, לעפל, גאָפל און מעסער און דערלאַנגט דאָס עסן. אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם אָרעם געדעקטן טיש מיט די מעשענע לייכטער. די גרויסע רייכע זילבערנע לייכטער האָבן גע־ברענט איינזאַם און פאַרשעמט אין דער גרויסער שטוב, אויף דעם געהויבענעם טיש.

דער עולם איז געזעסן שטיל, יעדער איינער האָט געזען, אַז דאָס יונגע ווייבל איז פאַרשעמט געוואָרן. ר׳ משה האָט אָבער אַלעמען באַ־באַרואיקט מיט זיינע פריינדלעכע רייד. ער האָט זיך געשפילט מיט די קינדער, געגלעט די מיידלעך איבער די קעפּלעך און געפרעגט די יינגלעך וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר. ער האָט אויך באַרואיקט זיין פרוי מיט ליבלעכע בליקן און אָנגעהויבן זינגען זמירות מיט דעם פריילעכן שבתדיקן ניגון. באַלד האָבן אַלע פאַרגעסן, אַז זיי זיצן אין קיך און עס איז געוואָרן שבתדיק פריילעך, ווי אַלעמאָל.

שפּעטער, ווען ר׳ משה איז געבליבן אַליין מיט זיין יונג ווייבל, מלכה, האָט ער צו איר געזאָגט: — איך ווייס, אַז דו ביסט היינט פאַרשעמט געוואָרן. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אַן אורח איז דאָך געגליכן צו גאָט. אַז מען גיט אָפּ כבוד אַן אורח, איז דאָס דאָס זעלביקע ווי מען גיט אָפּ כבוד גאָט. איך פרעג דיך, ווער וואָלסטו בעסער געוואָלט זאָל פאַרשעמט ווערן — דו צי דער האַר פון אַלע וועלטן?

דאָס יונגע ווייבל האָט שטיל געענטפערט: — דו ביסט גערעכט, מיין מאַן. לערן מיך, משה, לערן מיך ווי אַזוי צו גיין אין גאָטס וועגן. איך וועל פאָלגן.

פון דאַן אָן האָט זי אָפּגעהיט די שבתים ווי איר מאַן האָט פאַרלאַנגט.

## אַ האַרבע פראַגע

דער קליינער שלום האָט ליב געהאַט די הכנות (צוגרייטונגען) אויף שבת. דער פרייטיק איז ביי אים אויך פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ טייל פון שבת. אים האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע וואָך איז געשאַפן געוואָרן נאָר כדי דער שבת זאָל זיך מער אַרויסווייזן צווישן די וואָכעדיקע טעג, מיט זיין גרויסער פייערלעכקייט.

פרייטיק ווערט היימלעך אין שטעטל. באַלמעלאָכעס טראָגן אָפּ די לעצטע שטיקלעך אַרבעט צו די באַשטעלער. די לערן־יינגלעך כאַפּן ביר־

געלט, און פאַר די אָרעמע גראָשנס לויפן זיי אין די קראָמען נאָך נייע שניפּסלעך אָדער קראַגנס. אַלץ איז ערב־שבתדיק. לייכטע וואָלקנס טראָגן זיך איבערן קלאָרן הימל פון שטעטל. זיי איילן זיך אַהיים אויף שבת. פייגל פליען איבער די דעכער מיט אַ צווישטשעריי און אַ טומל. דאָס זאָגן זיי אָן די אַנדערע פייגל, אַז זיי זאָלן זיין גרייט: דער הייליקער שבת קומט באַלד אָן. יידן אויסגעפּוצטע אין שטריימלעך, שיך און ווייסע זאָקן שפּאַצירן אום רואיק אין שטעטל. די ווייבער און מיידלעך זיינען פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט. אומעטום איז קאַנטיק, אַז היינט איז פרייטיק, ערב אַ גרויסן טאָג.

שוין נאָכמיטאָג ווערט דאָס יינגל אומרואיק און אומגעדולדיק. ער וויל, אַז די זון זאָל וואָס שנעלער פאַרגיין און עס זאָל זיין שבת.

נאָר איינער האָט אים געשטערט צו געניסן פון שבת — דאָס איז געווען דער אָרעמער קריסט, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין הויז אין קעלער. שלום האָט געמיינט, אַז אַלע קריסטן זיינען אַזעלכע אָרעמע. זיי זיינען אַזוי אָרעם, ווייל זיי גלויבן ניט אין דעם יידישן גאָט. ס'איז אַ רחמנות אויף די ניט־יידן, וואָס האָבן ניט קיין שבת. צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן אַנדערע מענטשן אויסער יידן?

שבת ביינאָג איז זיך די פאַמיליע צעגאַנגען. דער טאַטע איז אַוועק שלאָפן, די עלטערע ברידער — שפּאַצירן. די מאַמע, נאָך אַ קורצן דרימל, האָט זיך געזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן לייענען דעם טייטש־חומש. שלום איז געזעסן ביים פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אין הויף. דער שטוב-גוי איז געשטאַנען לעבן שטאַל און האָט זיך געפּאַרעט אַרום די פערד. דאָס יינגל האָט געקוקט אויף דעם אָרעמען, וואָכעדיקן אָנטאָן פונעם פויער, און טרערן האָבן זיך געשטעלט דעם יינגל אין די אויגן: פאַרוואָס זאָל, נעבעך, גאָטס אַ באַשעפעניש אַזוי געשטראָפט ווערן? פאַרוואָס? האָט דער יונג געוויינט אין זיך.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און צופנדיק זי ביים אַרבל, האָט ער וויינענדיק געפרעגט:

— מאַמע, פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן יידן און גוים אויף דער וועלט? פאַרוואָס?

די מאַמע האָט אים אַ ווילע אָנגעקוקט, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געענטפערט:

— הער מיך אויף צו דערעסן מיט דיינע פראַגעס. איך האָב קיין אַנדערע זאַכן ניט וואָס צו טראַכטן?

## אַלץ די זעלביקע פראַגע

דעם פֿאָטערס שטאַרקסטער וואונטש איז געווען, אַז איינער פון זיינע זין זאָל אויסוואַקסן אַ וואויל־קענער, אַ לערנער, אפשר גאָר אַ רב. צו די זין פון דעם ערשטן ווייב האָט זיך דאָס לערנען ניט געקלעפּט. זיי זיינען אויסגעוואַקסן פרומע יידן, אָבער קנאַפּע קענער. פון די זין פון דעם צווייטן ווייב האָט ער אויך קיין נחת ניט געהאַט. די יונגען האָבן ליב געהאַט זיך פאָרען אַרום די פערד, חברן זיך מיט שקצים. איינער פון די יונגען האָט געהאַדעוועט טויבן אויפן בוידעם און אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק האָט ער פאַרפירט אַ געשלעג מיט דעם בעקער פון שטעטל, וואָס האָט אויך געהאַדעוועט טויבן. דער איינציקער וואָס איז פרום און היט אָפּ שטרענג אַלע געבאָטן און האָט נאָך דערצו אַ שטאַרקן ווילן צו לערנען, איז שלום. ער איז אַ יינגל מיט אַ פייערדיק קעפּל, און די מלמדים קאָנען זיך פון אים ניט אָפּלויבן.

דער טאַטע קוועלט אָן. גאָט האָט אים געהאָלפן. איין קינד וועט זיין אַ למדן. איין קינד וועט זיצן און לערנען גאָטס תורה.

ער אַליין, משה סוחר, איז אַ פּראָסטער ייד. ער קאָן קוים פאַרשטיין אין די שוואַרצע פּינטעלעך. פאָרן פאָרט ער צו אַ פּראָסטן רבין, וואָס מען רופט אים „דער תהילים־ייד". אַז צו דעם רבין פלעגט קומען אַ ייד און אויסגיסן זיין ביטער האַרץ — פרנסה איז געשלאָגן, דאָס ווייב איז קראַנק, די קינדער זיינען אין דער פרעמד, — פלעגט זיך דער רבי אַוועקשטעלן מיט דעם יידן אין אַ ווינקל און אָנהייבן זאָגן תהילים מיט אים. דער רבי אַ פּסוק, און דער ייד אַ פּסוק. ווען דער ייד האָט דערהערט מיט וואָס פאַר אַ ברען דער רבי טענהט זיך אויס מיט גאָט, איז זיין געמיט גרינגער געוואָרן און ער איז אַוועק אַ באַרואיקטער, אַ געטרייסטער. דערפאַר האָט מען דעם רבין גערופן „דער תהילים־ייד". למדנים און גבירים האָבן פון דעם רבין ניט געהאַלטן, אָבער די פּרויען, באַלמעלאָכעס, סתם פּראָסטע באַלעבאַטים האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די שיינע יידן און זיינען געפאָרן צו אים מחנותוויז.

שלומס טאַטע איז אַ געהויבענער באַלעבאָס. די חסידים און די שיינע יידן האָבן אים געוואָלט צוציען צו זיך, אָבער ער האָט זיי ניט ליב געהאַט. ער האָט געזאָגט: — איך ניט. אפשר מיינע קינדער אַמאָל. מיינען האָט ער געמיינט דאָס יינגערע יינגל זיינס — שלומען.

## שלום אַש

אָבער אויך שלום איז ניט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט פון לערנען גמרא. ער האָט ליב צו זיין אין הויף, דערהויפּט ווען מען ברענגט צו טרייבן שעפּסן. נאָך מער ווי שעפּסן, האָט דאָס יינגל ליב געהאַט וואַסער און עפּל און פעלד און וואַלד. גאַנץ אָפט האָט ער פאַרפעלט אַ טאָג צו גיין אין חדר; אַוועק אין פעלד, געלעגן אין די הויכע גראָזן און זיך צוגעקוקט צום בלויען הימל, צו די לויפנדיקע וואָלקנס און צו די פליענדיקע פייגל. אַמאָל פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן באָדן אין טייך אָדער אַריינגנבענען זיך אין אַ סאָד רייסן עפּל.

עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף אים. דער טאַטע איז אַלעמאָל געווען אונטערוועגנס, אַרומגעפאָרן איבער די דערפער איינצוקויפן שאָף און רינדער. ער פלעגט נאָר קומען אַהיים אויף שבת. די מאַמע איז געווען שטענדיק פאַרנומען מיט דער גרויסער שטוב און מיט די קינדער.

די איינציקע וואָס האָבן אויף אים געהאַלטן אַן אויג זיינען געווען די ברידער. ווען זיי האָבן אים געזען אין הויף אַרום די שעפּסן, אָדער אַרום הינט, האָבן זיי געהויבן הענט — געגעבן פּעטש. זיי האָבן זיך געקאָכט: דו אויך? מילא מיר — פאַרפאַלן. אָבער דו ביסט דאָך דער לערנער. דיך וויל דאָך דער טאַטע מאַכן פאַר אַ רב, און דו שפּילסט זיך גאָר מיט שעפּסן, מיט הינט. אין חדר אַריין, צו דער גמרא גיי!

אָבער שלום איז געווען אַ פלינק יינגל און האָט זיך גאַנץ גרינג אַרויסגעדרייט פון זיי.

דער טאַטע האָט זיך געשפּיגלט אין שלומען. ער האָט אים אפילו גע־קליידט אַנדערש פון אַלע זיינע אַנדערע יינגלעך. שלום האָט געמוזט טראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, פּיאות און אַ קליין פוילישׁ ייִדיש היטעלע.

שלום איז געווען פרום, אָבער אַ טאָג אין חדר האָט ער גאַנץ אָפט פאַרפעלט. טרעפט איינמאָל, אַז ער גנבעט זיך אַרויס פון חדר און גייט אַוועק צום טייך זיך באָדן. נאָכן באָדן זיך איז ער אַוועק אין פעלד און זיך אַוועקגעלייגט מיטן פּנים אַרויף, צווישן די הויכע גראָזן. ער איז געלעגן און געקוקט אויפן הימל, מיט אַמאָל איז אַנגעלאָפן אַ גאַנצע כאַפּטע שקצים און אָפּגעשטעלט זיך לעבן שלומען. שלום האָט זיך ניט דער־שראָקן. ער איז געוואוינט געווען צו ניט־ייִדישע יינגלעך אין טאַטנס הויף. אָבער פלוצלונג טוט איינער פון דער כאַפּטע אַ זאָג:

— טוט נאָר אַ קוק אויף דעם קליינעם יידעלע. זעט נאָר ווי ער איז אַנגעטאָן. זאָג נאָר מיר, יידליק: פאַרוואָס האָסטו געהרגעט יעזוסן?

קוקט אים אָן שלום מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן און שוויגט. ער פאַרשטייט ניט אפילו וואָס מען רעדט צו אים. ווער איז דאָס יעזוס?

טוט אים דער שייגעץ אַ שטורכע:

— ענטפער דו, יידל, אַז מען רעדט צו דיר!

שוויגט שלום.

טוט אים דער שייגעץ אַ פלאַם גלייך אין פנים און טוט אַ געשריי:

— ענטפער!

צעוויינט זיך שלום:

— איך האָב קיינעם ניט געהרגעט.

— אַזוי, וועסט נאָך דערצו ליגן זאָגן, צעקאָכט זיך דער שייגעץ, זאָג דעם אמת, האָסטו געהרגעט יעזוסן, אונדזער גאָט?

— ניין, שרייט שלום.

— שלאָגט, זאָגט דער שייגעץ.

חברה האָט געשלאָגן ביז שלום האָט געמוזט צוגעבן, אַז ער האָט געהרגעט יעזוסן. זיי האָבן אים אָפגעלאָזן. דאָס יינגל איז אַוועקגעלאָפן אַהיים אַ צעקיילטער, אַ צעביילטער און אַ ווייגענדיקער, מער פון פאַרדרוס ווי פון ווייטיק. פאַרוואָס האָבן זיי אים געשלאָגן? ווער איז דאָס יעזוס? און פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן יידן און גויים?

---

שלום איז עלטער געוואָרן. ער ווייס שוין אַז ניט אַלע קריסטן זיינען אָרעם און דינען ביי יידן. פאַרקערט, ער ווייס אַז די גויים באַהערשן די וועלט און אַז יידן זיינען אין גלות, יידן ווערן געפּלאָגט: יידן מוזן זיך האַלטן נידעריקער פון גראָז און שטילער פון שעפסן. דאָס וואָס די שקצים האָבן אים געשלאָגן אין פעלד איז ניט קיין צופאַל. אַלעמאָל און אומעטום ליידן די יידן. ניט נאָר יידישע יינגלעך האָבן מורא פאַר גויים, נאָר אויך דערוואַקסענע יידן. ווען עס קומט דער „גרינער דאָנערשטיק" (אַ קריסט־לעכער יום־טוב) פאַלט אָן אויף אַלע יידן אַ שרעק. די גויים לאָזן זיך איבער די גאַסן מיט פאַראַד, מיט קירכלעכע פאָנען און געזאַנג. די יידן פאַרהאַקן טיר און טויער און פאַרהענגען די פענצטער. זיי האָבן מורא אפילו אַרויסצוקוקן אויף דער גאַס.

שלום ווייס אַז די קריסטן זיינען די באַלעבאַטים פון דער וועלט. ער

איז אָבער זיי ניט מקנא. ער איז זיכער, אַז צוליב דעם וואָס עס איז זיי גוט אויף דער וועלט, פאַרלירן זיי יענע וועלט. אויף זיי וואַרטן די שרעקלעכסטעליידן פון גיהנום. ער זיצט אַ פאַרשפאַרטער אין שטוב אין דעם „גרינעם דאַנערשטיק". פון דרויסן הערט זיך אַ קירכלעך געזאַנג און אַ טופען פון הונדערטער פיס. דאָס יינגל שעפּטשעט שטיל: פאַרוואָס האָסטו זיי, גאָט, אומגליקלעך געמאַכט און זיי באַשאַפן ניט קיין יידן? וואָס איז זייער שולד וואָס זיי זיינען אַזוי געבאָרן געוואָרן? איך אַליין האָב דאָך חלילה געקאָנט ווערן ניט קיין ייד. גאָט, גאָט, האָב רחמנות אויף זיי.

## שלום הייבט אָן שרייבן לידער און דראַמעס

דאָס לערנען גמרא איז אים אַלץ מער מיאוס געוואָרן. אַן אומרואיקייט איז באַפאַלן דאָס יינגל. ער האָט דערפילט אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט פול מיט שטעט און מענטשן. ער האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט דער וועלט. אָבער ווי אַזוי? קיין אַנדערע ביכער אַחוץ די אַלטע רעליגיעזע ספרים האָט ער ניט געקאָנט לייענען. די דיקע גמרות און די אַלטע פאַרגעלטע ספרים דערציילן זאַכן פון אַלטע צייטן. דאָס וואָס ער האָט געוואָלט וויסן פון דער איצטיקער וועלט האָט ער ניט געקאָנט אויסגעפינען.

ער איז נאָך אַלץ געווען פרום, אָבער מאָדנע געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ. ער האָט געדאַוונט הייס און לאַנג צוגעגעבן צו די תפילות פון סידור זיינע אייגענע געבעטן אויף פּראָסט יידיש: גאָט, העלף מיר, שלומען פון קוטנע, אַז איך זאָל בייקומען מיינע ספקות און איך זאָל ניט אַראָפּ פון גלייכן וועג.

אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער. ער האָט זיי געשריבן אין אַ שלעכטן העברעאיש מיט אַ געמיש פון אַראַמעאישע ווערטער (די שפּראַך פון תלמוד). ער האָט אין זיינע לידער נאָכגעמאַכט די געזאַנגען פון תהילים. קיין פּאַפּיר האָט ער ניט געהאַט. וואו צו שרייבן אויך ניט. אַ יידיש יינגל וועט זיך דאָך ניט זעצן אין שטוב גלאַט אַזוי שרייבן. מען וועט דאָך אים האַלטן פאַר אַ צעדרייטן. האָט דערפאַר שלום געשריבן אויף די ליידיקע בלעטער וואָס קומען פאַר די שער־בלעטלעך פון די גמרות. ער האָט די לידער געשריבן אין בית־מדרש, ווען קיינער איז דערביי ניט געווען.

דורך אַ צופאַל האָט שלום באַזוכט דריי טעג אַן אַלגעמיינע שול. אין די דריי טעג האָט ער זיך אויסגעלערנט דעם דייטשן אַלף־בית און אויך

דעם פוילישן. דאָס איז פאַר אים געווען גענוג זיך אויסצולערנען דייטש. ס'איז אַזוי געשען: צווישן די געציילטע ביכער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם גלעזערנעם ספרים־שענקל ביי זיי אין שטוב, האָט זיך געפונען אַ תהילים איבערגעזעצט אין דייטש פון משה מענדעלסאָן. דער דייטשער טעקסט איז געווען געדרוקט מיט יידישע אותיות. שלום האָט זיך צוגעצ־כאַפּט צו דער איבערזעצונג ווי צו אַן אוצר. דעם אינהאַלט פון תהילים האָט ער גוט געקאָנט אין העברעאיש, איז פאַר אים געווען גרינג אויפצו־כאַפּן די דייטשע איבערזעצונג. ער האָט אָנגעהויבן אויסחזרן דעם דייטשן טעקסט אויף אויסווייניק. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט אַביסל דייטש.

אין יענער צייט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ רייך יינגל מיטן נאָמען אַברהמל. זיין פאָטער איז געווען אַ היינטוועלטיקער. ער האָט געקאָנט דייטש און פאַרמאָגט דייטשישע ביכער. שלום האָט אָנגעהויבן נעמען ביי זיין חברס טאַטן דייטשישע ביכער צום לייענען.

שלום האָט זיך צוגעכאַפּט צו די פרעמדע ביכער ווי אַ הונגעריקער צו פרישע בייגל. ער האָט געלייענט לעסינג, היינע, שילער און געטע. איבערהויפּט זיינען אים געפעלן געוואָרן צוויי דראַמעס: שילערס „די רויבער" און געטעס „פאַוסט". די ביכער האָבן אין אים דערוועקט דעם אמתן דראַנג צו שרייבן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז קיין גראַמען קאָן ער ניט שרייבן, אָבער דראַמעס, אַזעלכע ווי „די רויבער" און „פאַוסט" קאָן ער זיכער שרייבן.

## שלום ווערט געכאַפּט

אָבער די עלטערע ברידער, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף דעם לערנער, האָבן דערשפּירט אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים. זיי האָבן אים אָפּגעהיט און אויסגעפונען, אַז שלום, ווען דער טאַטע וויל מאַכן פאַר אַ רב, באַהאַלט גאָר טריפה, גויאישע ביכלעך אונטער דער גמרא. ער פאַלשעוועט אין לערנען. ער שאָקלט זיך כלומרשט איבער דער גמרא און לייענט גאָר ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשות אין דייטש. ער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשן, זוכן, אָנגע־הויבן טרייסלען די קעשענעס. ווײ און ווינד! ניט נאָר געדרוקטע ביכ־לעך אין דייטש האָבן זיי געפונען, נאָר אויך אייגענע פאַרפאַסונגען אין דייטש. זיי האָבן דעם יונג געגעבן פּעטש, אַז פונקען זיינען געפלויגן. נאָך

## שלום אש

די קלעפּ האָבן זיי פאַרברענט די דייטשישע ביכער אינאיינעם מיט די פאַרשריבענע העפטן. נאָכן פאַרברענען האָבן זיי ווייטער געשלאָגן.

ס'איז שלומען געוואָרן שלעכט און ביטער. זיין חברס פאָטער האָט צוליב דעם שאָדן וואָס ער האָט געהאַט אים מער ניט אַנטליען קיין ביכער. אָן ביכער האָט שלום געפילט אַז זיין לעבן איז קיין לעבן ניט. ער מוז אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד אָדער פאַרלאָזן דעם טאַטנס שטוב. "זעלבסטמאָרד באַגיין, נעמען זיך דאָס לעבן", דערציילט שלום אַש, "האָט ער ניט געהאַט קיין חשק", האָט ער פאַרלאָזן דאָס הויז און אָנגענומען אַ שטעלע פון אַ לערער אין אַ דערבייאיקן דאָרף, ביי אַ לייבלעכן קרוב.

## אין דאָרף

אין דאָרף האָט זיך שלומען געלעבט גוט. די אַרבעט איז אים ניט געפאַלן שווער. צייט פאַר זיך האָט ער געהאַט גענוג. אין די פרייע שטונדן האָט ער שפּאַצירט אין וואַלד און אין פעלד. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך נאָענט באַקאַנט מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור. זומער איז געווען שיין אין דאָרף. נאָך שענער איז געווען ווינטער. ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן איבער די שניי־באַדעקטע פעלדער און אין די ווייסע וועלדער. נאָכן שפּאַצירן פלעגט ער אָפט פאַרגיין צו אַ פּויער. ער האָט זיך נאָענט באַקאַנט מיט דעם פּויערשן לעבן. עס איז געווען אַ גליקלעך יאָר. ער איז געווען נאָענט צום בוים און זאַנג, וואַלד און פעלד און קיינער האָט אים ניט געשטערט.

עס האָבן אָבער אים אויסגעפעלט ביכער. קויפן האָט ער ניט געקאָנט, ווייל ער האָט באַשלאָסן קלייבן געלט כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס אַוועקצופאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט. אָבער מער ווי צוויי חדשים האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט אָנגעהויבן אויסשרייבן ביכער. קיין סך ביכער האָט ער פון זיין אָרעמען געהאַלט ניט געקאָנט זיך איינשאַפן. אָבער ער איז שפּעטער אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַרומיקער נאַטור און פון נייעם לעבן פון די פּויערים, וואָס האָבן זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, אַז די ביכער האָבן אים ניט אַזוי שטאַרק געפעלט.

## שלום ווערט אַ בריוו־שרייבער

נאָך אַ יאָר אָפּזיין אין דאָרף האָט שלום ניט געוואָלט אומקערן זיך צוריק אַהיים צום טאַטן. אין יענער צייט איז דער טאַטע געווען שטאַרק

פאַראָרעמט. ער איז פאַראָרעמט געוואָרן צוליב זיין ערלעכקייט. ער האָט קיינמאָל ניט געפירט קיין ריכטיקע געשעפט־ביכער, געגלייבט יעדן איינעם אויפן וואָרט. ער האָט זיך געהיט ניט פאַרנעמען יענעמס אַ גראָשן. איינ־מאָל ווען ער האָט געפירט אַ שיף מיט אָקסן קיין דייטשלאַנד האָט אויס־געבראָכן אַ מגפה צווישן די רינדער. ער האָט פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַר־מעגן. אָבער זיינע חובות האָט ער געצאָלט. האָט ער פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, אַפילו די זילבערנע לייכטער, און אויסגעצאָלט יעדן איינעם וואָס האָט געמאָנט.

די שטוב האָט פאַרלאָרן איר אַמאָליקן גלאַנץ. די פרייטיק־צונאַכטן און מלווה־מלכות האָט אָבער דער טאַטע אָנגעהאַלטן.

שלומען האָט געצויגן אין דער ווייטער וועלט. און ער איז אַוועק אין דער שטאָט וולאָצלאַוועק, האַרט ביי דער דייטשישער גרענעץ. דאָרטן האָט ער געקאָנט קריגן וויפיל ביכער זיין האַרץ האָט געגלוסט, אָבער קיין פרנסה האָט ער ניט געהאַט. צום אָרעמען טאַטן האָט ער ניט געוואָלט שרייבן, האָט ער טאַקע אונטערגעהונגערט.

אַ שטעלע אַלס לערער, אָדער קריגן „שטונדן" האָט ער ניט געקאָנט באַקומען. אין אַט דער פּראָווינץ־שטאָט זיינען געווען מער דערפאַרענע לערער ווי ער. באַלד אָבער האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ נייע פרנסה — בריוו שרייבן. דורך אַ צופאַל איז צו אים געקומען אַ לעדער־אַרבעטער און אים געבעטן אַז ער, שלום אַש, זאָל אָנשרייבן פון זיינעטוועגן אַ בריוו צו זיין כלה. אַש האָט אים נאָר געפרעגט דעם נאָמען פון דער כלה, דאָס איבעריקע האָט ער שוין אַליין באַזאָרגט. עס איז אַרויסגעקומען אַ שיינער בריוו, וואָס האָט געווירקט אויף דער כלה. דער לעדער־אַרבעטער האָט צעטראָגן די נייעס איבערן שטאָט און עס האָבן אָנגעהויבן קומען צו שלום אַשן אַלע פאַרבענקטע און פאַרליבטע יינגלעך, אַלע פאַרזאָרגטע מיידלעך. באַלד האָבן אויך אָנגעהויבן קומען צו אים טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן גע־האַט זייערע קינדער אין אַמעריקע און ניט דערהאַלטן קיין אָפטע בריוו. שלום אַשעס בריוו האָבן דערוועקט דעם אמתן געפיל פון רחמנות ביי די קינדער.

שלום האָט גוט פאַרדינט. דערצו האָט ער זיך נאָענט באַקאַנט מיט אַלערליי מענטשן. שרייבט אַש: „דאָס יאָר אויפן דאָרף, וואו איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער נאַטור, איז געווען מיין עלעמענטאַר שול, אָבער

## ש ל ו ם  אַ ש

די צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין וולאַצלאַוועק אין בריוו־שרייבעריי איז געווען, ווי גאָרקי דריקט זיך אויס, „מיין אוניווערזיטעט".

געלערנט האָט ער ווייניק, געלייענט האָט ער אַ סך. ער האָט געלייענט וואָס עס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. ער האָט אויך אַ סך געשריבן. איצט אָבער האָט ער שוין געשריבן אין העברעאיש. ער האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור אויף דער וועלט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ער געקומען קיין וואַרשע און געוויזן י. ל. פּרצן אַ פּאָר דערציילונגען אין העברעאיש. פּרץ האָט אים געהייסן עפּעס וואָס אָנשרייבן אויף יידיש.

אַש האָט זיך דורך פּרצן באַקאַנט מיט ה. ד. נאָמבערגן און אברהם רייזענען, וואָס זיינען געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון אַשן. רייזען האָט גלייך דערקאַנט אַז דאָס פּראָווינציעלע בחורל פאַרמאָגט אַ גרויסן טאַלאַנט. אויפגעמונטערט פון די חברים איז אַש אַוועק צוריק קיין וולאַצלאַוועק און אָנגעשריבן זיין ערשטע זאַך אין יידיש, די דערציילונג „משהלע".

ווי אַזוי שלום איז געוואָרן דער גרויסער שלום אַש איז גאָר אַ באַזונדערע מעשה.

# ז. ליבין

**לויט מינדלעכע מיטטיילונגען און לויט זיינע דערציילונגען
און קורצער אויטאָביאָגראַפיע אין באַנד 1 פון זיינע
געקליבענע שריפטן.**

# ז. ליבין

ז. ליבין, אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז ישראל הורוויץ, איז געבאָרן געוואָרן אין 1872 אין האַרקי, אַ שטעטל אין מאָהילעווער גובערניע אין אַמאָליקן רוסלאַנד. די קינדער־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין נויט און אין הונגער. דער טאַטע, אַ מלמד, איז געווען זייער אַ שטרענגער.

ביז דרייצן יאָר האָט ליבין געלערנט אין חדר. ער איז געווען אַ פעאיק יינגל, אָבער ער האָט געהאַט ווייניק חשק צום לערנען. אַ גרויסן איינפלוס האָט אויף אים געהאַט זיין עלטערער ברודער חיים דוב הורוויץ. דער ברודער איז געווען אַ סטודענט אין דער רעאַל־אַגראָנאָמישער שול און ער האָט אויסגעלערנט דעם יינגערן ברודער רוסיש.

צו פערצן יאָר האָט ליבין אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַן אַפטייק. ער האָט געאַרבעט, געלערנט און אַ סך געלייענט. ווען ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן. ער האָט זייער שטאַרק געליטן אין דער גרויסער שטאָט. די גאַנצע זיבן חדשים, וואָס ער איז דאָרט געווען, האָט ער אפילו איינמאָל ניט אָפּגעגעסן צו זאַט. פון לאָנדאָן איז ליבין אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. ער האָט זיך אויך דאָ שטאַרק געפּלאָגט.

נאָך גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן שרייבן. פריער האָט ער געפּרובירט שרייבן אין רוסיש. אין ניו־יאָרק האָט ער אָנגעהויבן שרייבן יידיש. זיין ערשטע סקיצע „אַ זיפץ פון אַן אַרבעטערס ברוסט" האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „דער אַרבעטער־צייטונג". אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם ניי־געגרינדעטן „פאָרווערטס", וואו ער שרייבט ביז היינטיקן טאָג.

ז. ליבין האָט אָנגעשריבן טויזנטער קורצע דערציילונגען און פעליעטאָנען. ער האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע דראַמעס. ביז איצט זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיבן בענד פון זיינע סקיצן און איין דראַמע „די געבראָכענע הערצער". די דאָזיקע דראַמע איז אויך פילמירט געוואָרן מיט מאָריס שוואַרצן אין דער הויפּט־ראָלע.

ז. ליבין וואוינט איצט אין די בראָנקס, אין ניו־יאָרק.



ז. ליבין

# דער טאַטע, זוסיע דער מלמד

אין מאָהילעווער קרייז, רוסלאַנד, צווישן צוויי בערג, וואָס די יידן האָבן זיי גערופן האָראַד און דובראָוונע, איז געלעגן אויסגעשפּרייט דאָס שטעטעלע האָרקי, אָדער גאָרקי, ווי מען האָט עס גערופן אין רוסיש. קליינע שטיבעלעך געדעקט מיט שטרוי, נאָר געציילטע הייזער האָבן געהאַט שינדל־דעכער. די קראָמען זיינען געווען אָפּגעלאָזן, האַלב פּוסטע. די באַלמעלאָכעס האָבן אונטערגעהונגערט, די עטלעכע באַלעגאָלעס האָבן געאַרבעט איבער די כוחות. קיין גרויסע נגידים זיינען כמעט ניט געווען. אַ קליין פאַרוואָרפן ווינקל. איז אַ פערד און וואָגן מיט אַ פרעמדן פאַרשוין דורכגעפאָרן דעם מאַרק, איז עס געווען אַ גרויסע געשעעניש ביי די איינוואוינער. ס'איז געווען אַ שטעטל פול מיט אָרעמעלייט און דער אָרעמסטער פון אַלע איז געווען זוסיע האָראָוויץ, אָדער ווי אַלע האָבן אים גערופן זוסיע דער מלמד.

זוסיע דער מלמד איז געווען דער באַלעבאָס פון אַן אייגן שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף הינערשע פיסלעך. דאָס הויז, דערציילט ליבין, איז געווען אַכט פוס די ברייט און ניין פוס די לענג. אין אַ נאַסן וועטער פלעגט אַריינרעגענען. און דאָס הויז האָט ניט ער אַליין באַוואוינט. עס איז דאָרט געווען אַן אמתער יאַריד.

אין מיטן שטוב ביי אַ גרויסן טיש פלעגט דער טאַטע קנעלן מיט אַכצן קינדער, דערציילט ליבין. אין אַ קאַמער האָט געוואוינט אַ זייגערמאַכער מיט אַ ווייב און זיבן קינדערלעך. ביי דער טיר האָט געוואוינט שרה די קרעמערין מיט איר טאָכטער רייזע. ביידע, די מאַמע און די טאָכטער, זיינען געווען אלמנות. די טאָכטער האָט דערצו נאָך געהאַט אַ טבע צו וויינען פון שלאָף. נאָך אין אַ ווינקל האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן אַלטע יידענע, אַ וואוכערניצע. זי האָט אַנטליען אַמאָל דעם טאַטן צען רובל אויף פּראָצענט, האָט ער זיך איר ניט געקאָנט אויסצאָלן. איז זי אַנגעזעסן איר געלט מיט די פּראָצענטן. אויפן „לעזאַנקע" — אַזאַ מין באַנק צוגעבויט פון ציגל גלייך צום אויוון, האָט גענעכטיקט אַן אַלטע גויע, אַ וואַסער־טרעגערין, וואָס פלעגט פאַר דירה־געלט באַזאָרגן די שטוב מיט וואַסער. אויפן אויוון גופא פלעגט גאַנץ אָפט נעכטיקן אַ פּאַקן־טרעגער. פאַר זיין נעכ־

## ז. ליבין

טיקן פלעגט ער באַצאָלן מיט אַ סידורל אָדער אַ בענטשערל. ווינטער פלעגט דער טאַטע אָפּצאַמען אין שטוב אַ ווינקל פאַר דעם קעלבל, נעבעך צו קאַלט פאַר דער אָרעמער, הילפלאָזער באַשעפעניש אין שטאַל. אַחוץ דעם זיינען אין הויז אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר הינער און אַ האָן.

אין אַזאַ שטיבעלע און הויף איז פאַרלאָפן ליבינס קינדהייט.

דער טאַטע, זוסיע דער מלמד, איז געווען אַ מאָדנער ייד. אַ הויכער, אַ דאַרער מיט שוואַרצע האָר, אַ פּעך שוואַרצע באָרד און אומרואיקע הענט. אויף זיין פּנים איז זעלטן געווען אַ שמייכל. די ברוינע אויגן האָבן אַלע־מאָל עפּעס געזוכט. עס האָט שטענדיק געשטורעמט, געזאָטן און געקאָכט אין דעם דאַרן יידן. ער האָט קיינמאָל ניט גערוט. ער האָט ליב געהאַט צו מייסטרעווען, צו קלאַפּן טשוועקעס, לייגן ברעטער, שלעפּן קלע־צער, שמירן ליים, גראָבן ערד, בויען.

זיין קליין שטיבל איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. פון איין זייט הויז איז געווען אַ פלאַך שטיק לאַנד, האָט זוסיע געמאַכט אַ גאָרטן: פאַרזעצט קאַרטאָפל, קרויט, ציבעלעס און אוגערקעס. ער האָט דעם גאָרטן גוט באַ־אַרבעט, אַליין אויפגעגראָבן די ערד, אַליין געזייט און געיעט.

ער האָט געוואָלט צובויען אַ פיר־הויז צו דעם שטיבל. געטראַכט און געטאָן. ער האָט ניט געדונגען קיין טשעסלער. ער האָט אַליין געשלעפּט די ברעטער, און מיט די אייגענע הענט געבויט. זיבן יאָר האָט ביי אים געדויערט צו צובויען דאָס פירהויז. דאָס רוב האָט ער געטאָן די אַרבעט בין הזמנים. זיינע געוועזענע תלמידים, וואָס זיינען שוין געווען אין יענער צייט דערוואַקסענע בחורים, פלעגן קומען אים צוביסלעך אַרויסהעלפן.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם פירהויז, האָט ער זיך אַרומ־געזען, אַז די שטוב דאַרף האָבן אַ נייעם דיל, נו, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אַראָפּגעריסן אַן אַלטע ברעט און געלייגט אַ נייע. עס האָט ביי אים געדויערט כמעט פולע צען יאָר צו לייגן דעם נייעם דיל. ער איז געווען פאַרנומען מיטן חדר. ער האָט זעלטן ווען געהאַט אַ פרייען טאָג, פלעגט ער די אַרבעט טאָן בין הזמנים. און בין הזמנים האָט ער אויך ניט געקאָנט אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, ווייל מען דאַרף דאָך זיך זען מיט באַלעבאַטים, פאַרזיכערן זיך מיט אַ קנעלונג, האָט זיך די אַרבעט געצויגן ווי פון פּעך. ס'האָט געטראָפן אַז צווישן לייגן איין ברעט און אַ צווייטע האָט גענומען אַ קיילעכדיק יאָר. אַמאָל נאָך לענגער, ווייל אָפט איז ניט געווען מיט וואָס צו קויפן אַ נייע ברעט אָדער טשוועקעס.

דאָס איז ניט געווען אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אַרום דער שטוב. כמעט יעדן ווינטער פלעגט זיך אָנהייבן אַ חתונה מיט אַן איינגעפאַלענעם אויוון. אינמיטן ברען פון די גרויסע פרעסט איז דער אויוון קאַליע געוואָרן. וואָס טוט מען? זוסיע דינגט ניט קיין מוליער. ער פאַרריכט אַליין דעם אויוון מיט די אייגענע הענט. ביי אים זיינען שטענדיק געלעגן ציגל אין הויף, ליים, וואָס ער האָט אַליין אויסגעגראָבן. די ציגל האָט ער אויך אַליין געמאַכט. אין הויף איז געווען אַ גרויסער גרוב, האָט זוסיע דער מלמד גע־גראָבן פון אים ליים און געמאַכט ציגל.

זומער האָט ער געבויט אַ פאַרקאַן אַרום דעם גאָרטן און אַרום דער שטוב. עס האָט אים גענומען יאָרן אַרומצוצאַמען זיין נחלה. ווען דאָס לעצטע ברעטל פון פאַרקאַן איז צוגעקלאַפּט געוואָרן, איז דאָס ערשטע ברעטל שוין געווען צעפוילט און זוסיע האָט נעבעך געדאַרפט אָנהייבן אַליין פון דאָס ניי.

ער איז געווען אַ חומש־מלמד. אַ גוטער מלמד. ער האָט געהאַט אין זיין חדר אַכצן יינגלעך, אָבער קיין פרנסה איז ניט געווען. ער האָט ניט פאַרדינט געגנוג אפילו אויף אַן אָרעם לעבן. ער איז געווען אַ מאָדנער בריה אַריינצוקריגן תלמידים וואָס זייערע טאַטעס האָבן קיינמאָל ניט גע־קאָנט צאָלן קיין שכר־לימוד. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך פאַרנומען מיט נאָך עטלעכע מלאכות. ער האָט געריבן שמעק־טאַבאַק, געמאַכט הייוון, איז געווען אַ זייגער־מאַכער. אין אַלע מלאכות זיינען געווען ווייניק ברכות. ווען ברויט איז אויסגעגאַנגען אין הויז און מען האָט געדאַרפט קויפן אַ פּוד מעל פאַר אַ ניי געבעק ברויט, איז ניט געווען פון וואַנען. די מאַמע האָט ניט געמאָנט ביים טאַטן. זי האָט געוואוסט אַז אויב ער גיט ניט, האָט ער ניט. זי האָט נאָר געוויינט; געוויינט שטיל און געווישט די אויגן. די אויגן זיינען גוט רויט געוואָרן ביז וואַנען די מאַמע האָט געקראָגן דאָס געלט אויף אַ פּוד מעל.

דער טאַטע איז געווען אַ למדן. ער האָט זיך אָבער ניט געחברט מיט למדנים און רייכע יידן. ער האָט געדאַווענט אין דער שול פון די באַלמע־לאָכעס. ער האָט מיט זיי געלערנט משניות, עין יעקב און מדרש. די אָרעמ־קייט פון שטעטל האָט זיך געגרויסט מיט אים. אָפּט פלעגט אַ שוסטער פאַרריכטן זוסיעס שיך אָן געלט, אָדער אַ שניידער אים אויפנייען אַ בגד פאַר האַלב אומזיסט. די באַלמעלאָכעס זיינען געווען שטאָלץ וואָס זוסיע דער למדן חברט זיך מיט זיי, די פּראָסטע שוסטערס און שניידערס.

# ז. ליבין

זוסיע הורוויצעס פאַמיליע איז ניט געווען קיין גרויסע אין פאַרגלייך מיט אַ דורכשניטלעכער פאַמיליע אין שטעטל. אינגאַנצן האָט ער געהאַט דריי זין און אַ טאָכטער. דער עלטערער זון חיים בער איז געווען זייער אַ געראָטענער. די שטאָט האָט מיט אים געקלונגען. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער העברעאיש־יידישער שרייבער. נאָך אים איז געווען אַ טאָכטער. נאָך דער טאָכטער אַ זון — אַ שטומער. דער ייִנגסטער איז געווען ישראל, וואָס איז באַוואוסט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם נאָמען ז. ליבין.

## חדר, אָרעמקייט און אַ ביסעלע פרייד

אַ וויסטע אָרעמקייט איז געווען אין שטוב. מען איז שטענדיק געווען הונגעריק. זוסיע און זיינע קינדער זיינען געווען אַזוי זשעדנע נאָך אַ פולן מאָלצייט, אַז זיי האָבן זיך ניט געשראָקן אפילו פאַר צעפוילטע שפּייז, אַבי עסן. געדענקט ליבין, אַז אַמאָל אין אַ זומער האָט אַ פישער געבראַכט אין שטעטל אַ וועגעלע פיש. אימיצער האָט געמסרט אַז די פיש זיינען ניט פריש און פאָליצײ האָט באַפוילן צו באַגראָבן די פיש. ווען ס'איז געוואָרן נאַכט אַזז זוסיע מיט עטלעכע שכנים אַוועק און אויסגעגראָבן די פיש און די אָרעמע משפחה האָט אויף מאָרגן געהאַט אַ סעודה. צום גליק, קאָנטיק, זיינען די פיש ניט געווען אַזוי שלעכט ווי מען האָט געמיינט און ס'האָט דער פאַמיליע ניט פאַרשאַדט.

אָרעמקייט, הונגער און אַ בייזער טאַטע. נאָר עפּעס האָט ער געשלאָגן. דאָך זיינען געווען טעג פון פרייד. ליבין איז געווען נאָך גאָר יונג, זייער יונג. ער האָט זיך ערשט אויסגעלערנט צו ריידן שאַרף. דאָס ייִנגל, וואָס האָט זיך שטענדיק געפּלאָנטערט אונטער די פיס און געכאַפּט קלעפּ פאַר יעדער קלייניקייט, האָט דערפילט אַז דער טאַטע איז מיט עפּעס זייער צופרידן און די מאַמע גרויסט זיך פאַר די שכנים און שמייכלט גליקלעך. יאָרן שפּעטער האָט זיך ליבין דערוואוסט אַז דאָס איז געווען דערפאַר וואָס דער ברודער האָט פאַרפאַסט אַ ליד, וואָס האָט דערציילט וועגן די גוטע, נייע צייטן וואָס זיינען אָנגעקומען. וואָס איז אַזוינס געווען? יידן נעמט מען איצט אין סאָלדאַטן לויט די יאָרן, ניט גלאַט געכאַפּט און אַיועקגעגעבן פאַר אַ זעלנער. יעדער יידישער בחור דאַרף לויט דעם נייעם געזעץ זיך שטעלן פאַר רעגירונגס באַאַמטע און זיי שאַצן אָפּ זיינע יאָרן. שאַצן זיי אים על־

טער פון די מיליטערישע יאָרן גייט ער אַרויס פריי. נאָך איצט, כמעט זי־בעציק יאָר שפּעטער, געדענקט ליבין די ערשטע פיר שורות פונעם ליד:

אַז מען האָט אים ערקלערט מיט עלטערע יאָרן
איז ער גלייך ווי ניי געבאָרן געוואָרן,
מיט אַ שמחה איז ער אַהיים געלאָפן,
מיט אַ מזל טוב האָט מען אים אָנגעטראָפן.

יעמאָלט האָט דער יונגינקער ישראל ניט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ווערטער. אַלע זינגען אַ ליד און דער ברודער שרייבט אַראָפּ די ווערטער פאַר יעדן איינעם וואָס בעט עס פון אים, וויל ער ישראל אויך האָבן אַ פּאַפּיר. טשעפּעט ער זיך צום ברודער:

— גיב, פּאַפּיר, ליד.

שמייכלט דער ברודער, נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר און שרייבט אָן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ בלייפעדער אויפן גלאַטן פּאַפּיר און גיט עס אים. נעמט ישראל צו דאָס שטיקל פּאַפּיר און פרייט זיך מיטן ברודערס געשאַנק. דאָס קינד קוקט אויפן פּאַפּיר און זינגט. לייענט כלומרשט אַרויס די ווערטער פון דעם ליד.

דער ערשטער טאָג פון חדר איז אויך געווען אַ גוטער. ער איז יעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר. דער טאַטע, דער חומש מלמד, האָט געקויפט פאַר אים אַן אַלף־בית, אים געוויזן דעם ערשטן אות און געזאָגט:

— דאָס איז אַן אַלף. שריי אויף אים: אַלף! אַלף!

דער קליינער ישראליק האָט געשריען. דערנאָך האָט אים דער טאַטע געוויזן דעם צווייטן אות:

— דאָס איז אַ בית, שריי אויף אים: בית, בית!

ישראליק האָט געשריען. וואָס מער ער האָט געשריען אַלץ מער צו־פרידן איז דער טאַטע געווען.

דאָס יינגל האָט געהאַט אַ גוט קעפּל. באַלד האָט ער אָנגעיאָגט דעם טאַטנס חדר. דער טאַטע זוסיע, וואָס האָט ליב געהאַט מייסטרעווען, האָט אויך געהאַט זיין אייגענעם וועג ווי צו לערנען חומש מיט די קינדער. ער האָט פאַרן חדר אויסגעמאָלט אַ מנורה, ווי זי ווערט באַשריבן אין חומש. ער האָט געמאַכט אַ משכן פון קאַרטאָן און געוויזן ווי מען האָט אים גע־טראָגן אויף שטאַנגען. איידער ער האָט געלערנט די פּרשה חומש פון וואָך מיט די קינדער האָט ער געמאַכט אַ מעשה. ער האָט דערציילט די מעשה פון חומש אויף אויסנווייניק, אויסגעמאָלט מיט ווערטער אַלע העלדן,

## ז. ליבין

איבערגעגעבן זייערע געשפּרעכן און דערנאָך ערשט געלערנט דעם טעקסט. ישראל פלעגט קוקן דעם טאַטן אין מויל אַריין און אים ליב געהאַט חיות לעבן.

ישראלן איז ביים טאַטן אין חדר קלאָר געוואָרן גאַנץ תנ"ך. איוב האָט ער געקאָנט אויף אויסנווייניק. דער טאַטע האָט געהאַלטן דאָס ייִנגל לעבן זיך ביים דאַווענען. דערהויפּט יום־טוב האָט ער אים געהאַלטן ביי דער האַנט און אים פאַרטייטשט די פּיוטים פון מחזור. שפּעטער האָט ליבין אינגאַנצן פאַרלאָזן די יידישע לימודים און זיי פאַרגעסן, אָבער די פּיוטים פון מחזור האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דאָס ייִנגל האָט פאַרגעטערט דעם טאַטן און אים ליב געהאַט, אָבער דער טאַטע האָט ניט געצאָלט מיט ליבשאַפט פאַר ליבשאַפט. ער איז געווען בייז, אפשר דערפאַר ווייל ער איז שטענדיק געווען האַלב הונגעריק. האָט ער פאַר יעדער קלייניקייט געשלאָגן. טאָמער האָט אַ חדר ייִנגל ניט געקאָנט די פּרשה חומש פון וואָך, האָט זוסיע זיין זון געשלאָגן. ער האָט אויסגעלאָזט זיין כעס צום אייגענעם ייִנגל.

## אַ זייגער, אַ קיכל און אַ בהמה

אין דער אמתן איז דער טאַטע געווען אַ גוטער און האָט שטאַרק ליב געהאַט די קינדער. איז אַ קינד קראַנק געוואָרן, איז דער טאַטע פון אים ניט אַפּגעטראָטן. ער האָט איינגעגעבן דעם קינד די מעדיצין, אים גע־לייגט קאָמפּרעסן צום קאָפּ און געוואַכט איבער אים. ער האָט קיינמאָל ניט צוגעלאָזן אימעצן אַנדערש, אפילו די מאַמע, זיך צו פאַרען אַרום קראַנקן קינד.

אָפט האָט ישראל געזען, אַז נאָך דעם ווי דער טאַטע שלאָגט אים אָן, זיצט ער און וויינט שטיל, באַהאַלטן פון אַלעמען.

אָבער דער דלות איז געווען גרויס און דער טאַטע איז אַלעמאָל גע־ווען פאַרביטערט פון דעם שווערן יאָך צו באַזאָרגן די פאַמיליע. אין זיין אָרעמקייט און פאַרביטערטקייט האָט ער ניט געהאַט קיין געדולד צו אַנ־דערע, האָט ער געשלאָגן פאַר יעדער קלייניקייט.

די ערשטע זאַך וואָס איך קאָן געדענקען וועגן זיך אַליין — דערציילט ליבין — איז קלעפּ, קלעפּ וואָס דער טאַטע האָט מיר איינגעטיילט.

דערהויפּט אָבער געדענקט ליבין ווי ער האָט געקראָגן געשלאָגן דריי מאָל. איינמאָל פאַר אַ קיכל, אַ צווייט מאָל פאַר אַ זייגער און אַ דריט מאָל צוליב דער בהמה.

די מעשה מיטן קיכל. די מאַמע האָט אויסגעביטן אַביסל הייוון אויף אַ קיכל. זי האָט דאָס קיכל באַהאַלטן אויף שבת, יעדער וועט יעמאָלט קריגן צו שטיקלעך. זי האָט דאָס קיכל גוט באַהאַלטן, אָבער ישראליק האָט עס דערשמעקט. ער האָט געפונען דאָס קיכל און עס אויפגעגעסן. ניט מיט אַמאָל — צוערשט אַ שטיקעלע, דערנאָך נאָך אַ פּיצעלע; אַביסל שפּעטער נאָך אַ ברעקעלע און — — — ס'איז געוואָרן אויס קיכל.

נו, האָט דער טאַטע געשלאָגן. געשלאָגן פאַר גנבענען און געשלאָגן פאַר זיין אַ פרעסער, אַ נאַשער, אַ טריפהנע קישקע. די מאַמע האָט געוויינט, ביז איצט ווייס ניט ליבין צי די מאַמע האָט געוויינט ווייל דער טאַטע האָט אַזוי ווילד געשלאָגן איר מוזיניק, אָדער וואָס איר מוזיניק איז נעבעך גע־וועז הונגעריק און איז געוואָרן אַ גנב.

---

די מעשה מיטן זייגער. זוסיע האָט פאַרריכט זייגערס. באַרימט זיך דער קליינער ישראל פאַר זיינע חברים אַז ער האָט אַ זייגער מיט אַ קיי־טעלע, אָן אמתן זייגער וואָס גייט. לאַכן די יינגלעך פון אים:

— זעט נאַר, זעט, וועד עס האָט אָן אמתן זייגער!

פוילט זיך ניט ישראליק און נעמט אַרויס אַ זייגער פון שטוב און ווייזט אים פאַר די יינגלעך:

נאַט, זעט!

חברה טוט אַ נעם דעם זייגער און יעדער איינער לייגט אים צו צום אויער — הערן ווי ער גייט. יאָ, ער גייט. די יינגלעך רייסן דעם זייגער איינער פון דעם אַנדערן און פּלוצים פאַלט אַרויס דער זייגער פון אַ יינגלס האַנט, און צום שלימזל פאַלט ער אויף אַ שטיין.

האָט דער טאַטע געשלאָגן. געשלאָגן פאַרוואָס אַ יינגל איז ניט פאַר־זיכטיק מיט אַזאַ טייערער זאַך ווי אַ זייגער; וואָס מיינט ער זיך — וואַרפן זייגערס אויף שטיינער. דערנאָך האָט ער געשמיסן. געשמיסן דאָס יינגל אויפן הוילן לייב — זאָל אַ קינד ניט גנבענען קיין זייגערס פון שטוב.

---

די מעשה מיט דער בהמה. די הורוויצעס האָבן פאַרמאָגט אַ בהמה. די בהמה האָט מען אָפּגעהיט נאָך מער ווי אָן אייגן קינד. אַ בהמה גיט מילך. מען האָט פון איר אַ שטיקל קעז, אַביסל פּוטער און אָפּט אַ מזומנעם גראָשן פאַר פאַרקויפן די מילך. אַ בהמה האָט אַמאָל אַ קעלבל. אָבער אויס־האַלטן אַ בהמה איז אַ הוצאה. היי קאָסט געלט, מעקענע קאָסט אויך עפּעס.

און ווער קאָן זיך עס צורירן צו „אַ רעדל מאַקוכע"? האָט מען די בהמה געקאָרמעט מיט שטרוי. שטרוי קאָסט האַלב אומזיסט. אָבער שטרוי איז ניט קיין געהויבענער מאכל אפילו פאַר אַן אָרעמאַנס בהמה. פלעגט ישראל אַריינגנבענען זיך צום רייכן שכן אין שטאַל און אַרויסשלעפּן ביסלעך היי און קאָרמענען די בהמה פון דער אייגענער האַנט. זומער פלעגט דאָס יינגל אַרויסנעמען די בהמה אין פעלד אויף פּאַשע. ישראל איז געווען צוגעבונדן צו דער שטומער באַשעפעניש און זי זייער ליב געהאַט.

מיט אַמאָל ווערט די בהמה קראַנק. זי הערט אויף צו עסן און ווערט אַלץ דאַרער און דאַרער, דיביינער סטאַרטשען איר אַרויס פון דער פעל. מען היילט די בהמה מיט פולע פלעשלעך זאַלץ־וואַסער און אַלערליי קריי־טעכצער, אָבער די בהמה פאַלט איין מיט יעדן טאָג. ברענגט דער טאַטע אַ קצב און פאַרקויפט די בהמה אויף פלייש. פאַרוואַרפט דער קצב אַ שטריק איבער דער בהמהס הערנער און פירט זי אין שלאַכט־הויז אַריין. דער טאַטע טרייבט אונטער די שטומע באַשעפעניש.

דאָס יינגל ווערט אַ פאַרציטערטער. מען וועט זי דאָך קוילען! לויפט ער נאָך דעם קצב, דעם טאַטן און שרייט און וויינט און בעט מיט טרערן אָפּצולאָזן די שטומע באַשעפעניש. קוקן זיי אים אָן: איז דאָס יינגל פון זינען אַראָפּ? שרייט אָן דער טאַטע און הייסט אים גיין אַהיים. דאָס יינגל, וואָס ציטערט אַלעמאָל פאַרן טאַטנס אַ וואונק, דערשרעקט זיך ניט פאַרן טאַטנס געשריי און באַפעל און הערט ניט אויף נאָכצולויפן דעם טאַטן און דעם קצב.

ישראל לויפט און וויינט און דער טאַטע מיטן קצב פירן די בהמה ווייטער. אָט איז שוין דאָס שלאַכט־הויז. דאָס יינגל ווערט אַ פאַרציטער־טער. באַלד איז אַלץ פאַרפאַלן. אין זיין פאַרצווייפלונג הייבט ער אויף שטיינדלעך פון דער ערד און צילעוועט אין קצב. ער צילעוועט אין קצב און טרעפט דעם טאַטן גלייך אין פלייצע אַריין. דעריאָגט דער טאַטע דאָס יינגל און דערלאַנגט אים וויפיל עס גייט אין אים אַריין. דאָס יינגל פאַר־בייסט די ליפּן און וויינט ניט און שרייט ניט ווי זיין שטייגער איז, און ווי דער טאַטע לאָזט אים אָפּ, הייבט דאָס יינגל ווידער אָן צו וואַרפן שטיינער. דער קצב ווערט צעטומלט און די בהמה רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט און אַנטלויפט. זי לויפט אַהיים. דאָס יינגל איז אויפן זיבעטן הימל. ער שטייט אינמיטן וועג אַנטקעגן דער בהמה און פרייט זיך! און די נאַ־רישע באַשעפעניש וואַרפט אום דאָס יינגל און נעמט אים שיר ניט אַרויס

אַז אויג מיט איר האַרץ. ביי ליבינען איז געבליבן אַ סימן לעבן אויג ביזן היינטיקן טאָג.

וואָס ער האָט נאָכדעם געקראָגן פון טאָטן איז ניט נייטיק צו באַשרייבן.

## דער ברודער חיים־דוב

צו צען יאָר איז ישראל אַריבערגעגאַנגען צו אַ גמרא מלמד. דער נייער מלמד האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון ישראלס גוטן קאָפּ. אָבער וואָס איז די פּעולה אַז קיין צו שטאַרקן חשק צום לערנען האָט דער יונג ניט. ער האָט בעסער ליב זיך אַרומצושלעפּן איבער די פעלדער אַרום שטאָט, אָדער שפּאַצירן מיט חברים איבער די גאַסן.

אָבער דער מלמד איז מיט אים צופרידן. דער יונג יכולט! גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן לערנען די מסכתא חולין: ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען צו זיין אַ שוחט. דער טאַטע האָט זיך באַרימט אַז זיין מוזיניק ישראליק וועט אויסוואַקסן אַ למדן. ער וועט איבעריאָגן זיין עלטערן ברו־דער חיים בער. אָבער ישראליקן איז דאָס לערנען ניט געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבן לערנען רוסיש. ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן עלטערן ברודער.

דער עלטערער ברודער חיים בער איז געווען אַ גרויסער העברעער און אַ שאַרפער קאָפּ. ער איז געווען אַ סטודענט אין אַ שול פאַר אַגראָנאָמיע, דער איינציקער יידישער סטודענט אין שטאָט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ אוניפאָרם, גערעדט רוסיש און זיינע חברים זיינען געווען רוסישע סטו־דענטן. אין שטעטל האָט מען אים אָפּגעגעבן כבוד. דער טאַטע איז אויך געווען צופרידן. ער איז געווען ניט איבעריק פרום. איינמיטן וואָך איז ער קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שול דאַווענען. ליבין דערציילט, אַז ווען ער איז געוואָרן בר מצוה האָט דער טאַטע ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ פּאָר תפילין, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, וועסטו ווערן בר מצוה מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער. גאָט וועט ניט בייז ווערן. ווען גאָט וואָלט שטאַרק געוואָלט דו זאָלסט ווערן בר מצוה אין צייט וואָלט ער צוגעשיקט אויף תפילין.

ישראל האָט אַרויפגעקוקט צום עלטערן ברודער, וועלכער האָט אַרויס־געהאָלפן דעם טאַטן מיט דער הוצאה. ער האָט געגעבן לעקציעס אין רוסיש און ניט שלעכט פאַרדינט. שבת פלעגן אָפט צו אים קומען זיינע חברים די סטודענטן. זיי פלעגן זיך פאַרשפּאַרן אין קאַמער און היציק

דיסקוטירן וועגן אַלערליי זאַכן. זייערע הויכע קולות פלעגן זיך טראָגן איבער דער גאַס. אין שטאָט האָט מען זיך געשושקעט אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן, זיי ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער און מאַכן אויס אָרעם און רייך.

ישראל האָט זיך אַלעמאָל געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון זיין ברודער און זיינע חברים. ביסלעכווייז האָט ער זיך אויסגעלערנט רוסיש און אויפגעהערט צו גיין אין חדר.

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר פערצן איז ער אָנגעקומען ווי אַ געהילף אין אַן אַפּטייק. חיים בער האָט עס פאַר אים געקראָגן די שטעלע. דאָס יינגל האָט שווער געאַרבעט, ער האָט געדאַרפט וואַשן די פלעשלעך, צעשטויסן אַלערליי מעדיצינען און קרייטעכצער און האַלטן די שטייסלעך ריין. פריטיק נאָכמיטאָג האָט דער אַפּטייקער אים דערלויבט פאַרקויפן צו די שטאָטישע מיידלעך מאַסקאַר און קאַסטאָר אויל געמישט מיט אויל־בערט אויל אויף צו שמירן די האָר. דער יונגער ישראל האָט זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס ער איז געשטאַנען הינטער דער „סטאָיקע" אין אַ ווייסן פאַרטוך און פאַרקויפט „מעדיצינען" אין ווייסע און בלויע פלעשלעך.

ער האָט געאַרבעט אין אַפּטייק לאַנגע שטונדן, דאָך האָט ער געפונען צייט צו לערנען און צו לייענען. ער האָט געלערנט כעמיע, פיזיקע, אַלגעברע און געאָמעטריע. ער האָט אויך געלייענט אַ סך רוסישע ביכער. אין שטעטל איז געווען אַ ביבליאָטעק. דער ברודער חיים בער און זיינע חברים האָבן די ביבליאָטעק געגרינדעט. די ביבליאָטעק איז געווען אַ לעגאַלע — די רעגירונג האָט געגעבן אויף איר אַ דערלויבעניש. אויף די פּאָליצעס זיינען געשטאַנען כשרע ביכער. אָבער די יוגנט האָט זיך איינגעקויפט טריפה ביכער, ביכער וועגן סאָציאַליזם און פאַרבאָטענע זשורנאַלן. מען האָט די ניט לעגאַלע ליטעראַטור פאַרשטעקט הינטער די פּאָליצעס, אונטער די בענק און געהאַלטן באַהאַלטן אין פּריוואַטע היימען. ישראל האָט געהאַט אַ צוטריט אי צו די לעגאַלע, אי צו די ניט לעגאַלע ביכער, און ער פלעגט לייענען זייער אַ סך.

## ישראל ווערט דער בעל פרנסה

דער טאַטע איז געשטאָרבן. די אָרעמקייט אין שטוב האָט זיך פאַרגרעסערט. די מאַמע האָט געמאַכט הייון און די עלטערע שוועסטער האָט איר אַרויסגעהאָלפן. אָבער פון דעם גראָשנדיקן מסחר האָט די מאַמע ווייניק פאַרדינט. דער הויפּט בעל פרנסה איז געוואָרן ישראל.

אין יענער צייט האָט דער ברודער פאַרלאָזן האַרקי און איז אַוועק־געפאָרן שטודירן אין ווין. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ שווער האַרץ, ווייל מען האָט אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן די אַגראָנאָם שול איידער ער האָט זי געענדיקט. ער האָט זיך געלערנט זייער גוט, זיין אויפפירונג איז אויך געווען אַ פיינע און פאַר זיין אַרבעט האָט ער געקראָגן די בעסטע שול־צייכנס. דאָך, אַ קורצע צייט פאַר דער גראַדואירונג האָט אים דער דירעק־טאָר פון דער שול אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און צו אים גערעדט זייער אָפּנהאַרציק:

— ער האָט געקראָגן אַ וואונק פון די הויכע פענצטער, אַז ער זאָל אים דורכוואַרפן אויף די עקזאַמענס. ער ווייס אַז חיים בער הורוויץ איז דער בעסטער סטודענט אין דער שול. ער האָט צו אים גאָרנישט. אָבער „דאָרטן" אין פעטערבורג — וויל מען ניט אַז אַ ייד זאָל ענדיקן די אַגראָ־נאָם שול. ס'וואָלט בעסער געווען פאַרביידן ווען ער זאָל פאַרלאָזן די שול פאַר די עקזאַמענס. צו וואָס האָבן דעם צער פון דורכפאַלן און צו וואָס זאָל ער פאַרשאַפן אים, דעם דירעקטאָר, אומזיסטן פאַרדרוס?

חיים בער האָט פאַרלאָזן די אַגראָנאָם שול און איז אַוועק קיין ווין שטודירן. ער האָט געקראָגן דאָרט דעם טיטל דאָקטאָר און איז שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער שרייבער. דערווייל אָבער האָט זיך דער דלות אין הויז פאַרגרעסערט, ווייל ניט נאָר האָט חיים בער ניט געקאָנט אַרויס־העלפן זיין משפחה, נאָר ישראל האָט נאָך אים געדאַרפט שיקן פינף רובל אַ חודש קיין ווין.

די אַרעמקייט האָט אָבער ניט אָפּגעשלאָגן דעם מוט ביי ישראלן. ער האָט ווייטער געלערנט און געלייענט און זיך געגרייט צו האַלטן עקזאַמען אין דער פעלדשער שול אין דער קרייז שטאָט מאָהיליעוו. ער האָט זיך גוט צוגעגרייט און איז געווען זיכער אַז ער וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. אָבער מען האָט אים ניט צוגעלאָזן צום עקזאַמען. ער איז געווען צו אַלט.

ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים און איז אַנגעקומען אין אַ נייער אַפּטייק. ער האָט פאַרדינט שוין גאַנץ נישקשה. ער האָט זיך געקאָנט אפילו פאַרגינען אַ נייעם אַנצוג. דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין זיין לעבן.

## ז. ליבין

# ישראל פאַרט קיין אַמעריקע

דאָס לעבן איז געוואָרן אַביסל גרינגער. די לאַגע פון דער פאַמיליע איז אויך אַביסל בעסער געוואָרן און דווקא דורך אַן אומגליק — אַ שריפה. אין האַרקי, ווי אין אַלע יידישע שטעטלעך, פלעגן אָפט אין די זומער היצן אויסברעכן שריפות. די דעכער זיינען געווען פון שטרוי און אַ פונק פון אַ קוימען פלעגט באַלד אַנצינדן אַזאַ מין דעכל. איינמאָל אין אַ זומער־דיקער שריפה איז דאָס גאַנצע שטעטל אוועק מיטן פייער. זוסיע הור־וויצעס שטיבל האָט אויך אָפּגעברענט. אַלעמאָל נאָך אַזאַ אומגליק פלעגט אָנקומען הילף פון די גרעסערע שטעט. זוסיעס אַלמנה איז געווען די ערשטע אויפן צעטל צו קריגן הילף. פאַר דעם געלט וואָס זי האָט געקראָגן האָט זי אויפגעבויט אַ ניי שטיבל, אַ בעסערס פון דעם וואָס איז פאַרברענט געוואָרן. זי האָט פאַרדונגען דאָס ניי אויסגעבויטע הויז צו אַ שניידער און געקראָגן פופציק רובל פאַראויס. די פאַמיליע האָט געקאָנט אַביסעלע פרייער אָפּאָטעמען.

ישראל איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור. מען האָט אים גע־האַלטן פאַר אַ געראָטענעם יונג. ער האָט געלערנט מיט באַלמעלאָכעס רוסיש און אַריפמעטיק. ער האָט געפירט מיט זיינע חברים היציקע דיס־קוסיעס וועגן ליטעראַטור און סאָציאַליזם. אָבער אַז די יוגנט איז זיך צו־נויפגעקומען ערגעץ וואו צו פאַרברענגען האָט ער געהאַט געבראָטענע צרות. ער איז געווען קליין געוואַקסן און דאַר. אַ קליינינקער און ניט קיין שיינער, האָט זיך קיינער אויף אים ניט אומגעקוקט. אים איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות אַז מען זאָל אים באַמערקן, האַלטן פון אים. דערהויפּט האָט אים פאַרדראָסן וואָס די מיידלעך פאַרברענגען ניט מיט אים. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער געקראָגן אַ מיטל ווי צו מאַכן אַז מען זאָל אים באַמערקן. ער פלעגט אָנהייבן דערציילן אַ מעשה. און מעשות האָט ער דערציילט זייער שיין. האָט ער אַמאָל איבערדערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט אָדער געלייענט. צום מערסטן אָבער האָט ער די מעשות אויסגעטראַכט. אַז ער האָט דערציילט אַ מעשה האָט ער שוין געפירט די גרענדע. ער האָט געשפּילט דעם ערשטן פידל און אַלע האָבן אים אַריינגעקוקט אין מויל.

פריער האָט ער דערציילט מעשות אויסנווייניק, דערנאָך האָט ער אָנגע־הויבן שרייבן מעשות. ער האָט געשריבן רוסיש. מיט יידיש האָט ער זיך יעמאָלט ניט אינטערעסירט. אין יענע צייטן האָבן נאָר באַלמעלאָכעס

און פּראָסטע מענטשן גערעדט און געלייענט יידיש. „געבילדעטע״ יונגע־לייט האָבן גערעדט, געשריבן און געלייענט רוסיש. ישראל הורוויץ — האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענט און ער האָט געשריבן נאָר רוסיש. ער האָט געשיקט זיינע פאַרפאָסונגען צו צייטונגען און זשורנאַלן, זיי האָבן זיי ניט געדרוקט. ער האָט אָבער געטאָן דאָס זייניקע — ווייטער געשריבן.

דערוויייל האָט זיך אָנגערוקט דער „פּריזיוו״ — ער האָט געדאַרפט ווערן אַ סאָלדאַט דינען דעם צאַר, האָט ישראל ניט געוואָלט. איז ער אַנט־לאָפן פון רוסלאַנד.

ער איז אַוועק קיין לאָנדאָן. דאָרטן איז ער אָפּגעוועזן אַרום זיבן חדשים. ער האָט זיך אַ סך אָנגעליטן. ליבין דערציילט, אַז „די גאַנצע זיבן חדשים האָב איך קיין זאַטן מאָלצייט ניט געהאַט״. נאָך מער ווי אַ האַלב יאָר ליידן האָט ער געקראָגן אַ שיפסקאַרטע פון זיינע פריינט אין ניו־יאָרק און ער איז געקומען קיין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק איז ער געוואָרן אַ קאָפּנמאַכער. ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער און מיט דער שוידערלעכער לאַגע אין דעם אַמאָליקן „סוועטינג שאָפּ״. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן פון יידישן אַרבעטער לעבן. ער האָט גענוצט ווי זיין פּסעוודאָנים דעם נאָמען ז. ליבין.

זיינע ליידן אין שאָפּ און ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער איז גאָר אַן אַנדער מעשה.

# ה. לייוויק

## לויט מינדעלעכע מיטטיילונגען און לויט זיינע לידער

# ה. לייוויק

ה. לייוויק, אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז — לייוויק האַלפּער, איז געבאָרן געוואָרן אין 1888 אין איהומען, אַ שטעטל אין מינסקער גובערניע, רוסלאַנד. דער פאָטער איז געווען אַ לערער, די מאַמע אַ בעקערין. לייוויק איז דער עלטסטער זון פון אַ משפחה פון ניין.

צו ניין יאָר האָט ער פאַרלאָזן דאָס שטעטל און איז אַוועקגעפאָרן לערנען אין בערעזענער ישיבה. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר 13, איז ער אָפּגעפאָרן מיט דער משפחה אויף אַ קורצער צייט קיין ניקאָלאַיעוו. פון ניקאָלאַיעוו צוריק אין שטעטל, דערנאָך אין מינסק אין אַ ישיבה.

אין מינסק איז ער לאַנג ניט געווען קיין ישיבה בחור. אָפּגעפאָרן אין מיטן זמן אַהיים. געוואָרן אַ העברעאישער לערער. אַ קורצע צייט שפּעטער צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

צו אַכצן יאָר ווערט ער אַרעסטירט. אין 1913 אַנטלויפט ער פון סיביר און קומט אָן קיין ניו־יאָרק, וואו ער וואוינט ביז איצט.

לייוויק האָט אָנגעהויבן שרייבן גאָר יונג, נאָך אין בערעזענער ישיבה. פריער האָט ער געשריבן העברעאיש, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט ער אָנגעהויבן שרייבן יידיש. זיינע ווערק זיינען דערשינען אין 7 בענד, און אין באַזונדערע אויסגאַבעס.

אין 1940 האָט דער ה. לייוויק יובילי־ קאָמיטעט אָפּגעדרוקט די ערשטע צוויי בענד געקליבענע ווערק: אַ באַנד געזאַמלטע לידער און אַ באַנד געקליבענע דראַמעס.



ה. ליוויק

# אַ שאָטן

אַ קליין שטיבל, אַן ערדענער דיל. די פענצטער קליינע און נידעריקע, דערלאַנגען ביז די „פריזבעס". דורך די שייבעלעך זעט זיך אַ לאַנגער, ברייטער הויף מיט שטאַלן און אַמבאַרן. דער הויף געהערט צו אַ רייכן פּויער.

דער קליינער לייוויק איז נאָר וואָס געקומען פון חדר. ער איז מיד און הונגעריק. אָבער קיינער אַחוץ דאָס קינד אין וויג איז ניטאָ אין דערהיים. און דאָס פּיצעלע וויינט. זעצט זיך דאָס יינגל אויף אַ טאַבורעט און הייבט אָן פאַרוויגן דאָס קינד.

ער ציט דאָס שטריקל פון וויג אַהין און צוריק, און זיין האַרץ איז אים פול מיט פאַרדרוס. אַלע קינדער, ווען זיי קומען אַהיים, געפינען זיי די מאַמע אין הויז. ער ניט. די מאַמע איז אַ מאַרק זיצערין. דער טאַטע גיט שטונדן — לערנט מיידלעך שרייבן יידיש. דאַרף ער, דער בכור, דער עלטסטער, זיין אַ ניאַנקע.

וויגט ער דאָס עופהלע און וויינט אין זיך. דאָס קינד צעשרייט זיך העכער. לייוויק וויל עס איינשטילן, הייבט ער אָן זינגען אַ וויג־ליד. אַן אומעטיק ליד מיט האַרץ־רייסנדיקער מעלאָדיע.

זינגט ער. פריער שטילער, דערנאָך העכער — ווערט אַליין פאַרכאַפּט פון די ווערטער און דעם ניגון. עס ווערט אים בעסער אויפן האַרצן. עס שיינען אַריין די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. דורך די קליינע שייבעלעך זעט זיך דער ברייטער הויף און אַ שטיק רויטער הימל.

אַ האַלבער הויף איז איינגעהילט אין שאָטנס, אָבער די שטרויענע דעכער זיינען באַגליט מיט די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרנאַכטיקער זון. זיי גלאַנצן, די דעכער, אַנטקעגן דעם טיף רויטן הימל.

דאָס וויגעלע וויגט זיך ווי פון זיך אַליין. דעם יינגלס האַרץ איז פול, און העכער קלינגען די ווערטער פון וויג־ליד.

מיט אַמאָל אַ שאָטן. אַ שאָטן פון אַ ריזיקן קאָפּ. דער שאָטן פאַרשטעלט אַלע פענצטער מיט דער זון, די גלאַנציקע דעכער און ברייטן הויף. דאָס יינגל ווערט ווי פאַרגליווערט פון שרעק.

ער זעט: עס איז דעם בעל־גופס חזיר. דער גרויסער חזיר מיט די הענגענדיקע אויערן און לאַנגן שנוק.

## ה. לייוויק

דער חזיר האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך דעם פענצטער און פון פענ־צטער גלייך אויפן טיש. שטייט ער אויפן טיש און זיין שנוק איז איבערן קינדס וויגעלע.

דער קליינער לייוויק האָט אַ ציטער געטאָן:

— דער חזיר וועט דאָך אויפעסן אים און דאָס ברודערל. ער מוז ראַ־טעווען. און אַ שרעקלעכער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם ייִנגלס האַלדז און זיך צעטראָגן איבער די אַרומיקע הייפן.

מענטשן זיינען אָנגעלאָפן, אַרויסגעטריבן דעם חזיר און באַרואיקט דעם איבערגעשראָקענעם לייוויקן. דעם ייִנגל איז אָבער געבליבן איינגע־קריצט אין מוח: אַ זון־אונטערגאַנג, שאָטנס אין הויז. ער וויגט דאָס ברודערל און זינגט. דורך די פענצטער זעען זיך שטרויענע דעכער באַ־גלאַנצט פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַ צונטער רויטער הימל. ס'איז טרויעריק און גוט אויפן האַרצן. זיין געזאַנג צעטראָגט זיך איבערן הויף. מיט אַמאָל אַ שנוק איבער אים און איבערן וויגעלע. אַ שנוק, וואָס פאַר־שטעלט דעם הויף, די גלאַנציקע דעכער, די פאַרגייענדיקע זון, די רויט־קייט פון הימל.

## אַ בייזער טאַטע

דער טאַטע איז געווען פון מיטעלן וואוקס. אַ דאַרער מיט אַ פייער־רויטער באָרד, אַן איינגעפאַלן פּנים און אַ הויכן שטערן. טיף אין האַרצן אַ גוטער, אַן איידעלער. אָבער די אָרעמקייט האָט אים פאַרביטערט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יחסן, איז ער געווען אין שטוב אַלע מאָל שטרענג און בייז. שטרענג צו דער מאַמען און בייז צו די קינדער. ער האָט וויי־ניק גערעדט. האָט ער עפּעס געזאָגט, איז עס געווען מיט באַפעל.

ער איז געווען אַ לערער פון ייִדיש־שרייבן. געגעבן שטונדן. געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געלערנט מיידלעך שרייבן און לייענען ייִדיש.

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַ לאַנגווייליקע — ווי נאָר אַ מיידל האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן אַ בריוול, האָט זי אויפגעהערט נעמען שטונדן. גענוג פאַר איר.

און דער טאַטע — אַ יונגערמאַן מיט ברענענדיקע אויגן, אַ צונטער־רויטע באָרד און דאַרע, לאַנגע הענט, וואָס האָבן קיינמאָל ניט גערוט, איז שטאַרק ניט געווען צופרידן מיט זיך און מיט זיין גורל. דער פאַרדינסט

איז געווען אַ גראַשנדיקער און די מאַמע האָט געדאַרפט אַרויסהעלפן מיט אירע פּאַרדינסטן. געווען אַ בעקערין, געהאָרעוועט שווער.

שפּעטער — קינדער קומען צו. די אָרעמקייט ווערט נאָך גרעסער, די מאַמע איז שטענדיק פאַרהאָרעוועט. דער טאַטע אַלע מאָל בייז.

דאָס יינגל זעט און פאַרנעמט אַלץ. פון קליינווייז אויף איז אויף אים אָנגעפאַלן אַן ערנסטקייט, אַ שווייגעניש.

דער טאַטע האָט געוואָלט אַז פון זיין זון דעם בכור זאָל אויסוואַקסן אַ לייט — אַ גרויסער לערנער, אַ רב! אַ גרויסער לערנער קאָן מען נאָר ווערן ווען עס ליגן ניט קיין נאַרישקייטן אין זינען. האָט ער אָנגעזאָגט דעם יינגל:

— מען טאָר ניט לויפן, שפּרינגען, שטיפן. געדענק! מען דאַרף היטן שטאַט!

דאָס יינגל האָט זיך טאַקע גוט געלערנט, געווען פון די בעסטע אין חדר, אָבער מערסטנס אַליין, אָפּגעזונדערט. ביי יעדן מאָל ווען ער פלעגט זיך דערלויבן אַ שטיף טאָן, פלעגט ער זיך דערמאָנען אין דעם בייזן טאַטנס פּאַרזאָג.

ער איז געווען אַ שווייגער. אָפּט געטראָגן אין זיך אַן אומצופרידנקייט און פּאַרדרוס.

ס'איז ווינטער. די מאַמע שטייט אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק. אין פראָסט, אין שניי שטייט זי און פאַרקויפט בייגל, בולקעס און ברויט. זי קומט אַהיים אַ דורכגעפראָרענע — בלוי ווי אַ מילץ. זי האָט נאָך קיין צייט ניט זיך גוט אָנצוואַרעמען, דאַרף זי גרייטן עסן פאַר די קינדער און פאַרן טאַטן. נאָכן עסן צעוואַשט זי דאָס געשיר און צעלייגט די קינדער שלאָפן. אָז זי ווערט פּאַרטיק מיט די קינדער דאַרף זי זיך ערשט נעמען צו איר אַרבעט אין בעקעריי — ראָסטשינען טייג פאַר בולקעס און בייגל און אַ דייזשע ברויט. אָז אַלץ איז צוגעגרייט, דאַרף זי זיך ווייטער זעצן אַרבעטן — פּאַרצירעווען זאָקן פאַר די קינדער, פּאַרריכטן קליידלעך, הויז־קעס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

לייוויק זיצט און זעט ווי די מאַמע האָרעוועט, וויל ער מיט עפּעס אַרויסהעלפן און ווייס ניט מיט וואָס. פיר אַזייגער פאַרטאָג איז די מאַמע אויף. ער איז שוין אויך וואָך. ער זעט: די מאַמע פאַרקנעט די דייזשע ברויט, די מולטערס געבעקס. אַלע אין הויז שלאָפן געשמאַק.

אַ פּאַרדרוס דערוועקט זיך ביים יינגל און אַ טרויער איבער דעם

## ה. לייוויק

גורל פון דער אויסגעהאָרעוועטער מאַמען און איבער דעם גורל פון דעם אויפגערעגטן בייזן טאַטן.

שווייגט דאָס ייִנגל. זעלטן רעדט ער אַרויס אַ וואָרט אין שטוב. אויפן גאַס פילט ער זיך גוט. ער האָט ליב די ייִנגלעך פון חדר און ניט איינמאָל פאַרשפּילט ער זיך מיט זיי. אָבער אין שטוב איז אים ענג. שווייגט ער.

דער טאַטע קאָן ניט פאַרליידן דעם ייִנגלס שווייגן. עפּעס אַ מין גולם. ער האָט פאָרן שווייגנדיקן ייִנגל קיין אַנדער נאָמען ניט ווי מורלאַ! נאַר! מענדל נאַר!

## געשטאַלטן פון שטעטל

מענדל נאַר איז געווען דער וואַסער־טרעגער פון שטעטל. אַ ייִד איבער זעקס פוס הויך. אַ שווייגער. אַ פאַרטייעטער. פאַרדריסט דעם ייִנגל, וואָס דער טאַטע האָט אים געגעבן אַזאַ צונעמעניש. ער ווייסט דאָך ביי זיך, אַז ער איז ניט קיין נאַר. ער קאָן בעסער לערנען פון אַלע ייִנגלעך פון זיין עלטער. ער באַמערקט אַ סך זאַכן, וואָס קיינער זעט ניט. שפּירט די שווערקייט און מיאוסקייט פון דער אָרעמקייט. און דער טאַטע רופט אים גאָר מענדל נאַר.

און אפשר, פאַלט איין דעם סענסיטיוון, קלוגן לייוויקן, איז מענדל נאַר גאָר ניט אַזאַ פּרא אָדם ווי מען מיינט? אפשר פאַרשטייען זיך ניט די שטעטלדיקע אויף מענדלען פּונקט ווי דער טאַטע פאַרשטייט זיך ניט אויף אים, אויף לייוויקן? און צו להכעיס דעם טאַטן קריגט דאָס ייִנגל ליב מענדלען דעם נאַר.

און דאָס ייִנגל הייבט זיך אָן מער און מער צוקוקן צו מענדל נאַר דעם וואַסער־טרעגער. פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט גייט ער, מענדל, איבער די שטעטלשע גאַסן מיטן לאַנגן קאָראָמיסל און צוויי פולע עמער וואַסער הוידען זיך — אַן עמער פון יעדער זייט. שטענדיק טראָגט דער וואַסער־טרעגער אַ שמייכל אויפן פּנים. וויפיל מ׳זאָל אויף אים ניט שרייען, שמייכלט ער שווייגנדיק.

— אַ שווייגער, אַט ווי איך — טראַכט דאָס ייִנגל. אים אַרט ניט, וואָס מענטשן רייצן זיך מיט אים, שרייען אויף אים.

איינמאָל אין אַ לבנה־נאַכט האָט ער נאָכגעשפּירט מענדלען און געזען וואו ער שלאָפט. ער איז געשלאָפן עפּעס אין אַן עלנט שטיבל לעבן מיל,

אויפן עק שטאָט. לייוויק האָט זיך צוגעגנבעט אונטער אַ פענצטער און געזען — מענדל נאַר ליגט אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז. די פיס אין דער לענג. די הענט אויפן האַרצן, אַן אַ ריר, אַן אַן אָטעם. דאָס פּנים שמייכלט אַפילו אין שלאָף.

דער קליינער לייוויק איז צוריקגעגאַנגען פון שטיבל. אויפן וועג האָט ער ביי זיך באַשטימט — מענדל נאַר איז אַ למד־וואָווניק — איינער פון די זעקס־און־דרייסיק צדיקים וואָס אין זייער זכות האַלט זיך די וועלט.

ער האָט געטראַכט און געשמייכלט.

— ס׳וואָלט געפּאַסט צו דערציילן דעם טאַטן. — מענדל נאַר אַ למד־וואָווניק. אָבער דער טאַטע דאַרף ניט אַלץ וויסן. ער וועט עס זיכער ניט פאַרשטיין.

פון דעמאָלט אָן האָט דאָס ייִנגל אָנגעהויבן נאָכקוקן אַלע אַנדערע אויסטערלישע מענטשן פון שטעטל. חיים לוריע — דער משוגענער, איז געווען איינער פון זיי. אַ הינקענדיקער איז ער געווען. אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציק בערדל און אַ שפּיציק פּנים — א פויגל פּנים, און אַ שאַרף מויל. ייִנגלעך פלעגן אים נאָכלויפן און ליב האָבן אַוועקצוכאַפּן זיין קוליע. חיים־לוריע פלעגט בלייבן שטיין אינמיטן גאַס, אין דער בלאָטע, אַן אומבאַ־האָלפענער, זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט אָן דער קוליע.

ס׳איז שבת פאַרמיטאָג. דער הימל איז פאַרוואָלקנט. אינמיטן גאַס שטייט דער משוגענער מיט אַ צעקרימט פּנים און ניט וויט פון אים אַ כאָפּטע ייִנגלעך מיט זיין קוליע.

אַ ייִנגל האַלט די קוליע און רייצט זיך:

— ווילסט דיין קוליע, לוריע? קום און נעם זי.

און ער שטייט און שעלט:

— אַ קלאָג זאָל זיין אויף אייך!

— אַ פינצטער יאָר אויף אייך!

— מיין קוליע גיט מיר אַהער!

— הערט! איך פאַרשעלט אייך מיט מיין הינקענדיקן פוס!

די ייִנגלעך טאַנצן פון פרייד.

לייוויק שטייט אין אַ זייט, קוקט אויף די פריילעכע, שטיפערישע פּנימער פון די ייִנגלעך און אויפן פאַרקרימטן פּנים פון לוריען. אַ רחמנות, אַ צער דערוועקט זיך ביי אים אויף דעם אומגליקלעכן, אומבאַהאָלפענעם קאַליקע.

דאָס ייִנגל שטייט און קוקט און וויים ניט ווער עס איז משוגע —

דער קאַליקע, וואָס שטייט מיטן פלאַמיקן פּנים און שעלט, אָדער די פריי־לעכע כאָפּטע יינגלעך, וואָס מאַטערט אומזיסט און אומנישט אַ מענטשן.

לוריע ווערט מיד. ער שרייט מער ניט, נאָר די ליפּן שעפּטשען קללות. לייוויקן דוכט זיך, אַז חיים לוריע איז אויך ניט קיין פּראָסטער משוגענער. עפּעס שטעקט אין אים.

און נאָך איינער אַזאַ איז געווען אין שטעטל — דעם פּריצעס משוגע־נער זון. אַלע האָבן גערעדט פון אים. דער פּריץ האָט אים ניט געוואָלט פאַרשיקן אין אַ משוגעים־הויז. האָט ער אויסגעבויט אַ קליין מויערל פון איין צימער אין ווינקל פון הויף און דאָרטן פאַרשפּאַרט דעם זון. דער יונגערמאַן איז אָבער געווען ווילד, האָט אים דער טאַטע צוגעשמידט מיט אַ קייט צו דער וואַנט. גאַנץ אָפט האָט זיך לייוויק פאַרגנבעט צום איינ־ציקן קליינינקן פענצטערל און אַריינגעקוקט אין צעל. זעט ער — אַ מענטש זיצט צוגעשמידט צו דער וואַנט. אַ באַוואַקסענער איז דער מענטש, מיט ווילדע אויגן, זיצט ער שטיל פאַרגראָבן אין זיך. טוט ער זיך אַ קער, אַ ריר, טוען אַ קלונג די קייטן.

יאָרן שפּעטער איז פון מענדל נאָר געוואָרן דער גולם, פון חיים־לוריע — תנחום, און פון פּריץ זונס צעל — דער פינפטער טורעם.

## קלעפּ פאַר אַ צעבראָכן גלאָז

געדענקט לייוויק אַ פאַל ווען דער טאַטע איז געווען אויסערגעוויינט־לעך גוט צו אים.

ס'איז ערב שמחת־תורה. דער טאַטע העלפט אים מאַכן אַ פאָן. אין אָוונט אין שול געפינט ער פאַר אים אַ גוטע באַנק וואו צו שטיין. ער צינדט אָן פאַר אים דאָס ליכטל, וואָס איז אַריינגעשטעקט אין רויטן עפּל אויף דער פאָן.

שטייט דאָס יינגל אויף דער באַנק אַ פריידיקער, אַ גליקלעכער. מען נעמט אַרויס די ספר־תורהס און מען גייט הקפות. מען זינגט, מען טאַנצט. די גאַנצע שול איז פול מיט ליכט, געזאַנג און דעם טאַטנס ליבן, מילדן פּנים.

מען גייט אַרויס פון שול. פון שול אַהיים האָט מען געדאַרפט דורכ־גיין דעם לאַנגן מאַרק און פון מאַרק אין געסל. גייען טאַטע און זון האַרט איינע ביי די אַנדערע.

מיט אַמאָל דערפילט דאָס ייִנגעלע אַז דער טאַטע נעמט אים אָן ביי דער האַנט, ער רירט זי אָן מיט ליבשאַפט. לייזויק דערפילט אַ ציטער־דיקע פרייד. זיין קליינע האַנט אין דעם טאַטנס גרויסער וואַרעמער האַנט. און דער טאַטע איז אַזאַ גוטער, הויכער, געוויקסיקער וואָס זעט און ווייס אַלץ. גליוועדט דאָס ייִנגל אין פרייד — אַי ס'איז גוט!

אָבער דאָס איז געווען לאַנג, לאַנג צוריק. ער איז נאָך דאַן אַפילו קיין זעקס יאָר ניט אַלט געווען. אָבער איצט?

טיף אין זיך האָט דער טאַטע ליב זיין בכור, זיין עלטסטן, אָבער זייער זעלטן ווייזט ער אַרויס זיין ליבשאַפט. אַלעמאָל נאָר רוגזה און אָפט קלעפּ. און ער, דער שטילסטער פון אַלע קינדער, פילט האַרב דעם טאַטנס פינ־גער אויפן פנים און וויינט אָפט שטיל אין קישן.

ס'העלפט ניט אַפילו קיין פלייסן זיך.

ס'איז אַ ווינטערדיקער עסיקער פרייטיק. ס'איז שוין שפעט און עס הייבט אָן טונקלען. אין שטוב צעברעכט זיך דאָס גלעזל פון לאָמפּ. ליי־וויק טוט זיך אָן שנעל און לויפט אַוועק אין קראָם קויפן אַ גלאָז. ס'איז קאַלט און גליטשיק. דאָס ייִנגל אָבער לויפט מיט אַלע כוחות: ס'איז דאָך ערב שבת און באַלד וועט מען פאַרמאַכן די קראָמען.

ער קומט שנעל צוריק. ער לייגט אַוועק פאָרזיכטיק דאָס גלאָז אויף דער גראַטקע, טוט שנעל אויס דעם מאַנטל און נעמט זיך רייניקן דאָס גלאָז.

ער רייניקט עס מיט אַ ווייכן האַנטוך. פוצט. קיין שפרינקעלע זאָל אויף דעם ניט זיין. מיט אַמאָל אַן אומגליק — דאָס גלאָז צעברעכט זיך. דער טאַטע פאַלט אַריין אין כעס און נעמט שלאָגן. פון ייִנגל רייסט זיך אַרויס אַ יאָמער. אַ יאָמער פון פאַרדרוס וואָס דער טאַטע שלאָגט אומזיסט. ער פלייסט זיך דאָך, לויפט אין גליטש און אין קעלט, כאַפּט רייניקן דאָס גלאָז ניט געהייסנערהייט, און ער שלאָגט גאָר.

## א י ן ח ד ר

דער רבי האָט לייזויקן ליב. שלאָגט אים קיינמאָל ניט. שטעלט אים אַרויס אַלס אַ מוסטער. לייזויק זעט, ער זאָל ניט אַנטוישן דעם רבין.

איינמאָל האָט אים אָבער דער רבי געשלאָגן. אָבער מאָדנע, לייזויק געדענקט אַז עפּעס נאָך די קלעפּ האָט ער געפילט גוט, משונהדיק גוט.

ס'האָט געטראָפן אַזוי:

## ה. ליוויק

אין חדר איז געווען אַ ייִנגל אַ מסור. דאָס ייִנגל איז געווען אַ גראָבער, אַ פעטער, אַן איבערגעוואַקסענער. ער איז דערגאַנגען די יאָרן די ייִנגלעך מיט זיינע מסירות. חברה האָט באַשטימט זיך אָפּצורעכענען מיט אים. לייוויק איז געוואָרן דער אָנפירער.

נאָכן לערנען, אויפן וועג פון חדר צום לאַנגן מאַרק, האָבן די ייִנגלעך זאַלבע־זיבן זיך באַהאַלטן הינטער אַ פאַרקאַן און באַפאַלן דעם מסור און אים געשלאָגן מכות רצח. געשלאָגן און צו יעדן קלאַפּ צוגעלייגט:

נאַ, וועסט ווייטער זיין אַ מסור?

נעם, וועסט ווייטער מסרן?

אויף מאָרגן זיינען די ייִנגלעך געקומען אין חדר, אַרומגעזעצט זיך אַרום טיש, פאַרטיפט אין די גמרות, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען. לייוויק איז געזעסן אַן אומעטיקער. אים איז עפּעס, זינט דעם אָנפאַל, געווען שלעכט אויפן האַרצן.

אַז דער רבי איז אָנגעקומען האָבן די ייִנגלעך געזען, אַז ער ווייס שוין אַלץ. דער רבי אָבער האָט קיינעם ניט געטשעפּעט. ער איז צוגעגאַנגען צו לייוויקן און בלייך ווי קאַלך האָט ער אַרויסגערעדט:

— דו אויך אַ שלעגער? אויף דיר האָב איך זיך עס ניט געריכט. און דו ווייסט, אַז איך האָב דיך קיינמאָל ניט אָנגערירט. היינט אָבער וועל איך געבן פּעטש. דו ביסט עס ווערט.

און ער האָט געפּאַטשט!

אָבער מאָדנע! וואָס מער דער רבי האָט געשלאָגן אַלץ לייכטער איז דעם ייִנגל געוואָרן אויפן האַרצן. ס׳זיינען פאַר אים געווען פאַרדינטע קלעפּ. ער האָט ניט געוויינט ווי ווען דער טאַטע האָט אים געשלאָגן. פּונקט פאַרקערט: ס׳איז געווען עפּעס ווי אַן אויסגלייכעניש פון דעם גאַנצן ענין.

## ישיבה

אַ פולע שטוב מיט קינדער. איינס אונטערן אַנדערן. אָרעמקייט און קריגערייען. דער בייזער טאַטע ווייס אָבער אַז לייוויק איז אַ געראָטענער. ער טאָר ניט פאַרפאַלן ווערן. ער דאַרף קומען צו אַ תכלית. מען דאַרף אים אָוועקשיקן אין דער ישיבה.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס ייִנגל צו דער ישיבה נאָך זומער־צייט. דאָס ערשטע — אויפגענייט אַ קאַרטענעם פּאַלטאָ מיט אַ

וואַטאָוון אונטערשלאַק. דער פּאַלטאָ איז געווען ברייט און לאַנג, ער זאָל זיין גוט אויף עטלעכע יאָר. אַ קינד וואַקסט דאָך.

אויפגעניִיט דעם פּאַלטאָ, האָט זיך דער טאַטע אַליין אָוועקגעלאָזן אין דער ישיבה אין בערעזין. דאָרטן האָט ער באַשטעלט פּאַרן זון טעג. נאָך סוכות האָט ער אָוועקגעפירט דאָס יינגל און אים פאַרגעשטעלט פאַר די באַלעבאַטים. דאָס יינגל, אַ שעמעוודיקער, אַ צוריקגעהאַלטענער, איז גע־גאַנגען מיטן טאַטן און געפילט די שאַנד פון אַריינגיין ווי אַ בעטלער צו יענעם אין הויז, זיך שטעלן ביי דער טיר און — אָט בין איך!

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס.

דאָס ערגסטע איז געווען וואָס עטלעכע טעג האָט דער טאַטע באַשטעלט אין רייכע הייזער. מען האָט דאָרטן דאָס יינגל געזעצט אין קיך. לייוויק האָט געפילט אַז די גבירישע באַלעבאַטים גיבן ניט דעם טאָג עסן צוליב אמתער מצוה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל זיי דאַרפן זיך גרויסן מיט דעם. דערפאַר אָבער האָט גאָר אָפט געטראָפן, אַז די דינסט האָט אונטערגעשטופּט אַ געשמאַקן ביסן, באַגלייט מיט אַ קללה אויף דעם חשובן באַלעבאָס. דאָס יונגע יינגל האָט שוין גאָר פרי אין זיין לעבן דערפילט דעם תהום צווישן אָרעם און רייך.

ער איז געווען זייער פרום. געווען אַ מתמיד. ווייניק געגעסן. גע־שלאָפן אויף דער האַרטער באַנק. געהונגערט און געליטן, אָבער ער האָט עס אָנגענומען פאַר ליב. עס שטייט דאָך געשריבן: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן, אָן אָרעם לעבן זאָלסטו לעבן — אַזוי איז דער וועג פון דער תורה.

פון קליינוויז אָן האָט דאָס יינגל זיך געהאַלטן פאַר אָן אויסדערוויילטן. ער איז דאָך אַ כהן. ווען ער וועט בר־מצוה ווערן וועט ער דוכנען, בענטשן דאָס פאָלק מיט אויסגעשפּרייטע הענט. ער איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע יינגלעך. ער האָט אַ בונד מיט גאָט. דאָס וואָס ער ליידט איז ניט אומ־זיסט. עפּעס וועט דערפון אַרויסקומען.

נאָך יינגלוויז, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן.
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דערווייטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן.
איך האָב שוין דאַן געזען ווי מענטשן ליידן, שווייגן,
האָב איך דעם שווייגן זייערן אין זיך פאַרנומען

## ה. לייוויק

און עפעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט און ווייטער עלטער
עפעס גרויסעס וואונדערלעכעס וועט פון ליידן קומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ווייס ניט, ווער עס האָט מיך אויסדערוויילט פון אַלע,
און פרעמד, פאַרשעמט פון אַלעמען דערווייטערט.
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ האָב איך פאַר גוט עס אָנגענומען,
„מיין יוגנט אין דערוואַרטונגען געלייטערט".

יעדע געשעעניש אין זיין לעבן האָט אַ מיין, אַ זין. ס'איז אַ צייכן פון גאָטס האַנט. אַט איז ער געקומען אין אַ הויז עסן; עסן דעם „טאָג".

זיצט ער ביים טיש און דאָס הויז איז פול מיט מיידלעך. שעמט ער זיך עסן. ער שניידט דאָס ברויט און פון פאַרלאָרנקייט שניידט ער אַריין דאָס מעסער אין האַנט ביזן ביין. שיר ניט אַראָפּגעשניטן אַ פינגער. ס'טוט אַ גאָס בלוט. ס'טוט שטאַרק ווי. דאָס יינגל דערשרעקט זיך אָבער ניט. פאַרקערט, ער נעמט עס אָן אַלס אַ צייכן פון גאָט. אַ צייכן פון אַ בונד, וואָס ער פאַרשניידט מיט זיין גורל. אַ בונד געשלאָסן מיט בלוט אַט ווי עס ווערט דערציילט אין חומש וועגן אברהם אָבינוס בונד מיט גאָט...

דאָס יינגל איז איינגעשלאָסן אין זיך. מאָדנע געדאַנקען פאַרכאַפּן אים. ער הייבט אָן דאַווענען מיט מער כוונה פון טאָג צו טאָג. דאַוונט אַלע טאָג מיטן ערשטן מנין, און מיט גרויס התלהבות.

אין יענעם יאָר האָט מען זיך געריכט אין שטעטל אַז משיח וועט קומען. מען האָט זייער שטאַרק געשמועסט וועגן דעם אין בית־מדרש, אין גאַס. מען האָט אַפילו פאַראויסגעזאָגט דעם טאָג.

וואָכן פאַרן באַשטימטן טאָג איז לייוויק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרקלער־טער. ער האָט זיך אַלץ פאַרגעשטעלט ווי יידן פון אַלע לענדער וועלן נעמען האָק און פּאַק און לאָזן זיך קיין ארץ־ישראל. ווי וועלן אויסזען די פאַרלאָזענע גאַסן? ווי וועט אויסקוקן ארץ־ישראל? און וואָס פאַר אַ גע־שטאַלט וועט משיח האָבן?

דער באַשטימטער טאָג איז אָנגעקומען, פאַריבער, און משיח האָט זיך ניט באַוויזן. לייוויק איז ניט געוואָרן אַנטוישט. ער איז געווען זיכער אַז די מענטשן האָבן געמאַכט אַ טעות אין רעכענונג. ווען משיח וועט דאַרפן אָנקומען וועט ער וויסן דער ערשטער.

## וויל ניט ווערן קיין אַפּיקורס

אין יענער צייט, אַרום 1899, האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין שטעטל רעוואָלוציאָנערע גרופּעס. חברה־אַרבעטער פלעגן קומען אין שול און אָפּלאָכן פון די ישיבהניקעס. אָפּט אָפּגעלאַכט ניט נאָר מיטן מויל נאָר טאַקע געלאָזן פילן זייער שפּאַט מיט די הענט. זייער באַליבטסטער וועג פון אויפקלערן איז געווען אַ כאַפּ טאָן אַ ישיבהניק, אים אויסציען ווי גרויס ער איז, אָנכאַפּן אַ שטיק בויך און שטעלן באַנקעס — קנייפּן אויף אַ קונציקן אופן. דער ישיבהניק האָט געשריען און חברה־פּועלים האָט געריסן שטיקער בויך און געלאַכט: פּאַטראָן, ס'איז דאָך ניט דיין בויך.

לייוויק האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן אָט די פּראָסטע בחורים. ער האָט אויסגעפונען אַז די באַלמעלאָכעס שטעלן זיך אַנטקעגן קייסער. זיי ווילן איבעראַנדערשן די וועלט, עס זאָל ניט זיין קיין אָרעם און קיין רייך. שלאָגן זיך מיט גויים פאַר ידישן כבוד. זיי זיינען דאָך באַהאַלטענע גיבורים!

איין זאַך האָט אים באַאומרואיקט און צעטומלט. זיי ווילן גאָר ברענגען די גאולה אויף דער וועלט אָן גאָטס הילף. גאָר אַנדערש ווי עס ווערט דערציילט אין גמרא. ווי שיקט זיך עס? באַלד איז אָבער אויף אים אָנגעקומען אַ נייע צעטומלעניש.

דער ראש־ישיבה אין בערעזין איז געווען אַ באַהאַלטענער ציוניסט און העברעער. ער האָט געוואָלט אַז די ישיבה־בחורים זאָלן אויך קאָנען לשון־קודש, האָט ער אָנגעשטעלט אַ לערער צו לערנען מיט די ישיבהניקעס. שפּעט אין אָוונט פלעגט דער לערער קומען, אויסזעצן אַרום די טישן די בחורים און לערנען מיט זיי העברעאיש נאָך דער לעצטער מעטאָדע.

דאָס ייִנגל האָט זיך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן נייעם לימוד. ער האָט שנעל געכאַפּט דעם שניט פון דיקדוק; באַלד געקאָנט בויען אַ זאַץ און אַליין אָנגעהויבן שרייבן שירים אין העברעאיש.

ווען דאָס ייִנגל האָט שוין געהאַט ביי זיך אַ היפּש פּעקל לידער, האָט ער עס געוויזן דעם לערער. דעם לערער זיינען די לידער שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט געזאָגט צום ייִנגל:

— קום צו מיר אַהיים און נעם אַרויס ביכער פון מיין ביבליאָטעק צום לייענען.

דאָס ייִנגל האָט עס געטאָן. דאָס ערשטע ביכל איז געווען סמאָלענסקיס „התועה בדרכי החיים" — „דער וואָס בלאָנדזשעט אין די וועגן פון

לעבן״. אַ מעשה מיט אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט פאַרלאָזט די ישיבה און גענומען זיך צו אַלגעמיינע לימודים. דאָס ביכל האָט זייער שטאַרק צע־טומלט דעם יונגן לייוויקן: די ישיבה איז גאָר איבעריק, זינלאָז. דאָס לערנען גמרא איז אַ נאַרישקייט.

גאַנצע טעג גייט ער אַרום ווי אַ צעדולטער. באַלד אָבער קומט ער צו זיך. ניין, ס׳איז אַ ליגן. ער נעמט זיך געשמאַקער צום לערנען. זאָגט מער תהילים, דאַווענט מיט מער כוונה און לאָזט אויס מיט אַן אייגענער תפילה צו גאָט:

„רבונו של עולם, פאַרגיב מיר מיינע זינדיקע געדאַנקען!״

אין דער צייט זיינען אָנגעקומען אין שטעטל עטלעכע סטודענטן, זין פון די רייכע יידן ביי וועמען ער האָט געהאַט זיינע „טעג״. די סטודענטן האָבן גענומען אַגיטירן צווישן די ישיבה־בחורים, אַז זיי זאָלן זיך נעמען לערנען רוסיש. מיט אַגיטאַציע אַליין האָבן זיך די סטודענטן ניט באַנוגנט. זיי האָבן אין אַ שיינעם מיטוואָך געעפנט אַן אומזיסטע רוסישע שקאָלע. פראָסט און פשוט: זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ סאַליע (זאַל) אין אַ שטוב, צעשטעלט בענק, ווי אין אַן אמתער גימנאַזיע, און געעפנט קלאַסן.

דאָס אויסשטעלן שול־בענק, ווי אין אמתע „קלאַסן״, האָט אָנגעמאַכט אַ רושם אין שטעטל. אַ סך ישיבה־בחורים האָבן זיך פאַרשריבן. לייוויק אויך.

חברה האָט זיך אָנגעהויבן לערנען רוסיש מיט אַ קנאַק. נאָר אין לייוויק איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער, אַ טרויעריקער: ער פאַרלאָזט די תורה, ווי אַלע אַנדערע אַפּיקורסים.

ער איז ניט געשלאָפן קיין נעכט. אים האָט זיך געדוכט אַז די תורה קומט און קלאָגט:

— מיינע קינדער פאַרלאָזן מיך.

אָנגעטאָן אין שוואַרצן שטייט די תורה אין אַ ווינקל און קלאָגט. באַלד קומט די שכינה, איינגעהילט אין טרויער, שטעלט זיך אין אַן אַנדער ווינקל און וויינט שטיל אויף דעם גרויסן בראָך...

— ניין, ער קאָן עס ניט, ער קאָן עס ניט, — באַשטימט ביי זיך דאָס יינגל.

אויף מאָרגן איז ער געקומען אין קלאַס, צוגעגאַנגען צום לערער און געזאָגט קורץ:

— איך קאָן מער ניט!

— וואָס קאָנט איר מער ניט? — האָט דער לערער געפרעגט.
— איך קאָן מער ניט גיין אין די קלאַסן.
— פאַרוואָס?
— ווייל איך קאָן ניט פאַרלייקענען די תורה.
דער לערער האָט אָנגעהויבן איינטענהן מיט אים:
— דו ביסט אַ גוטער תלמיד, דו לערנסט זיך זייער גוט. פאַרבלייב מיט אונדז. מירן דיך צוגרייטן צו פיר קלאַסן גימנאַזיע. וועסט אַוועקפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, אויסהאַלטן דעם עקזאַמען און די גאַנצע וועלט וועט זיין אָפן פאַר דיר. וואָס אָבער וועסטו דערלעבן אין דער ישיבה? ווערן אַ מלמד אָדער אַ רבל אין אַ שטעטל?
דאָס יינגל האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס:
— איך קאָן ניט פאַרלייקענען די תורה.
ס׳האָט ניט געהאָלפן דעם לערערס רייד, די רייד פון חברים. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער האָט אויפגעגעבן די שקאָלע, אָנגעהויבן לערנען גמרא געשמאַקער, געוואָרן נאָך פרימער ווי פריער. איין זאַך אָבער האָט ער ניט אויפגעגעבן — שרייבן לידער...

## דער פעטער — דער מיליאָנטשיק

פון קינדוויז אָן האָט לייוויק געוואוסט אַז ער האָט אַ פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער, אין אָדעס. דער פעטער איז אַ מיליאָנטשיק. אַמאָל איז דער פעטער געווען אָן אַרבעטער — אַ מאַטראַצן־מאַכער. איצט איז ער אַ פאַבריקאַנט און איז זייער רייך.
אין חדר נאָך האָט לייוויק געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט. טאַטע־מאַמע פלעגן אים הייסן שרייבן האַרצרייסנדיקע בריוולעך צום פעטער און וועקן רחמנות צו דער משפחה. דער פעטער האָט אויף די בריוו ניט געענטפערט. טאַטע־מאַמע האָבן אָבער אַלץ געהאַלטן אין איין שרייבן.
דעם קליינעם יינגל איז עס ניט געפעלן געווען. ס׳איז עפּעס ניט שיין, גאָר מיאוס צו בעטן זיך אַזוי ביי איינעם. דער פעטער איז טאַקע אַ חזיר, ענטפערט קיינמאָל ניט אויף די בריוו, איינמאָל אין אַ שמיטה פאַרוואַרפט ער אַ פּאָר רובל און אַלץ אָן אַ בריוול. אָבער דאָס שרייבן צום פעטער, דאָס בעטן, דאָס איבערטרייבן די ביטערע אָרעמקייט איז אויך ניט אַזאַ שיינע זאַך...

## ה. לייוויק

ווען לייוויק איז אַלט געווען אַ יאָר דרייצן, קריגט ער אַ בריוו פון טאַטע־מאַמע, ער זאָל באַלד קומען אַהיים, טאַקע תיכּף, ניט וואַרטן קיין טאָג.

ער איז געקומען אַהיים און זיך דערוואוסט, אַז די מאַמע איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון אָדעס. זי האָט באַזוכט איר רייכן ברודער און מיט געוויין און קלאָגערייען אויסגעפירט אַז ער זאָל איר העלפן אַריבער־פאָרן מיט דער גאַנצער משפחה קיין ניקאָלאַיעוו און דאָרטן איינאָרדענען אַ בעקעריי.

די מאַמע האָט געבראַכט אַ באַרג מיט אָפּגעניצעוועטע קליידער: דעם פעטערס אַלע אַנצוגן, דער מומעס געטראָגענע קליידלעך, אויך קינ־דערשע אַלטע זאַכן.

שבת מעסט אָן די מאַמע אויף זיך אַ לאַנג קלייד מיט אַ שלעפּ און פאַלדן. דער טאַטע אָן אַנצוג — אָדעסער מאָדע — אַ געקעסטלטן אַנצוג און אַ האַרטן געלן הוט.

דאָס ייִנגל קוקט אויף דער מאַמעס פאַררויטלט פּנים. זעט ווי זי שטייט אָנגעטאָן אין די מאָדנע מלבושים און עס קלעפּט זיך עפּעס ניט ביי אים. ער קוקט אויפן שטאָלצן, בייזן טאַטן, דער טאַטע מיט דער רויטער באָרד און דאַרע פּלייצעס אין אַן אָדעסער געקעסטלטן קאָסטיום! עס איז פּאַסקודנע, מיאוס. טאַטע־מאַמע קוקן דאָך אויס ווי פאַרשטעלטע קאָמע־דיאַנטן. וואָס האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין פרעמדע בגדים? מען וועט דאָך לאַכן פון זיי.

אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג געפינט זיך דאָס ייִנגל ניט קיין אָרט. ווי מיאוס און אונטערטעניק די אָרעמקייט מאַכט מענטשן!

די משפחה האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג. מען האָט פאַרקויפט, וואָס מען האָט געקאָנט. דאָס איבעריקע איינגעפּאַקט אין אַ בויד און זיך גענומען שלעפּן קיין ניקאָלאַיעוו. מען האָט זיך פאַרשלעפּט קיין ניקאָ־לאַיעוו און דאָרטן געעפנט אַ בעקעריי.

די מאַמע האָט געבאַקן ברויט און בולקעס און טאַטע און דער עלטע־רער זון — לייוויק — זיינען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג אָנגעפּאַקט קערב און קאָשיקעס מיט ברויט און בולקעס און פאַנאַנדערגעטראָגן די געבעקסן צו די קונדן.

ס'האָט אָבער ניט געטויגט. מען האָט ווייניק פאַרדינט. דער טאַטע איז ניט געווען קיין געראָטענער סוחר. ס'איז געוואָרן טרויעריק. דער

טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ: מילא ער אַליין איז שוין אַ פאַר־פאַלענער. אָבער דאָס יינגל?

טאַטע־מאַמע האָבן געטראַכט און געטראַכט און באַשטימט אָוועקשיקן דאָס יינגל קיין אָדעס צום פעטער — מעגלעך אַז דער רייכער פעטער וועט אים אַריינגעבן אין דער פאַך־שול „טרוד". דאָרטן וועט דאָס יינגל זיך אויסלערנען אַ מלאכה.

אָבער דער פעטער איז ניט שטאַרק צופרידן מיטן גאַסט. ער גיט דעם יינגל אָנצוהערעניש, אַז ער איז אַן איבעריקער אין הויז, און ער זאָל צוריקפאָרן.

לייוויק האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. צוריקפאָרן האָט ער ניט צו וואָס. זיי האָבן דאָך אים אומישנע אָוועקגעשיקט פון דער אָרעמקייט. אָבער דאָ זיין קאָן ער אויך ניט. איז ער געוואָרן נאָך פרי־מער, געדאַוונט מיט מער האַרץ, געזאָגט אַ סך תהילים און שטענדיק, נאָכן דאַוונען און תהילים זאָגן, האָט ער צוגעלייגט זיין אייגענע תפילה:

— גאָט, גאָט, ראַטעווע מיך פון אָדעס!

## דער קלונג פון גאָלדענע אימפּעריאַלן

ס'איז ווינטער און גוט קאַלט. דאָס יינגל קאָן ניט אַרויס אין גאַס און דעם פעטערס הויז איז אַ תפיסה. די שטוב איז גרויס און רייך אָבער פאַר אים איז ניטאָ קיין אָרט. די שטאָט איז שיין אָבער זינדיק. מען פאַרט און מען רייכערט אום שבת. מען גייט ניט אין שול דאַוונען. ער איז אַליין און האָט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.

דעם פעטערס הויז פירט מען מיט אַ ברייטער האַנט. געדעקטע רייכע טישן אָנגעשטעלט מיט כל טוב צו יעדן מאָלצייט. מען סערווירט אַזוי פיל עסן, אַז עס וואָלט געווען גענוג פאַר נאָך צען מאָל אַזוי פיל עסערס. דער פעטער אָבער רירט זיך ניט צו צו די אַלע מאכלים. ער האָט פון צופיל עסן פאַרלאָרן זיין געשמאַק. קיין זאַך שמעקט אים ניט. ער פילט אַ טעם נאָר אין איין איינציקן מאכל — טאַראַנעס (אַזעלכע געטריקנטע ביליקע פיש) געקאָכט מיט קאַרטאָפל.

אויפן טיש געבראָטענע קאַטשקעס, געפילטע העלדזלעך, ווייסע זע־מעלעך, פעטע יויך, געררייכערטע פישן, ווײַנען און דער פעטער זיצט אויבנ־אָן און עסט טאַראַן געקאָכט אין קאַרטאָפל. עסט עס מיט שוואַרץ ברויט, פאַרטרינקט מיט וואַסער און פּאַסמאַקעוועט זיך.

טאָג איין, טאָג אויס זעט דאָס יינגל די זעלביקע סצענע, ער קאָן זיך אָבער צו דעם ניט צוגעוואוינען. ס'קוקט אים אויס משונה ווילד. ער קאָן ניט פאַרשטיין ווי קאָן זיך עס אַ מענטש אַזוי איבערזעטיקן. אין מוח פּיקט אַ געדאַנק — ווען די מאַמע און די קינדער וואָלטן געוועזן! זיי וואָלטן דאָס עסן זיכער געשמעקט.

אין אַ רעגנדיקן ווינטער טאָג איז דער טאַטע געקומען פון ניקאָלאַיעוו קיין אָדעס צום פעטער.

ס'איז אָוונט, נאָכן עסן. מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש טרינקען טיי. דעם טאַטנס פּנים איז שוואַרץ ווי ערד. ער איז ניט אויסגעשלאָפן, דער טאַטע, פאַרמאַטערט. נאָר די צוויי אויגן ברענען און די רויטע באָרד ציטערט.

זיצט די משפּחה אַרום טיש און דער טאַטע דערציילט זיינע צרות:

— די בעקעריי מוז מען אויפגעבן. אין הויז איז ניטאָ קיין קויל, די קינדער גייען אַרום אָן ווינטער־מלבושים, באָרוועסע, קאָנען ניט אַרויס פון הויז. ס'איז ניטאָ קיין גראָשן אין שטוב. ער האָט די משפּחה איבערגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט, געקומען בעטן אויף הוצאות, זיך אומקערן צוריק קיין איהומען, אין מינסקער גובערניע, אַהיים.

דער פעטער זיצט אַ קאַלטער, אַ גלייכגילטיקער, מאַכט זיך ווי ער פאַרשטייט ניט די לאַגע. און דער טאַטע רעדט און רעדט:

— ער, דער פעטער, מוז איצט אַרויסהעלפן. ער איז דאָך טיילוויז שולדיק אין גאַנצן עסק.

און דער פעטער ענטפערט רואיק:

— דו ווילסט צופיל געלט. הוצאות אויף צוריק קיין איהומען דאַרף קאָסטן אַ היפשע מטבע. זע קריג ערגעץ אַנדערש אַ פּאָר רובל.

— וואו קאָן איך קריגן אַ גראָשן? איך האָב דאָך שוין אייך דערציילט, אַז איך האָב איבערגעלאָזן אַלעמען אויף גאָטס באַראָט אָן אַ גראָשן געלט.

דער פעטער מאַכט זיך נאָך אַלץ ווי ער פאַרשטייט ניט די לאַגע.

ס'איז געוואָרן גוט שפּעט. אַלע זיינען אַוועק פון טיש. נאָר דער טאַטע, דער פעטער און לייוויק זיינען געבליבן אַרום טיש.

דער טאַטע רעדט שוין מיט טרערן אין די אויגן און דער פעטער שפּילט זיך מיט זיין גילדערנעם קייטעלע.

ס'איז געוואָרן נאָך שפּעטער. באַלד דאַרף אָפּפאָרן די שיף פון אָדעס

קיין ניקאָלאַיעוו. דער טאַטע וויל ניט פאַרשפּעטיקן די שיף. ער שטעלט זיך מיט אַמאָל אויף, גיט אַ קלאַפּ אין טיש:

—גזלן איינער! איך בעט ביי דיר פּופּציק רובל. ס'איז דאָך ביי דיר קליינגעלט, גראָשנס. און ס'איז פאַר דיין אייגן בלוט און פלייש — ראַטעווען דיין שוועסטער און אירע פּיצלעך און דו שטייסט אַ רואיקער ווי אַ פרעמדער מיט אַ פאַרשטיינערט האַרץ.

דער פעטער איז ניט אין כעס געוואָרן. ער האָט זיך רואיק אויפגעהויבן פון שטול, אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין וועסטל-קעשענע, אַרויסגענומען צען גאָלדענע אימפּעריאַלן, אַ וואַרף געטאָן זיי אויפן טיש און אַרויסגעזייט:

— נאַ, נעם און לאָז מיך צורו!

די אימפּעריאַלן האָבן אַ קלונג געטאָן אויפן האַרטן טיש. דער קלונג האָט דעם יינגל אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ ווי מען וואָלט אויסגעשאָסן מיט אַ פּיסטאָלעט פאַרביי די אויערן. ער האָט געוואָלט זיך אַ הייב טאָן, אַ כאַפּ טאָן די קייקלענדיקע גאָלדענע מטבעות און זיי אַ שמיץ טאָן דעם פעטער צוריק אין פּנים אַריין... דער טאַטע האָט אָבער צונויפגענומען דאָס געלט און אַ זאָג געטאָן צום יינגל:

— קום!

זיי זיינען אַרויס אָן אַ גוטער נאַכט. אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ ווינט און ס'האָט געגאָסן אַ שלאַקס רעגן. דער טאַטע איז געגאַנגען נעמען די שיף קיין ניקאָלאַיעוו. דאָס יינגל איז אים נאָכגעגאַנגען און שטיל געביסן די ליפּן. אים האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט אין די אויערן דער קלונג פון די גאָלדענע אימפּעריאַלן. צום טאַטן האָט ער אָנגעהויבן פילן אַ מאָדנע טיפע ליבשאַפט...

## מינסק

די פאַמיליע האָט זיך צוריקגעקערט אין שטעטל איהומען און דאָס יינגל האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין מינסק אין דער ישיבה. ער האָט אין מינסק געגעסן טעג ווי אין בערעזין און גוט צוגעהונגערט. אין יענער צייט איז ער געוואָרן אויס פרום. ער האָט געפירט אַ טאָפּלט לעבן — כלומרשט געלערנט גמרא און געפירט זיך ווי אַ פרומער ישובהניק, אין דער אמתן אָבער האָט ער נאָר אויסגענוצט די ישיבה כדי צו קאָנען זיך

לערנען רוסיש. דעמאָלט האָט אים זייער שטאַרק פאַרדראָסן וואָס ער האָט איבערגעלאָזן די שקאָלע אין בערעזין.

געוואוינט האָט לייוויק מיט נאָך אַ בחור ביי אַ משולח, וואָס האָט געקליבן געלט פאַר אַ ישיבה ערגעץ וואו. דער משולח האָט געפירט אַ פרומען שטאַט, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ מענטשן. אין דער אמתן איז ער געווען, וואָס מען רופט, אַ גאַטס גנב — ניט געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין געלט־זאַכן, אים האָט אויך ניט געאַרט וואָס די ישיבהניקעס זיינען ניט פרום. לייוויקן איז עס געווען פריקרע.

ביי דעם זעלביקן משולח איז אָבער איינגעשטאַנען נאָך אַ קוואַרטיראַנט — אַ פּרוש. אָט דער פרוש איז געווען אַ מאָדנער פאַרשוין, אַ קליינינקער, אַ דאַרער מיט מילדע אויגן. שטענדיק געשוויגן, זיך ניט געמישט אין די הייסע וויכוחים, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין הויז. ער פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג און קיינמאָל זיך ניט געלייגט שלאָפן פאַר צוועלף ביינאַכט. לייוויק פלעגט שטענדיק זיצן און וואַרטן אויף אים. געוויינטלעך פלעגט לייוויק זיצן מיט אַ ביכל אָדער זשורנאַל.

דער פרוש קומט אַריין. גייט צו צום אויוון, נעמט אַרויס אַ טעפּעלע בעבלעך געקאָכט אין וואַסער נאַר, אָן פּעטס. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט און זיך גענומען גרייטן גיין שלאָפן.

אַזוי אַ גאַנצע וואָך. פרייטיק־צו־נאַכט פלעגט ער עסן מיט אַלעמען ביים טיש.

גאַנץ אָפט, ווען ער איז געזעסן און געגעסן, האָט לייוויק זיך צו־גערוקט צו אים און פאַרגעלייענט עפּעס פון אַן אַפּיקורסישן ביכל אָדער זשורנאַל. דער פרוש פלעגט אים אויסהערן און שווייגן. אַז לייוויק איז צו אים צוגעשטאַנען:

— סטייטש, ווי קאָן מען פאַרענטפערן? אדרבא, זאָל ער אים עס דערקלערן?

דער פרוש רעגט זיך ניט אויף. קוקט מיט זיינע מילדע אויגן אויפן יונגן בחורל און ענטפערט:

— דאָס איז זייער דרך, זייער וועג. אָט אַזוי זעען זיי עס. אָבער צו וואָס זיין אַזוי זיכער און נתפעל ווערן? ס'זיינען דאָ אַנדערע וועגן אויך . . .

לייוויקן האָט עס אימפּאָנירט. אַלע קאָכן זיך, שרייען און דער פרוש איז רואיק, זיכער מיט זיך זעלבסט. קיינמאָל ניט אויפגערעגט, ווי איינער

וואָס האָט אַלץ געזען און ווייס אַז מען דאַרף פאַרקוקן מענטשלעכע שוואַכ־קייטן...

יאָרן שפּעטער, ווען ס'פלעגט אָפט קומען אין פּאַרטיי־קאַמפן צו שאַרפע ווערטער און ביטערקייט, פלעגט זיך לייוויק דערמאָנען אין דער רואיקייט פון פּרוש, אין זיינע מילדע בלויע אויגן און זיינע שטילע ווערטער: „ס'זיינען דאָ אַנדערע וועגן אויך".

לאַנג אין דער ישיבה האָט דאָס יינגל ניט געקאָנט פאַרבלייבן. ער האָט דאָן געלערנט אין דער „שואבי מים" שול. ס'רעדט זיך אַזוי — גע־לערנט. ער האָט זיך כלומרשט געשאָקלט איבער דער גמרא און געהאַלטן אונטן אַ רוסיש אָדער העברעאיש ביכל. ער האָט דאָן אויך אַ סך גע־שריבן לידער אין העברעאיש.

דער משגיח (אויפזעער) האָט באַמערקט אַז דאָס יינגל פאַלשעוועט אונטער און האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אים.

איינמאָל איז דער משגיח געקומען אין שול און געכאַפּט לייוויקן אַריינקוקן אין אַ „טריף פּסול". דאָס ביכל איז געווען אברהם מאַפּוס „אהבת ציון". דער משגיח האָט צוגערופן דעם שמש, און דער אַלטער שמש האָט באַלד מיט כעס באַפוילן:

— שוין אַרויס! אַט באַלד זאָל דאָ דיין פוס ניט זיין!

דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן איינטענהן:

— דאָס ביכל איז דאָך „אהבת ציון" פון מאַפּו. ס'איז ניטאָ אין ביכל קיין אַפּיקורסישקייט. ס'איז נאָר אַ באַשרייבונג פון ירושלים אין דער צייט פון די נביאים.

אָבער דער משגיח איז ניט נתפּעל געוואָרן פון די טענות. ער האָט אויסגערופן מיט ביטול:

— מיר קאָנען אייער צאַצקע מאַפּו. ער האָט דאָס ביכל געשריבן אום שבת.

און דער שמש האָט ווייטער אויסגעשריען:

— אַרויס, אַרויס!

דאָס יינגל האָט פאַרלאָזן די ישיבה מיט אַ גרינגן געמיט. אַן עק, פּטור געוואָרן. איצט וועט זיך אָנהייבן אַן אמתער לעבן. ער וועט לערנען, לייענען און שרייבן. ער וועט אַ סך לערנען און שרייבן — ער וועט ווערן אַ שרייבער.

## ה. ל י י ו י ק

ער איז געקומען אַהיים מיט אַ חודש פריער פאַרן סוף זמן. דער טאַטע האָט אים נאָך פאַרן שלום עליכם געפרעגט:

— וואָס אַזוי פרי?

— פאַרענדיקט מיט דער ישיבה, — האָט לייוויק געענטפערט.

— וואָס הייסט פאַרענדיקט? — האָט דער טאַטע געפרעגט מיט רוגזה.

— איך וויל מער ניט זיין קיין רב, — האָט דאָס יינגל געענטפערט.

— איך וויל זיין אַ שרייבער.

— אַ שרייבער? — האָט דער טאַטע זיך געוואונדערט. — וואָס פאַר אַ תכלית איז דאָס?

דאָס יינגל פּרובירט דערקלערן דעם טאַטן די וויכטיקייט און גרויסקייט פון זיין אַ שרייבער. אָבער דער טאַטע פאַרשטייט עס ניט. ער קאָן עס גאָרניט באַנעמען. דער ריס צווישן טאַטן און זון איז געוואָרן גרעסער.

## אַ לערער אין דאָרף

אין הויז האָט לייוויק ניט געוואָלט בלייבן. ער האָט זיך ניט געוואָלט אָנזעצן אויף דער אָרעמקייט. ער איז געוואָרן אַ לערער אין אַ דאָרף.

ער איז אַלט געווען אַ יאָר פופצן. די נאַטור פון דאָרף — די אָפענע פעלדער און טיפע וועלדער האָבן אויף אים געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. ער האָט געלערנט מיט די קינדער און אַליין געלערנט. ער האָט געלייענט יידיש, העברעאיש און רוסיש. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די רוסישע קלאַסיקער און אויך איבערגעלייענט גאַנץ היינע אויף רוסיש. אָבער די הויפּט ווירקונג האָבן אויף אים געהאַט מענדעלע און י. ל. פּרץ. ער האָט דאַן זייער אַ סך געשריבן: פּאָעזיע, פּראָזע און אויך אַ דראַמע אָנגעשריבן. און אַלץ אויף העברעאיש. ער איז דאַן געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט ווערן אַ העברעאישער שרייבער.

סוף זמן איז ער צוריקגעקומען אין שטעטל. דאָרטן האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע און איז געוואָרן אַ פאַרברענטער בונדיסט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן פירן אַ טאָפּלטן לעבן — אַ העברעאישער לערער און אַ בונדיסט.

לאַנג האָט ער די לערעריי ניט אָנגעהאַלטן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן

אינגאַנצן צו דער אַרבעט פון בונד. ער האָט דעמאָלט אויפגעהערט שרייבן העברעאיש און אָנגעהויבן שרייבן יידיש.

דער קאַמף מיטן טאַטן האָט זיך פאַרשאַרפט. דער טאַטע האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי דער זון האָט זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן פון פרומקייט און חברט זיך מיט באַלמעלאָכעס. ער האָט דאָך געלייגט אויף אים אַזעלכע האַפענונגען. און זיין האַרץ האָט זיך אויך געשראָקן — מען וועט דאָך אים אַרעסטירן. גלאַט וועט דאָס דעם יינגל ניט אַראָפּ.

לייוויק האָט זיך ניט גערעכנט מיט דעם. אָבער ווען עס איז געקומען אַ יום־טוב האָט ער געבענקט נאָך דער שול, איבערהויפּט ווען ס'איז געקומען אַ יום־טוב ווען מען האָט געדוכנט. געדענקט ער איינמאָל אַ ראש־השנה. אין שול איז ער ניט געגאַנגען — ס'איז דאָך קעגן זיינע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן, אָבער אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט פאַר זיך: אין שול דוכנט מען און ער שלייכט זיך אַרום אַ וואָכעדיקער. דעם טאַטן אָבער וועט ער עס ניט דערציילן.

יענעם יאָר האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע אין שטעטל. מען האָט אים און נאָך צוויי חברים אַרעסטירט. אין טורמע האָט מען זיי צום ערשטן געטריבן דורכן סטראָי — צעשטעלט צוויי שערענגעס סאָלדאַטן און די חברים געטריבן צווישן די רייען זעלנער. די סאָלדאַטן האָבן געשלאָגן.

דערנאָך האָט מען די צוויי חברים פאַרשיקט אין סיביר. לייוויקן, אַלס מינדעריאָריקן, האָט מען באַפרייט.

אין סוף 1905 האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד אָנגעהויבן צוזאַמענברעכן. לייוויק האָט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און איז אַוועקגעפאָרן צום צווייטן מאָל קיין מינסק.

## דער אַרעסט

אין מינסק האָט לייוויק געלעבט זייער שלעכט. ער האָט געהונגערט און ניט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט מער ברען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון בונד. ער האָט אויך געשריבן אַ סך לידער. ס'האָט אים אָבער ניט צופרידן געשטעלט, ווייל פון שטעטל זיינען אָנגעקומען שלעכטע נייעס. די גאַנצע באַוועגונג דאָרט איז טויט. דאָס געווער און רעוואָלוציאָנערער אַרכיוו זיינען אין ניט זיכערע הענט. ער האָט געפילט אויף זיך אַן אַחריות — אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר

## ה. ל י י וו י ק

אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלאָזן דאָרטן. צו דעם איז דער הונגער אין מינסק געוואָרן ניט איבערצוטראָגן.

ער האָט זיך צוריקגעקערט אין שטעטל.

ער האָט זיך געפילט בעסער צווישן אייגענע. ער האָט אָנגעהויבן פאַרזאָרגן דאָס געוועער און דעם רעוואָלוציאָנערן אַרכיוו.

ס'איז געווען אַ האַרבסט אָוונט. לייוויק האָט זיך געפילט דערהויבן. אַלץ איז פאַרזאָרגט געוואָרן. דער אַרכיוו צונויפגעזאַמלט און באַהאַלטן. דאָס געוועער באַגראָבן. אַלץ פאַרזאָרגט.

יענעם אָוונט האָט ער פאַרבראַכט צווישן אייגענע חברים און געטרונקען. ער האָט פאַרגעלייענט זיינע לידער. מען האָט זיי גוט אויפגענומען. ער האָט געפילט יום־טובדיק און דערהויבן.

ער האָט געוואָלט בלייבן שלאָפן דאָרטן ביי אַ חבר, ס'איז אָבער ניט געווען וואו, איז ער אַוועק אַהיים.

די נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע, אַ שיינע, אַ האַרבסטיקע. לייוויק איז געקומען אַהיים אַביסל בגילופינדיק און האָפערדיק. ער האָט געטראָפן טאַטע־מאַמע וואַך.

ווי נאָר ער איז אַריין אין הויז האָט דער טאַטע גענומען שטראָפן און בייזערן זיך. לייוויק האָט ניט געענטפערט. אים האָט אויסגעקוקט מאָדנע, וואָס אָט די צוויי מענטשן — טאַטע־מאַמע — זיינען אַזוי באַזאָרגט וועגן זיין גורל. אים איז דאָך אַזוי גוט!

און דער טאַטע רעדט און שטראָפט און לאָזט אויס:

— געדענק, לייוויק, מיינע ווערטער. דו וועסט גוט ניט אָפּשניידן, מען וועט דיך צונעמען.

לייוויק האָט געשוויגן.

מען האָט זיך געלייגט שלאָפן. לייוויק האָט זיך געלייגט אויפן טאָפּטשאַן ביי אַ פענצטער.

פאַרן שלאָף האָט ער נאָך אַריינגעקוקט אין עטלעכע פאַפּירן און געפילט אַז אַלץ איז פאַרזאָרגט. ניטאָ וואָס צו דאגהנען. ער האָט אָנגעהויבן איינדרימלען.

מיט אַמאָל דערפילט ער, אַז אַרום אים איז געוואָרן ענג. אים דוכט זיך, אַז ער זעט אַ סך פנימער. די פנימער שטיקן אים.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שפּרונג. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו פענצטער — טאַקע פּנימער סטאַרטשען אַרויס. ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום אַנדערן פענצטער — ווידער פּנימער. עס ווערט אים מאָדנע. ער איז אָבער נאָך אַלץ שלעפעריק, האָט ער זיך צוריקגעלייגט אויפן טאַפּטשאַן און געוואָלט ווידער איינשלאָפן. ערשט מען קלאַפּט.

— זאָלן זיי קלאַפּן, —האָט ער געטראַכט. — מיין דאגה! איך וועל איינשלאָפן. וואָס קאָנען זיי מיר טאָן אַז איך וויל שלאָפן?

דאָס הויז איז געוואָרן פול מיט סטראַזשינקעס (פּאָליציי). ער האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געמאַכט שלעפעריק. מען האָט אים אויפגעוועקט גאַנץ גראָב.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט. די פּאָליציי קערט אי־בער דאָס שטיבל קאַפּויר.

— זאָלן זיי זוכן! — האָט ער גערעדט צו זיך, אַ מכה וועלן זיי געפינען.

אָבער באַלד האָט ער דערזען, אַז מען טראָגט דעם באַהאַלטענעם אַר־כיוו, די ביכער. זיי האָבן עס טאַקע געפונען.

די מאַמע איז געשטאַנען און געטרייסלט זיך פון שרעק. אַ קליין ברו־דערל, אַ יאָר צוויי, וואָס האָט זיכער ניט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום אים, האָט געזען ווי די מאַמע ציטערט פון שרעק, האָט ער אויך גענומען ציטערן.

מען האָט לייוויקן באַפוילן זיך אָנטאָן. ער איז שנעל פאַרטיק גע־וואָרן. ער האָט געוואוסט וואוהין מען פירט אים. אָבער מאָדנע, ער איז געווען רואיק. ניין, מונטער. ער האָט זיך איצט געפילט גלייך מיט אַלע אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן. ער וועט אויך טראָגן די לאַסט פון דער רע־וואָלוציע.

מען האָט אים באַפוילן גיין. די מאַמע איז צו אים צוגעגאַנגען און אים דערלאַנגט אַ פּעקעלע מיט שטרודל:

— נאַ, זון מיינער, נעם. וועסטו האָבן עפּעס וואָס צו נעמען אין מויל.

ער האָט מיטגענומען דעם שטרודל...

אין דרויסן האָבן אים די סטראַזשניקעס אַרומגערינגלט און גענומען

ה. לייוויק

פירן אים צו דער שטעטלשער טורמע. די גאַס איז געווען שטיל. די לבנה נאָך אַלץ אַ גרויסע, אַ ליכטיקע. די טריט האָבן אָפּגעהילכט אין די ליידיקע גאַסן.

אָט איז די טורמע.

מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַן איינצל־קאַמער.

די טיר פאַרמאַכט זיך. דער שלאָס פאַרשליסט זיך, שטיל, שטיל.

אויף לאַנגע יאָרן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. אַ נײַ לעבן האָט זיך אָנגעהויבן.

# י. י. זינגער

## לויט מינדלעכע מיטטיילונגען און זײַנע ווערק

# י. י. זינגער

י. י. זינגער איז געבאָרן געוואָרן דעם 30טן נאָוועמבער 1893 אין בילגאָריי, לובלינער געגנט, פּוילן. ער איז געשטאָרבן, דעם 10טן פעברואַר, 1944, אין ניו־יאָרק.

זינגערס פאָטער, פּנחס מענדל, איז געווען אַ רב און אַ מחבר פון איניקע ספרים. די מאַמע, בת שבע, אַ וואויל קענעוודיקע, שטאַמט פון גרויס יחוס. איר פאָטער איז געווען אַ באַרימטער רב אין דער קרייז שטאָט, בילגאָריי, פּוילן.

י. י. זינגער האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. ביז זיבעצן יאָר האָט ער געלערנט נאָר יידישע לימודים, אין די ישיבות און בתי־מדרשים פון גער, ראַדזימין און וואַרשע.

באַהאַלטענערהייט האָט ער אָנגעהויבן גיין אין ביבליאָטעק און נעמען העברעאישע און יידישע ביכער צו לייענען. דער פאָטער האָט אים געוואָלט חתונה מאַכן און אים מאַכן פאַר אַ רב. זינגער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז פון זיינע עלטערן, זיך אָנגעהויבן לערנען פּויליש, רוסיש און דייטש, און איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק.

ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „וואַרשעווער טאָגבלאַט", איז געווען אַ קליינע הומאָרעסקע.

נאָך דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע — אין 1917 — איז זינגער אַוועק קיין קיעוו. אין 1920 איז ער אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע. אין 1921 פאָרט ער צוריק קיין וואַרשע, און דרוקט אָפּ זיין דערציילונג „פּערל", וואָס האָט אים באַלד געשאַפן אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור.

זינגער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען, דערציילונגען, און זיינע באַרימטע ראָמאַנען, „יאָשע קאַלב", „ברידער אשכנזי", „חבר נחמן" און „משפחה קאַרנאָווסקי". די ראָמאַנען זיינען אויך דראַמאַטיזירט געוואָרן פאַר דער בינע, און האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. זיינע ראָמאַנען זיינען איבערזעצט געוואָרן אויף עטלעכע שפּראַכן.

אין 1934 איז י. י. זינגער געקומען מיט זיין פאַמיליע קיין אַמעריקע, און זיך דאָ באַזעצט.

זיין קבר געפינט זיך אויף דעם הר־הכרמל בית־עולם פון אַרבעטער־רינג.



י. י. זינגער

## דער טאַטע הרב פּנחס מענדל

אַ שטעטל די גרויס ווי אַ גענעץ, מיטן נאָמען לענטשין. פון איין זייט איז געלאָפן די ווייסל, פון די אַנדערע דריי זייטן איז דאָס שטעטעלע געווען אַרומגערינגלט מיט טיפע וועלדער און ווייץ־פעלדער. דאָס שטעטעלע איז געווען אַ יונגס — ערשט פון דער נאָדל אַרויס. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן די יידן צו וואוינען אין די דערפער. האָבן די אַרויסגעטריי־בענע יידן אָפּגעקויפט ביים פּריץ אַ שטיק ערד און אויפגעבויט אַ שטעטל.

די יידן האָבן זיך באַזעצט אויף דעם אָפּגעקויפטן שטיק לאַנד און אָנ־געהויבן האַנדלען מיט די אַרומיקע דערפער. אַ סך קאָלאָניסטן האָבן זיך דאָרטן געפונען און די יידן האָבן גוט געלעבט מיט די פּראָסטע פאַרהאָרע־וועטע פויערים.

דער רב פון שטעטל איז פנחס־מענדל. אַ קליין געוואוקסיקער ייד מיט אַ גרויסער באָרד. געלעבט האָט ער אין אָרעמקייט און דחקות, אָבער ער איז געווען צופרידן מיט זיין גורל. ער האָט ווייניק געדאַרפט — טאָג און נאַכט געווען פאַרטאָן אין זיינע ספרים, געלערנט גמרא, פּוסקים, גע־גריבלט זיך אין זוהר און מחדש געווען חידושים.

אָט דאָס קליין יידעלע האָט געקאָנט ווערן רב אין אַ גרויסער שטאָט און לעבן אין רחבות. אָבער ער האָט ניט געוואָלט לערנען קיין רוסיש. אין יענער צייט האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז כדי אַ רב זאָל קאָנען אָנגענומען ווערן געזעצלעך אין אַ שטאָט, מוז ער אויס־האַלטן אַן עקזאַמען אין רוסיש. דער קליין שטעטלדיקער פרומער רב האָט נים געוואָלט האַלטן דעם עקזאַמען. אַז די פריינט, באַקאַנטע און קרובים זיינען צו אים צוגעשטאַנען:

— סטייטש, ווי איז דאָס אַ ייד אַזאַ עקשן? זאָל ער נאָר אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, וועט די וועלט זיין אָפן פאַר אים. ער וועט ווערן אַ רב אין אַ גרויסער קהילה, פּרנסה וועט זיין פון דער פולער האַנט און כבוד — ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ למדן.

רב פנחס האָט שטיל געענטפערט:

— איך ווייס, איך ווייס, פּרנסה איז אַ גרויסע זאַך. אָבער איך האָב שוין איינמאָל געקראָגן סמיכה אויף רבנות פון פרומע יידן למדנים, גדולי

הדור. דאַרף איך ניט נעמען נאָך אַמאָל קיין סמיכה פון אַ גוי. און אַז דער גוי איז אַ גובערנאַטאָר, איז וואָס?

זיין ווייב בת־שבע איז געווען אַ וואויל קענעוודיקע, זי האָט געלערנט העברעאישע מוסר ספרים, אַריינגעקוקט אין מדרשים און עין יעקב, זי איז געווען גוואַלדיק פרום און זי האָט געהאַלטן מיט איר מאַן. איז אַזוי געבליבן. רב פנחס האָט ניט געהאַלטן קיין עקזאַמען פאַרן גובערנאַטאָר און די משפחה האָט ווייטער געלעבט אין אָרעמקייט און אין דחקות.

## דער יאָך פון חדר

אַז ישראל יהושע, איצטיקער י. י. זינגער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטוב, שיע, איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט אים דער טאַטע, דער רב, איינגעוויקלט אין אַ טלית און אים אוועקגעטראָגן אויף די הענט אין חדר אַריין. דעם מלמדס ווייב איז זיי אַנטקעגן געקומען און האָט גע־זאָגט פרום:

— זאָל גאָט געבן אַז ער זאָל באַגערן צו לערנען.

— אָמן, האָט דער פרומער טאַטע געענטפערט.

דער מלמד האָט גענומען אַ גרויסן טאָוול. אויפן טאָוול איז געווען אָפּגעדרוקט דער אַלף־בית, און דער מלמד האָט געהייסן דעם יינגל נאָכ־זאָגן די אותיות. דער מלמד האָט ניט אָנגעהויבן פון דעם ערשטן אות אַלף נאָר:

— זאָג זשע יינגעלע אָט איז אַ שין.

ענטפערט שיע:

— אַ שין.

— און אָט איז אַ דלד.

— דלד, — ענטפערט דאָס קינד.

— און אָט איז אַ יוד.

— יוד, — זאָגט נאָך דאָס יינגל.

אינאייגעם מאַכט עס, — זינגט אויס דער מלמד מיט אַ ניגון, — שדי — גאָט!

— שדי — גאָט, — זאָגט איבער דאָס יינגל.

און איצט זאָגן מיר ווייטער:

— אַלף!

אַלף, — זאָגט נאָך דאָס יינגל.

זאָג זשע: מעם!
— מעם, מורמלט נאָך דאָס ייִנגל.
און איצט זאָג זשע תיו.
— תיו, — רעדט אַרויס דאָס ייִנגל שאַרף.
—אינאיינעם מאַכט עס, — זאָגט ווייטער אַרויס דער מלמד — אמת!
— אמת, חזרט שיִע איבער דאָס וואָרט.
— איצט הער מיט קאָפּ: דאָס ערשטע וואָרט איז שדי. לייג זשע צו דאָס וואָרט אמת, ווערט שדי אמת. טאָ זאָג זשע:
— שדי אמת — גאָט איז אמת.
— גאָט איז אמת, האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעזונגען.
דער טאַטע האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ קאָפּיקע אויפן אַלף־בית און געזאָגט:
— דאָס האָט דיר אַ מלאך פון הימל אַראָפּגעוואָרפן אַ קאָפּיקע פאַר דייַן גוט לערנען.
נאָכדעם האָט מען געטיילט אַלע קינדער ראָזשינקעס מיט צוקערקעס און די רביצין האָט געזאָגט:
— אַזוי די ווי ראָזשינקעס מיט די צוקערקעס זיינען זיס צום גומען, אַזוי זאָל אים די תורה זיין זיס.
דאָס חדר האָט ניט אויסגענומען ביים ייִנגל. דער רבי, אַ קליינינ־קער מיט רויטע אָנגעשוואָלענע אויגן, זיצט ביים טיש אָן אַ קאַפּאָטע מיט אָן אָפּענער האַריקער ברוסט. אין ווינקל שטוב ביי דער קיך זיצט די רביצין און שיילט קאַרטאָפל און וואַרפט זיי אין אַ טאָפּ וואַסער. יעדעס מאָל וואָס זי וואַרפט אַריין אַ קאַרטאָפל, טוט דאָס וואַסער אַ שפּריץ איבער דער שטוב. די מלמדקע האַלט זיך אין איין אַרומרייסן מיט דער קאַץ, וואָס וויל ניט אַראָפּקריכן פון אויוון.
— פשיק, אַן אויסרייסעניש אויף דיר, שילט זי די קאַץ, און דאָס באַ־שעפעניש ליגט אויפן אויוון, קוקט מיט גרינע אויגן און רירט זיך ניט פון אָרט. די מלמדקע טוט אַ וואָרף אויף איר אַ שטיק האָלץ. די קאַץ טוט אַ שפּרונג און אין אַ ווײַלע אַרום ליגט זי ווייטער אויף דעם זעלביקן אָרט.
אין אַן אַנדער ווינקל זיצט דעם רבינס מיידל, באָרוועס, אין אַן אונ־טערקליידל, און דער שוואַרצער קאָפּ האָר צעשויבערט; שניפּט מיט דער נאָז און בייט זעלנערשע העמדלעך, וואָס זי האָט גענומען ביים שניידער צו פאַרענדיקן.

סיי זומער און סיי ווינטער זיינען די פענצטער פארהאקט אין חדר און דער דרויסן איז אזא שיינער. דאס שטעטל איז ארומגערינגלט מיט פעלדער און וועלדער, און די ווייסל כישופט, רופט זומער צו זיך, צו באדן זיך אין אירע קילע וואסערן, און ווינטער רייצט זי מיט איר גליטש.

דאס יינגל שאקלט זיך איבערן חומש, אבער דער קאפ ליגט אין דרויסן. די מלמדקע שרייט, דער רבי איז צערייצט, פארביטערט. זיינע גרויסע אויסגעקוילערטע אויגן רייסן זיך פון געלן פנים און ער שלאגט וואו ער קאן נאר דערלאנגען. ביים יינגל ווערט איינגעווארצלט א שנאה צום קאמישן, בייזן רבין און צום שטיקנדיקן חדר.

א טרייסט פארן יינגל איז נאר וואס גאנץ אפט ווערט ער פטור פון חדר אויף א פאר טעג. אזעלכע טעג זיינען די יארידן. הונדערטער פוי־ערים קומען אן מיט פערד און וועגענער. קי מוקען, עופות קארדאטשען, הזירים קוויטשען, פערד הירזשען, יידן הענדלער שמייען, דינגען זיך, פאטשן אין פויערשע הענט. טאנדייטניקעס, היטלמאכערס, שוסטערס, הענד־לער אלערליי רופן אויס ראשיק זייערע סחורות. פויערטעס אין געבלומטע קליידלעך און באהאנגען מיט פאטשערקעס און קרעלן דרייען זיך ארום די שטעלן; דינגען זיך, לאכן און קוויטשען. בעטלערס און מוזיקאנטן זינגען און שפילן. קונצן־מאכערס ארבעטן מעשים: קלאפן אין פויקן, קוליען זיך און מאכן קונצן. א קארוזעלע האט זיך געדרייט צושפילנדיק אויף א קאטא־רינקע. באלעגאלעס און פערדהענדלער האבן אויסגעפרואווט פערד און געריטן, געיאגט זיך פריילעכע איבערן מארק. קאזאקן אין זייערע ברייטע הויזן, מיט אוירינגלעך אין די אויערן, האבן זיך ארומגעשלייכט צווישן די וועגענער. דער מארק האט געזאטן פון טומל, האנדל, דינגעניש, געלעכ־טער און טאראראם.

אין די יאריד־טעג האט מען ניט געלערנט אין די ניט כשרע חדרים. מען האט מורא געהאט פאר פאליציי. אין ניט כשרע חדרים האבן די מלמדים ניט געהאט קיין „שיין״ (דערלויבעניש) פון דער רעגירונג. א דערלויבעניש האט מען געקראגן נאר אז מען האט געלערנט אויך רוסיש. פרומע מלמדים האבן ניט געוואלט לערנען קיין רוסיש און זיין אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי. אפגעהיטע יידן האבן געשיקט זייערע קינדער דווקא אין די ניט כשרע חדרים. שיע איז געגאנגען אין אזא חדר. דערפאר איז דאס יינגל געווען פריי אין די יארידן. ער איז ארומגעלאפן

איבערן מאַרק אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרשמייעטער, זיך געקלעפּט צו די פערד־הענדלער, גאָר ניט ווי אַ רבס זון.

מען האָט ניט געלערנט אין די ניט כשרע חדרים ווען מען איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל צו מאָביליזירן פערד. אויפן מאַרק זיינען אָנגעקומען הונדערטער פויערים מיט אַלערליי פערד. מיליטערישע באַאַמטע פלעגן מעסטן יעדן פערד, באַקוקן אים און באַטאַפּן אים און דערנאָך אים שטעמפּלען. די פרומע מלמדים האָבן מורא געהאַט פאַר די מיליטערישע באַאַמטע און די חדרים זיינען געווען פאַרמאַכט.

ווען די מאַנעוורעס פלעגן זיך אָנהייבן זיינען ווידער די חדרים געווען פאַרמאַכט. דאָס שטעטל יאיז געווען פאַרפלייצט פון מיליטער. די פרומע מלמדים האָבן געציטערט און זיי האָבן פאַנאַנדערגעלאָזן די חדרים. ביים יינגל זיינען די מאַנעוורעס געווען גאָר, גאָר אַ גרויסע געשעעניש. באַלעבאַטים פאַרבעטן די יידישע סאָלדאַטן אויף שבת. שאַרפע חסידים טוען דאָס ניט. זיי קוקן קרום אויף די יידישע סאָלדאַטן. זיי זיינען אָנגעטאָן ווי יוונים און זיינען גלוחים. זיי האָבן פאַרלאָרן דעם צלם אלהים. גנבעט זיך אַרויס שיע פון טאַטנס שטוב און פאַרקלייבט זיך צו אַ פּראָסטן יידן, וואָס האָט גענומען דריי סאָלדאַטן אויף שבת. ער זיצט ביים טיש און שלינגט יעדעס וואָרט. די סאָלדאַטן ריידן ליטוויש און זיי דערציילן מעשות וועגן מלחמות און ווי יידן לעבן אויף דער וועלט.

## דער יאָך פון אַ פרומער שטוב

שווער איז דעם יינגל צו לעבן אין דעם טאַטנס שטוב. דער טאַטע איז שטרענג צו זיך און שטרענג צו די קינדער. ער טראָגט אויף זיך דעם יאָך פון גאָט. ער עסט ווייניק און איז אָנגעטאָן אָרעם. ער היט זיך נאָר אַז די קליידער זאָלן זיין ציכטיק ריין. טאָג און נאַכט איז ער פאַרטאָן אין גאָטס תורה. און די תורה האָט ניט קיין ברעג און קיין גרונט. די שטוב איז פול מיט ספרים און ספרימלעך. גראָבע גמרות געבונדן אין דיקע טאָוולען, חסידישע ספרים און קבלה ספרים. דער טאַטע לערנט, זוכט און נישטערט און פאַרשרייבט אָוואו נאָר אַ ליידיק שטיקל אָרט ביים ראַנד פון בלעטער. אַז גאָטס תורה איז טיף, ווער קאָן זי דערגרונטעווען? און גאָטס געבאָטן? מען קאָן זיך אָן זיי קיין ריר ניט טאָן — אָדער ס'איז אַ מצווה, אָניט, איז עס אָן עבירה, גלאָט לעבן אויף דער וועלט קאָן מען נים.

דער פרומער חסידישער רב זואָלט וועלן, אַז זיינע קינדער זאָלן אויך טראָגן דעם יאָך פון גאָט, פון דעם אייבערשטן, וואָס רוט אין די הימלען און וואָס די וועלט איז פול מיט זיין כבוד און רום. די וועלט איז דאָך ניט מער ווי אַ דורכגאַנג, אַ קאָרידאָר. יענע וועלט וועט געדויערן לאַנג, לאַנג, אָן אייביקייט. דאַרף יעדער ייד וויסן וועלכן וועג אויסצוקלייבן — קיין ספק טראַכטן טאָר מען ניט, דער וועג איז אַ קלאָרער — דער וועג וואָס פירט צו גאָט און צום אייביקן לעבן.

און ניט נאָר דער טאַטע וויל אַז שיע זאָל זיך אויפפירן לייטיש, האַלטן שטאַט. דאָס גאַנצע שטעטל קוקט אויף אים ווי אויף דעם רבס זון, וואָס דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע יינגלעך. אָבער דאָס יינגל וויל ניט האַלטן קיין שטאַט. ער האָט גאָר ליב צו שטיפן און צו חברן זיך מיט די יינגלעך וואָס זייערע טאַטעס האָבן פערד. אפילו אין שול, ביים דאַווענען, האָט ער ליב צו שטיין דווקא ביי דער טיר וואו די פּראָסטע יידן שטייען. זיי רעדן וועגן פערד, וועגן דאָרפישע גויים ביי וועמען זיי זיינען אַ גאַנצע וואָך; די יידן דערציילן וועגי געשלעגן, וועגן וועלף, אַלערליי העלדישע מעשות. דער רב פלעגט זיך כאַפּן אַז דאָס יינגל פעלט אויבן־אָן. האָט ער אים אַ רוף געטאָן. שטייט ווידער דאָס יינגל צווישן די שיינע יידן, פרומע חסידים און פייערדיקע קעפּ. מען רעדט תורה און מען ברענגט אַרויס שאַרפע פּילפּולים. דאָס יינגל שטייט אויבן־אָן און זיין קאָפּ איז לעבן דער טיר, צווישן די פּראָסטע יידן.

דאָס יינגל איז ניט גאָר פרום. ער פעלשעוועט, ניט שטאַרק, דאָך פעלשעוועט ער אַ ביסל ביים דאַווענען. אַ לאַנגע צייט איז ער אַרומגע־גאַנגען אַ צעשראָקענער צוליב אַ גרויסער זינד וואָס ער איז באַגאַנגען. פאַר אַזאַ זינד איז קיין שטראָף ניט צו קליין. ווער ווייס וויפיל ער וועט ליידן אויף יענער וועלט. ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ זינד ער באַגייט, דאָך האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן.

עס איז געווען אין דעם גרינעם דאָנערשטיק. דער גרינער דאָנער־שטיק פאַלט אויס אין מיטן זומער. פון די דערפער אַרום האָבן גויים זיך צונויפגעקליבן אין שטעטל. פויערים, פויערטעס, שקאָצים און שיקסעס ווי דאָס זאַמד פון ברעג ים. יידן פאַרהאַקן טיר און לאָדן און זיצן פאַרשפאַרט אין די הייזער. ס'איז אַ סכנה אַרויסצוגיין אין גאַס. די גויים זיינען צע־היצט, צעקאָכט. זיי זיינען פאַרטאָן מיט זייער גרויסן יום־טוב און זיי קאָנען נאָך מאַכן אַ בילבול, אַז אַ ייד האָט אַ שפּיי געטאָן אויפן יויזל וואָס

זיי טראָגן. און גלאַט אַזוי, אַזוי פיל גויים מאַרשירן מיט זייערע געטער, איז אַ סכנה פאַר אַ יידן צו ווייזן זיך אין גאַס. די גויים כאַפּן זיך שלאָגן פאַר גאָר ניט. יידן האָבן דאָך געקרייציקט זייער גאָט, האַלטן די גויים. באַהאַלטן זיך די יידן. זיי פאַרשפאַרן זיך אין די שטיבער, ווילן אפילו ניט אַרויסקוקן אין גאַס. אָנקוקן אַ געטשקע איז אַ גרויסע עבירה.

דער קליינער שיע וויל פאַרט וויסן וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. וואָס טומלען זיי דאָרטן? צו וועמען זינגען זיי? און דאָס יינגל פאַרגנבעט זיך צו אַ שפּאַרונע פון אַ לאָדן און קוקט אַרויס — ער זעט הונדערטער און הונדערטער פויערים און פויערטעס זיינען אָנגעטאָן יום־טובדיק. יונגע פויערים טראָגן פאָנען. אויף די פאָנען זיינען אויסגעמאָלט יויזלען. דער גלח איז אָנגעטאָן אין גאָלדענע ריזעס. יונגע פויערטעס אָנגעטאָן אין ווייסן זינגען און וואַרפן בלומען פאַרן גלח.

דאָס יינגל כאַפּט אַוועק זיין אויג פון שפּאַרונע און ציטערט מיט אַלע איברים. דאָך איז ער פאַרכאַפּט פון דעם בילד. ער האָט אָבער מורא אפילו טראַכטן פון דעם. אַזאַ זינד, אַזאַ זינד! דאָך איז ער ניט זיכער, אַז ער וועט עס נאָך אַמאָל ניט טאָן. ער ווייס אַז ער איז אַ זינדיקער, אָבער ער קאָן זיך ניט איינהאַלטן.

ווייניק פרייד האָט דאָס יינגל און אים ציט אין דער ווייטער וועלט אַריין וואו עס איז ניטאָ קיין חדר, קיין רבי, קיין דיקע גמרות און אַזויפיל מצוות. דאָרטן איז אַ ליכטיקער דרויסן, גרינע פעלדער, וועלדער און אַזאַ פרישע לויפנדיקע ווייסל.

דאָך האָט זיך אַמאָל עפּעס יאָ אויסערגעוויינטלעכעס אַריינגעריסן אין יינגלס לעבן. אַ גרויסער יום־טוב איז ביי אים געווען ווען אַ מגיד איז געקומען אין שטעטל. דאָס יינגל האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט קיין מגידס דרשה. ער האָט ליב געהאַט די זינגענדיקע רייד פון מגיד און זיינע משלים. געוויינטלעך זיינען די מגידים געווען ליטוואַקעס און זייער לשון האָט געהאַט פאַרן יינגל אַ באַזונדער חן. ווען אַ משולח פון אַ ישיבה איז אָנגעקומען אין שטעטל איז דאָס אויך ביים יינגל פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ געשעעניש. דער משולח האָט געבראַכט נייעס פון דער גרויסער וועלט, און דאָס יינגל איז געווען שטענדיק נייגעריק צו וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ער פלעגט זיך אַפילו אָפּט אַריינגנבענען אין שול און צוהערן זיך צו די מעשות פון די אָרעמע לייט און פון דורכפאָרנ־דיקע געסט.

### י. י. זינגער

## ווייבערישע רבילעך און חסידים

אין שטעטל איז ניט געווען קיין רבי אָבער חסידים זיינען געווען אַ סך — געררער חסידים, ראַדזימינער און קאָצקער. דאָס שטעטל איז געווען קליין און עס זיינען ניט געווען קיין גענוג חסידים פאַר באַזונדערע שטיבלעך. זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן אינאיינעם און געדאַוונט אין איין בית־מדרש נוסח ספרד. אָפט האָבן די חסידים פון די פאַרשיידענע רביים זיך צעווערטלט צווישן זיך אָבער קיין פרעמדן האָבן זיי ניט געלאָזן זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף קיינעם פון זיי. אַז עס פלעגט קומען אַ רבינס יאָרצייט אָדער גלאַט אַ יומאָ דפגראָ פלעגן זיך די חסידים גוט־ברודעריש צונויפקומען, ברענגען אַ פאַס ביר, אָפּקאָכן גריץ און זיך משמח זיין. זיי האָבן דערציילט מעשות, געזונגען און געטאַנצט אַ קאַראַהאָד. נאָך די ערשטע פאַר גלעזלעך ביר פלעגט מען זיך ערשט צעהוליען און אַוועק טאַנצן אויפן טיש, פליעסקען מיט די הענט און טופען מיט די פיס אַז דער באַלקן פלעגט ציטערן. יידן אָרעמע, פאַרפּינצטערטע פלעגן פאַרגעסן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און די טריבע וואָכעדיקייט און געהוליעט, געטאַנצט און זיך געפרייט. פורים האָבן זיך די חסידים פאַרשטעלט און געשפּילט אַ פורים־שפּיל. דער גרעסטער הוליאַקע אין שטעטל איז געווען יעקב־דוד דער מלמד. אַ יינמאָל אין אַ פורים האָט ער זיך געמאַכט אַ האָרב, אויסגעשמירט איין האַלב פּנים מיט סאַזשע און דאָס אַנדערע האַלבע פּנים מיט מעל און זיך צעהוליעט אויף אַן אמת. ער האָט זיך איינמאָל אַזוי צעהוליעט אַז ער איז פון עקסטאַז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ פענצטער, געפאַלן און אַן אויג איז אים אויסגערונען. דאָך איז ער געבליבן דער גרעסטער הוליאַקע און דער פריילעכסטער ייד אין שטעטל.

די שיינע חסידים האָבן ניט געקאָנט פאַרליידן די ווייבערשע רבילעך. מיט דעם נאָמען האָבן די חסידים גערופן די רביים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקן הויף נאָר אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. אַזאַ רבילע פלעגט אָנקומען אין אַ בויד. מיט אים דער באַלעגאָלע און דער גבאי. פאַרפאָרן איז אַזאַ רבי צו אַ פּראָסטן יידן. די פיינע חסידים האָבן אָפּגעלאַכט פון דעם רבילעס פירעכץ און זיין תורה זאָגן. אָבער די ווייבער און די פּראָסטע יידן האָבן אויפגענומען דעם רבילע שיין און מיט כבוד. דאָס רבילע האָט געשריבן קוויטלעך, געבענטשט די ווייבער און געגעבן קמיאות. ווען דאָס יינגל האָט געהערט ווי די געהויבענע חסידים לאַכן

אָפּ פון דעם רבילע, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון געדאַנק אַז די שאַרפע קעפּ, די חסידים למדנים דערציילן פון זייער רבין די זעל־ביקע ניסים ווי די פּראָסטע יידן דערציילן פון דעם וויבערשן רבילע.

## אין בית־מדרש

דאָס יינגל איז אונטערגעוואָקסן אַרויס פון חדר און אַריין לערנען אין בית־מדרש. ס'איז געווען איינגעפירט אין שטעטל אַז די יינגלעך, וואָס זיינען אַרויס פון חדר צו לערנען פאַר זיך, זיינען געווען אונטער דער השגחה פון יונגעלייט וואָס זיינען אויף קעסט ביי שווער און שוויגער. קיין געצאָלט האָבן די יונגעלייט ניט געקראָגן, דאָס יינגל פלעגט נאָר באַדינען זיין רבין, פאָלגן אים אַ גאַנג, ברענגען אים עסן און נאָך אַזעלכע קליינינקייטן.

געווייגטלעך זיינען די יונגעלייט, די קעסט־קינדער, געווען אַ ביסל צעלאָזן — ווייניק אַליין געלערנט און נאָך ווייניקער געלערנט מיט די תלמידים. עס זיינען געווען אָבער אַזעלכע יונגעלייט וואָס האָבן גענומען דעם ענין זייער ערנסט. זיי האָבן אָפּגעהיט זייערע תלמידים אַז זיי זאָלן דאַווענען פרום, אין צייט און לערנען האָבן זיי געלערנט געשמאַק מיט די תלמידים.

שיע איז געווען מזלדיק. ער איז צופעליק אַריינגעפאַלן אונטער דער השגחה פון גאָר אַ פרומען יונגנמאַן. דער יונגערמאַן איז ניט געווען קיין קעסט־קינד ביי רייכע שווער און שוויגער. ער איז שוין געווען היפּשע עטלעכע יאָר פאַרהייראַט. זיין פרוי האָט געהאַלטן אַ שטעלכל פון מאַנו־פאַקטור אין מאַרק. זי איז געווען די אשת־חיל, די פרנסה געבערן. ער האָט פיינט געהאַט קרעמעריי, ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם טומל און דעם הו־האַ פון די יאַרידים. דאָס ווייב זיינס איז אַרומגעפאָרן אויף יאַרידים מיט שניט־סחורה, אויסגעוואַלגערט זיך אויף אַלע באַלעגאָלישע בוידן, וואָגנס, גענעכטיקט אין אַכסניות, אין איינפאָר־הייזער, אַרומגעריסן זיך מיט פּויערים, אַרומגעשלאָגן זיך מיט קאָנקורענטן, וואָס ווילן פאַרשטעלן דאָס שטעלכל אין מאַרק. ער, דער מאַן, איז געזעסן און געלערנט. געוויגט דאָס קינד און געהאַלטן אַ גמרא אין האַנט. געקאָרמעט די עלטערע קינ־דער און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ביינאַכט ווען די קינדער זיינען גע־שלאָפן איז ער אַוועק אין שול לערנען.

## י. י. זינגער

ער איז געווען מוראדיק פרום און אפגעהיט. שיע האָט זיך צוגע־קלעפּט צו אָט דעם פרומען ערלעכן יידן, וואָס האָט ניט געקאָנט קיין וואָרט גויאיש און מורא געהאַט זיך צוצורירן צו אַ פּויערטע, וואָס וויל אָנמעסטן אַ שטיקל סיץ. ער האָט יעדן איינעם אָפּגעטראָטן דעם וועג. ער האָט ניט געקענט קיין צורה פון אַ מטבע. אָבער אַז עס איז געקומען צו אַ שטיקל גמרא, צו אַ האַרבער סוגיא איז ער געוואָרן גאָר ווי העכער, פולער. די אויגן — פייער, דאָס מויל פול מיט קלאָרע, שאַרפע רייד און דער קאָפּ האָט געכאַפּט אָן ענין אַ סך שנעלער פון די יידענע יונגעלייט. ער האָט געוואוסט קלאָר וואָס ער רעדט און ניט אָפּגעטראָטן פון זיינס קיין האָר ניט.

לאַנג איז דאָס ייִנגל ניט געווען אונטער דער השגחה פון זיין חבר און רבין. אָבער י. י. זינגער דערמאָנט אים נאָך ביז איצט מיט ליבשאַפט. אין „חבר נחמן" האָט ער אים זייער שיין געשילדערט אונטערן נאָמען בערישל.

מיט אַ שווער האַרץ האָט זיך שיע געשיידט פון יונגנמאַן. די פאַמיליע זינגער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ שטעטל לעבן וואַרשע, וואו עס האָט זיך געפונען אַ רבישער הויף.

## דער רבי

שיע איז אַלט געווען צוועלף יאָר ווען די פאַמיליע האָט זיך אַריבער־געקליבן אין שטעטל צום רבין. דער טאַטע איז דאָרט געוואָרן ראש־ישיבה. ביי שיען איז געבליבן זייער אַ ביטערער נאָך־טעם פון דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין חסידישן הויף. דער חסידישער רבי איז געווען אַ מגושמדיקער ייד, אַ גרויסער, אַ הויכער, אַ פעטער מיט אַ באַוואַקסן פּנים, פון וועלכן מען האָט נאָר אַרויסגעזען די אויסגעקוילערטע אויגן און די פליישיקע נאָז. ער האָט געפירט דעם הויף מיט אַן אייזערנער האַנט און גענומען פדיונות רעכטס און לינקס. בעלי־חובות האָט ער ניט גע־צאָלט. ער האָט פאַרמאָגט הייזער און גיטער און פערד און קאַרעטן.

אַ סך חסידים — גלייביקע, פייערדיקע יידן, אָבער דער רבי גאָר ניט קיין הייליקער. דער הויף האָט זיך געפירט, ניט ווי שיע האָט געמיינט אַז אַ חסידישער הויף דאַרף זיך פירן. דער רבי האָט מקרב געווען די רייכע חסידים, די גבירים, אפילו ווען זיי זיינען געווען עם־הארצים. ביים שבת־דיקן טיש האָט ער זיי געזעצט נאָענט צו זיך. אָרעמע חסידים למדנים זיי־

נען געשטאַנען. דער גבאי איז ניט געווען בעסער פון רבין. עס איז אַ מנהג אַז שבת ביים רבינס טיש גיט יעדער חסיד וויין. די רייכע חסידים האָבן זיך געשטעלט ברייט. דער גבאי האָט געמאַכט עסקים מיטן וויין, גע־נומען געצאָלט פאַר גוטן וויין און געשטעלט פראָסטן ביליקן וויין. דער גבאי האָט אויך געזען מען זאָל שנעל אַראָפּנעמען פון טיש, אַראָפּנעמען פאַרחתמטע פלעשער און דערנאָך ווידער קריגן באַצאָלט פאַר זיי. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז די הכנסה ווערט צעטיילט גלייך אויף גלייך צווישן צדיק און גבאי.

דערצו נאָך איז דער רבי געווען באַלעבאָס פון הייזער אין וואַרשע און ער האָט זיך ניט געשעמט אַרויסצושטעלן אָרעמע לייט אין דרויסן, פאַר ניט צאָלן דירה געלט.

שיען האָט עס געערגערט ביז טויט. עס קלעפּט זיך דאָך ניט. אָבער דער טאַטע, דער פרומער ייד און דער גרויסער למדן האָט גאָרניט געזען און גאָר ניט געהערט. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף דער ישיבה און פאַר־שריבן דעם רבינס תורה. דער אמת איז געווען אַז דער טאַטע איז געווען דער אמתער מחבר פון דער תורה. דער רבי האָט נאָר אָנגעוואונקען מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ מאמר. דער טאַטע האָט אויסגעטייטשט, פאַרטייטשט און אַריינגעטייטשט זיין אייגענע חסידישע לומדות און געוויזן זיין רבנישע בקיאות. ער האָט מחדש געווען חידושים וואָס דעם רבין האָבן זיך קיינמאָל ניט געחלומט.

שיע האָט אָבער אַלץ געזען און געהערט. די תלמידים פון דער ישיבה האָבן געגנוג גערעדט וועגן שיינעם רבין. דעם רבינס שלעכטע מידות האָבן געטריבן אַ סך פון די תלמידים צו אַפּיקורסישקייט. י. י. זינגער געדענקט אַ ישיבה בחור, הערשל סטאָליער, האָט מען אים גערופן, וואָס האָט פאַר־לאָזן די ישיבה און איז געוואָרן אַ סטאָליער. דערנאָך האָט מען דערציילט אַז דער הערשל איז בעגאַנגען אין אַזאַ אָרט וואו מען האָט געטרונקען ביר און מיידלעך האָבן דאָרטן געטאַנצט. ער, שיע אַליין האָט געהערט הערשלען רעדן אַפּיקורסישע רייד.

אָט די נייע וועלט האָט אָנגעהויבן זיך אַריינשפּאַרן אין שיעס לעבן. שוין אין שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אָפּקלאַנגען. געדענקט זינגער ווי אין חלום אַז אין שטעטל זיינען געווען יידן וואָס מען האָט געמורמלט אויף זיי. די געכאַפּטע יידן זיינען דאָס געווען וואַלד־שרייבער. זיי האָבן געאַרבעט פאַר די גרויסע וואַלד־סוחרים. מען האָט אויף די שרייבערס

געזאָגט אַז זיי זיינען ציוניסטן. שיע האָט זיך טאַקע אויסגעלערנט אַ פּאָר ציוניסטישע לידער פון זייערע יינגלעך. לידער וואָס ער געדענקט ביז היינטיקן טאָג.

אפילו פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט מען עפּעס געהערט אין שטעטל. דער פּריץ האָט אַראָפּבגעבראַכט מאַליאַרעס צו פאַרריכטן די פּאַ־קאַיעס. די זעלביקע יונגעלייט האָבן אויך געמאָלן מלאכים און געטשקעס אין קלויסטער. די מאַליאַרעס זיינען געווען יידישע יונגעלייט אָבער פאַר יידן האָט מען זיי ניט געהאַלטן, אַז געגאָלטע זיינען זיי און מאָלן יויזלען מאָלן זיי, איז וואָס פאַר אַ יידן זיינען זיי? מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן וועגן די יונגעלייט, זיי האָבן גערופן די פּויערים זיך צו שטעלן קעגן קייסער. אויף אַזעלכע יונגען מעג מען אַלץ גלויבן, האָט מען גערעדט אין שטעטל. אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיינען פון דער שטאָט סאָ־כאַטשאָוו, אָנגעקומען פּאָליציאַנטן און געבונדן די יונגען מיט שטריק און זיי פאַרנומען. דאָס שטעטל האָט געקאַכט. פרומע יידן האָבן דריי מאָל אויסגעשפּיגן און אַרויסגעזאָגט: „כן יאבדו" — אַזוי זאָלן די רשעים פאַרלאָרן גיין. גוט אויף אַזעלכע געגאָלטע מאָרדעס און יויזל מאַליערס.

אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען ווייטע אָפּקלאַנגען. דאָ אָבער אין דער ישיבה האָט שיע געזען נאָענטע חברים, באַקאַנטע ישיבה בחורים וואָס פאַרלאָזן גאָט און לאָזן זיך אַוועק גאָר גאָר אויף מאָדנע וועגן.

## דער זיידע — דער שטרעגנער רב

ביים חסידישן רבין האָט זיך דער טאַטע לאַנג ניט געהאַלטן. ער האָט פאַרלאָזן דעם הויף און זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע. דאָס לעבן פאַרן יינגל איז ניט געוואָרן גרינגער. דער טאַטע, צוליב זיין ניט וועלן האַלטן עקזאַמען אין רוסיש, האָט דאָך ניט געקאָנט ווערן קיין אָפיציעלער רב. ער איז געוואָרן וואָס מען האָט גערופן אין וואַרשע אַ ווינקל מורה־הוראה (רב). די פאַמיליע האָט געוואוינט אויף אַן אָרעמער גאַס — קראָכ־מאַלניע, די אמתע חיונה האָט דער טאַטע, דער למדן, געצויגן פון מאַרק־הענדלער, קצבים וואָס זיינען געקומען פרעגן שאלות. ס'איז געווען אַ שווער, האַרט לעבן. די איינציקע טרייסט פאַרן יינגל פון זיין קינדהייט אַן איז געווען וואָס ער איז געפאָרן יעדן זומער צום זיידן דעם רב פון בילגאָריי.

## קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער

דער זיידע, דער מאַמעס טאַטע, איז געווען אַ רב אין דער קרייז שטאָט בילגאָריי. ער האָט געוואוינט אין קהלשן הויז. דער זון געווען מורה־הוראה אין דער זעלבער שטאָט.

דער זיידע איז געווען אַ מתנגד. ער איז פריער געווען אַ רב אין וואָליך. שפּעטער איז ער געוואָרן רב אין בילגאָריי. ער איז געווען אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, אַ הדרת פּנים, אַ גרויסער למדן און זייער אַ שטרענגער. די גאַנצע שטאָט האָט פאַר אים געציטערט. אפילו די חסידים. דער זיידע האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון די חסידים. יידן זאָלן זיך האַלטן אין איין אַרומרייסן צווישן זיך, האָט ער זיך געבייזערט. אָפט איז געקומען צו געשלעגן צווישן די ראַדזימינער חסידים וואָס האָבן געטראָגן בלויע ציצית, און די טריסקער און גערער חסידים, וואָס האַלטן ניט פון בלויע ציצית. אין שטאָט זיינען געווען אַלערליי חסידים: גאַריצער חסידים, שי־נאַווער חסידים און בעלזער חסידים. שטענדיק זיינען געווען קריגערייען צווישן זיי. אָפט איז געקומען צו מסירה. דער זיידע איז געווען בייז. ער האָט געוואָלט יידן זאָלן זיין פרום און לעבן צווישן זיך אין שלום. ער האָט טאַקע אַכטונג געגעבן אַז די שטאָט זאָל זיין שטרענג פרום. אַפילו די פעלדשער און קלעזמער, וואָס זיינען בטבע הפקר יונגען, האָבן פאַר אים געציטערט.

ווען דאָס יינגל פלעגט קומען פון טאַטנס אַרעמען הויז אויף אַ באַזוך צום זיידן, האָט ער זיך ניט געקאָנט אַנזעטיקן מיט דער רחבות און ברייטן פאַרנעם פון זיידן. און ניט נאָר דעם זיידנס פאַרנעם און אויפפירעכץ האָט פאַרכאַפּט דאָס יינגל נאָר די גאַנצע שטאָט האָט ביי אים געוואָלדיק אויסגענומען. די שטאָט איז געלעגן האַרט ביי דער עסטרייכישער גרענעץ. אין שטאָט פלעגן קומען אַ סך עסטרייכישע יידן. זיי זיינען געווען מאָדנע אָנגעטאָן. אַפילו די באַלעגאַלעס האָבן אויסגעזען אין זייער אָנטועכץ ווי רבנים.

אין שטאָט איז איינגעשטאַנען אַ פּאָלק קאָזאַקן. דאָס מושטירן זיך פון די רייטער האָט אויף דעם יינגל געמאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק. אין אונטן פלעגן אַרויסרייטן אין שטאָט די קאָזאַקישע אָפיצירן און אָפיצירשעס. דער זיידע האָט אימפּאָנירט אַלעמען מיט זיין אויפפירונג, מיט זיין חשיבות, מיט זיין גרויסער לומדות און התמדה.

י. י. זינגער

## דאָס יינגל פאַרלאָזט דעם טאַטנס שטוב

דאָס יינגל איז אונטערגעוואַקסן. ער איז שוין לאַנג אַרויס פון חדר. אַ לאַנגע צייט געלערנט גמרא און יורה דעה אין בית מדרש און אין ישיבות. זייענדיק אין וואַרשע האָט אים אַלץ מער און מער געצויגן צו דער ברייטער וועלט. ער האָט בגנבה פון טאַטן אָנגעהויבן גיין אין ביבליאָטעק און לייענען העברעאישע ביכער. דער טאַטע האָט זיך דערוואוסט און אים געוואָלט חתונה מאַכן. אַז דער יונג וועט חתונה האָבן האָט דער טאַטע געזאָגט וועט ער פאַרגעסן אַלע נאַרישקייטן און זיך נעמען צוריק צום לערנען, און ווערן אַ רב. דער יונג האָט אָבער ניט געוואָלט חתונה האָבן און ניט געוואָלט ווערן קיין רב. צו אַכצן יאָר האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם טאַטנס שטוב, אַנגעטאָן זיך קורץ און אָנגעהויבן זיך לערנען פויליש, רוסיש, דייטש און אַנדערע וועלטלעכע לימודים. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה — רעטושירן פאָטאָגראַפישע קלישעס און איז געוואָרן זעלבסט־שטענדיק. אָבער ער האָט געלעבט שווער. ער האָט זיך געלאָזן אין דער ברייטער וועלט אַריין — פון שרייבן האָט ער ניט געטראַכט. ערשט גאָר שפּעטער, ווען ער איז אַלט געווען צוויי־און־צוואַנציק יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן. אָבער דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער מעשה.